STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09524

TAYIS

Anatole France

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



אנאטאל פראנס

טאַיִס

פון פראַנצויזיש
י. דאָברושין

צווייטע אויפלאגע

פארלאג
„קולטור-ליגע"
ווארשע

איבערדרוקן אָן דער דערלויבניש פון פאַרלאַג פאַרבאָטן.

געדרוקט אין 2000 עקז.
װאַרשע, 1922.

Anatol France—Tais. Tłomaczył I. Dobruszyn.
Wyd. „KULTUR-LIGE", Warszawa 1922 r.

Druk. „Di Welt", Warszawa, Nowolipie 7.

In memory of dearly beloved
Geraldine (Gerry) Friedman
DONATED BY HER FATHER
TO THE
MOUNT SINAI SANATORIUM

לאָטאָס

אין יענע צייטן איז דער מדבר געווען באַזעצט מיט פּרושים, אויף ביידע ברעגן פונם טייך נילוס האָבן די נזירים מיט די אייגענע הענט פון צווייגן און ליים אויסגעבויט אָן אַ שיער געצעלטן, די געביידעס זיינען געשטאַנען אָפּגעזונדערט איינס פונם אַנדערן בכדי די, וואָס באַזעצן זיך דאָרט, זאָלן קאָנען וווינען ביחידות און דאָך אין נויט העלפן איינער דעם צווייטן. דאָ און דאָרט האָבן זיך צווישן די געצעלטן אַרויסגעזען פֿאַרפּוצטע קלויסטערס מיט צלמים און די מאָנאַכן פלעגן קומען אַהין אין די יום-טובים פראַווען די עבודה און דאַווענען צוזאַמען. סאַמע ביים ברעג טייך זיינען אויך געשטאַנען הייזלעך, ווו די נזירים האָבן געוווינט יעדערער אין זיין שמאָלן קעמערל און פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן נאָר צוליב דעם, כדי זיי זאָלן נאָכדעם מער הנאה האָבן פון דער התבודדות.

פּרושים און נזירים האָבן געפּראַוועט תעניתים, אָפּגעפּאַסט נאָר נאָך שקיעה און די גאַנצע סעודה זייערע איז באַשטאַנען פון אַ שטיקל ברויט, אַ ביסל זאַלץ און אַ קרייטעכץ. זיי אַלע זיינען געווען צנועים, זיי האָבן געטראָגן האָריקע לייבגאַרטלען און לאַנגע מאַנטלען, וואַך געווען גאַנצע נעכט און געשלאָפן נאָכדעם אויף בלויזער ערד, תפילה געטאָן, געזאָגט תהילים, הכלל, אַלע טאָג אָפּגעריכט דאָס, וואָס בעלי-תשובות דאַרפן אָפּטאָן; אויסקויפנדיק דעם חטא פון אדם הראשון, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט הנאה צו האָבן פון דער וועלט. זיי האָבן זיך אַפילו אָפּגעזאָגט צו ממלא זיין יענע באַדערפענישן, וואָס זיינען געווען אומבאַדינגט נויטיק פאַר אַ מענטשן פון

יענעם דור. די קראַנקהייטן פון גוף, האָבן זיי גערעכנט, מאַכן געזינטער די נשמה און די שענסטע צירונג פאַרן קערפּער זיינען שלעק און וווּנדן. אויף אַזאַ אופן זיינען מקוים געוואָרן די ווערטער פון די נביאים, וואָס האָבן געזאָגט: „דער מדבר וועט זיך באַדעקן מיט בלומען”.

פון די אַלע געסט, וואָס האָבן געוווינט אינם הייליקן טעבאַידער מדבר, האָבן אייניקע געפּאַטערט טעג אויף תעניתים און דבקות און אַנדערע האָבן פאַרדינט זייער אויסקומעניש, געפלאָכטן פאַלעם־צווייגן, אָדער פאַרדונגען זיך צו די שכנישע ערד־אַרבעטער אויף שניט־צייט. רייכע לייט פונם לאַנד האָבן על פּי טעות חושד געווען, אַז אייניקע פון די הייליקע לעבן פון רויבעריי, מאַכן שותפות מיט די וואָגלענדיקע אַראַבער, וואָס באַגזלענען די קאַראַוואַנען. אינדעראמתן אָבער האָבן די מאָנאַכן געהאַט גוטע מדות, פאַרהאַסט עשירות און דער שם זייערער האָט דערגרייכט ביז צום הימל.

מלאכים האָבן זיך פאַרשטעלט פאַר יונגע לייט און מיט שטעקנס אין די הענט, ווי אמתע רייזנדער, באַזוכט די געצעלטן, די ניט־גוטע אָבער האָבן אינם געשטאַלט פון עטיאָפּן, צי פון חיות געבלאָנזעט אַרום די נזירים, געפּרוּווט ברענגען זיי צו נסיונות. מיטן פרימאָרגן, בעת די מאָנאַכן פלעגן גיין צום קוואַל אָנפילן זייערע כלים, פלעגן זיי באַמערקן אויפן זאַמד פרישע טריט פון לצים און שדים. און דער מדבר איז געווען אַ קאַמף־פעלד, ווו יעדער שעה, בפרט ביינאַכט, פלעגן פאָרקומען אמתע וווּנדער־שלאַכטן צווישן הימל און גיהנום.

גאַנצע חיילות פון מזיקים פלעגן אָנפאַלן אויף די פרושים און זיי פלעגן זיך פאַרטיידיקן מיט גאָטס הילף און מיט דער הילף פון די מלאכים, גענומען תשובה טאָן, געפּראַוועט תעניתים און סגופים. צייטנווייז האָט זיי זייער יצר־הרע אַזוי געפּייניקט, אַז זיי פלעגן ברומען פון ווייטאָקן און זייער געשריי האָט זיך אונטערן אויסגעשטערנטן הימל צוזאַמענגעמישט מיטן ברומען פון די הונגעריקע היענעס. אַט דעמאָלט פלעגן די ניט־גוטע זיך פאָרשטעלן פאַר זיי אין די פראַכטפולסטע געשטאַלטן. די שדים זיינען אינדעראמתן העסלעכע ברואים, אַן אַנדערשמאָל אָבער באַקומען זיי אַזאַ שיינעם אויס־

זען, אַז ס'איז שווער צו דערקענען זייער פאַרבאָרגענעם מהות. די טעבאַידער דערשראָקענע פּרושים איז אויסגעקומען צו זען אין זייערע קאַמערן אַזעלכע פאַרשייטע בילדער, וואָס אַפילו די סאַמע אויסגעלאַסענע פונם דור האָבן פון זיי ניט געוווסט. נאָר היות ווי יעדערער פון זיי האָט געטראָגן דעם צלם אויף זיך, פלעגן זיי קאָנען ביישטיין די נסיונות און די בייזע רוחות פלעגן אָננעמען זייער אמתן אויסזען און אָפּטראָגן זיך מיטן באַגינען, פאַרשעמט און דערצאָרנט, און ניט זעלטן פלעגט מען מיטן טאָג באַגעגענען איינעם פון דער שוואַרצער חברה אָט אַזוי, ווי ער אַנטלויפט און באַגיסט זיך מיט טרערן. און פרעגט מען אים, ענטפערט ער: איך וויין און קלאָג, ווייל איינער פון די קריסטן, וואָס וווינען דאָ, האָט מיך געשמיסן מיט ריטער און אַרויסגעטריבן אויפן מיאוסטן אופן.

די זקנים פונם מדבר האָבן געהאַט אַ שליטה איבער די רשעים און אפּיקורסים, זייער גוטסקייט איז אָפּטמאָל געווען מוראדיק. פון די אַפּאָסטאָלן האָבן זיי באַקומען די קראַפט צו באַשטראָפן אַלע, וואָס לעסטערן גאָט, און קיינער איז ניט געווען ביכולת מציל זיין דעם, וואָס זיי האָבן פאַרמשפט. אָט האָט מען אין די שטעט און צווישן איינגוווינער פון אַלעקסאַנדריע מיט פּחד דערציילט, אַז די ערד פלעגט זיך עפענען און איינשלינגען אַלע די, וועמען זיי האָבן געשטראָפט מיט זייער שטעקן. און אַלע, וואָס האָבן זיך שלעכט געפירט, האָבן טאַקע פאַר זיי מורא געהאַט, באַזונדערס שפּילער, טענצער, באַווייבטע גלחים און זונות.

דער זכות פון די פרומע איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן געהאַט די שליטה אַפילו אויףווילדע חיות. ווען אַ פּרוש האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, פלעגט קומען אַ לייב און מיט די נעגל אים אויסגראָבן אַ קבר. פאַרן הייליקן איז דאָס געווען אַ סימן, אַז גאָט רופט אים שוין צו זיך, פלעגט ער גיין צעקושן זיך מיט אַלע ברידער, דערנאָכדעם פריילעך אַנידערלייגן זיך, פאַרגיין און שטאַרבן.

איז אָט, פון זינט דער הייליקער אַנטאָניוס, וואָס איז שוין אַלט געווען העכער הונדערט יאָר, איז אַוועק אויפן באַרג קאָלזען מיט זיינע צוויי געליבטע תלמידים מאַקאַריוס און אַמאַטאַס—איז פון דעמאָלט אָן אין גאַנץ טעבאַיד ניט געבליבן קיין איין מאָנאַך, וואָס

זאָל אָפּטאָן אַזוי פיל גוטע מעשים, וויפיל פּאַפנוטיוס, דער עלטסטער גלח פון אַנטינאָע. אינדעראמתן האָבן עפרעם און סעראַפּיאָן אָנגעפירט מיט אַ גרעסערער צאָל מאָנאַכן און האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט די מנהגים, וואָס זיי האָבן איינגעשטעלט אין זייערע קלויסטערס. אָבער פּאַפנוטיוס האָט אָפּגעהיט די שווערסטע תעניתים און אַמאָל געפאַסט דריי טעג נאָכאַנאַנד. ער האָט געטראָגן אַ האָריק לייבל, געשלאָגן זיך מלקות פרי און אויפדערנאַכט און געלעגן אַן אויסגעצויגענער מיטן פנים צו דער ערד.

זיינע פיר און צוואַנציק תלמידים האָבן זיך אויסגעבויט געצעלטן נעבן אים און האָבן אויך דורכגעמאַכט זיין שווערע עבודה. ער האָט זיי אינם נאָמען פון יעזוס זייער ליב געהאַט און אָן אויפהער זיי צוגערעדט תשובה צו טאָן. צווישן זיינע גייסטלעכע זין זיינען געווען אַזוינע, וואָס האָבן פאַרלאָזט זייער לאַנגיאָריקן רויבער-לעבן און, גערירט פון זיינע הייליקע דרשות, אָנגענומען דעם קלויסטערשן אויסקומעניש. זייער פרומע ריינע אויפפירונג האָט צוגעגעבן מוט אַלע איבעריקע חברים. צווישן זיי אַלעמען האָבן זיך אויסגעצייכנט איינער אַ געוועזענער קאָכער פון דער אַביסינישער קייסערינע, וועלכן פּאַפנוטיוס האָט גלייך מיט אַלעמען געצלמט און וואָס האָט תמיד אָן אויפהער געגאָסן טרערן, און אַ צווייטער—פלאַוויאַנוס—אַ יודע ספר און אַ געניטער רעדנער. נאָר דער סאַמע אָנגענומענער פון פּאַפנוטיוסעס תלמידים איז געווען איינער אַ יונגער פויער, זיין נאָמען איז געווען פּאַוולוס און דער צונעמעניש—דער תם, ווייל ער איז געווען זייער אַ תמימותדיקער, און אָט די תמימות זיינע האָבן מענטשן אויסגעלאַכט, אָבער גאָט האָט אים אויסגעדערוועלט און געבענטשט מיט אַ נביאישן גייסט.

פּאַפנוטיוס האָט הייליק געהאַלטן זיינע שעהן, געלערנט מיט די תלמידים און אָפּגעריכט די עבודה פון אַ נזיר. אָפטמאָל האָט ער זיך פאַרטיפט אין די הייליקע ספרים און געפונען דאָרט פאַרשיידענע רמזים. אָט דערפאַר טאַקע האָט ער, זייענדיק נאָך גאָר יונג, געהאַט אַ סך פאַרדינסטן. די נישט-גוטע, וואָס האָבן אַזוי שווער געפייניקט די בעסטע נזירים, האָבן נישט געהאַט קיין העזה גענענען זיך צו אים. אַלע נאַכט ביי דער שיין פון דער לבנה

זיינען ביי זיין קאַמער געזעסן זיבן קליינע שאַקאַלן, געזעסן אויף די הינטערשטע פיס, אומבאַוועגלעכע, שווייגנדיקע, מיט אָנגעשטעלטע אויערן. געגלויבט האָט מען, אַז דאָס זיינען זיבן שדים, וואָס ער האָט מיט זיינע הייליקע זכיות פאַרהאַלטן אויף דער שוועל.

פאַפנוטיוס איז געבוירן געוואָרן אין אַלעקסאַנדריע. האָט גע־שטאַמט פון פריצים און זיינע עלטערן האָבן אים געלאָזט קוקן אין ספרים חצונים. ער איז געווען אַפילו פאַרטראָגן אין די הבלים פון די געצנדינערשע פּאָעטן און אין דער יוגנט איז ער געווען פאַר־נאַרישט און געגלויבט, אַז מענטשן האָבן איבערגעלעבט דעם מבול אין די צייטן פון דעווקאַליאָן. מיט זיינע חברים האָט ער אַפילו גענפּירט וכּוחים מכּוח, דעם צי ס׳איז פאַראַן אַ גאָט און אין וואָס באַשטייט זיין מהות און וועזן. ווי אַלע איידעלע פּאַטריציער, האָט ער געפּירט זיך דעמאָלט אויף אַ ותרנישן שטייגער. אָט די צייט פון זיין לעבן פלעגט ער תמיד געדענקען מיט בושה און פאַרלעגנ־הייט.

אין משך פון יענע טעג—אַזוי פלעגט ער דערציילן זיינע ברידער—האָב איך זיך געקאָכט אינם קעסל פון נאַרישער עולם־הזה.

געמיינט האָט ער דערמיט, אַז ער האָט געגעסן געשמאַק צו־געריכטע פליישן און איז געווען אַן איינגייער אין די קהלשע בע־דער. און באמת, ביז צוואַנציק יאָר האָט ער, ווי אַלע פון זיין דור, געפּירט אַ לעבן, וואָס קאָן גיכער הייסן טויט איידער לעבן, אָבער, ווי נאָר ער האָט זיך גענומען לערנען ביים גלח מאַקרינוס, איז ער גאָר געוואָרן אַן אַנדער מענטש.

דער אמת האָט אים דורכגענומען אויף דורך און דורך, און אַ טבע האָט ער געהאַט צו זאָגן, אַז דער אמת איז אין אים אַריין, ווי אַ שפּיז. ער האָט אָנגענומען די קריסטלעכע אמונה און האָט ליב באַקומען דעם געקרייצטן יעזוס. אויך נאָכדעם, ווי ער האָט זיך געצלמט, האָט ער אַ יאָר געלעבט צוזאַמען מיט די אַריסטאָקראַטן, צווישן דעם עולם, מיט וועלכן ער איז געוויינט געווען און געווען פאַרבונדן. איינמאָל אָבער איז ער אַריינגעגאַנגען אין אַ קלויסטער און האָט דערהערט, ווי דער גלח האָט געלייענט פּסוקים פון די הייליקע שריפט: „אויב דו ווילסט זיין ריין און גאַנץ, גיי און פאַר־

קויף אַלץ, וואָס דו פאַרמאָגסט און צעשענק דאָס געלט די אָרעמע־לייט". האָט ער תּיכּף פאַרקויפט זיין האָב און גוטס, צעטיילט דאָס געלט און אָנגעהויבן פירן אַ נזיריש לעבן.

און אָט איינמאָל, בעת ער האָט, ווי זיין שטייגער, דערמאָנט זיך אין די שעהן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט ווייט פון גאָט, און איינציקווייז איבערגעקליבן זיינע עבֿרות, כּדי וואָס מער אַריינטראַכטן זיך אין זייער אומגעלומפּערטקייט,—איז אים פּלוצים אַרויף אויפן רעיון איינע אַ שיינע שפּילערין, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט געזען אין אַלעקסאַנדריער טעאַטער, און געהייסן האָט זי טאַיס. די דאָזיקע פרוי האָט זיך פאַרנומען מיט דער שפּיל־קונסט און האָט קיין מורא נישט געהאַט טאַנצן אַזעלכע טענץ, אין וועלכע זי האָט מיט אירע געשיקטע באַוועגונגען נאָכגעמאַכט דער סאַמע שרעקלעכסטער תּאווה. אָדער זי פלעגט גאָר ווייזן, ווי כלומרשט ווענוס, לעדאַ, צי פּאַסיפאַע טוען אָפּ איינע פון די שענדלעכסטע מעשׂים, מכּוח וועלכע ס'דערציילט די גריכישע געשיכטע. אויף אַזאַ אופן פלעגט זי אָנצינדן אַ פייער פון תּאווה ביי אַלע צו זעער. און ווען יונגע מענטשן, צי רייכע זקנים פלעגן קומען הענגען בלומען אויף דער שוועל פון איר הויז, פלעגט זי זיי פּיין צונעמען און זינדיקן מיט זיי. אָט אַזוי, אומברענגענדיק איר אייגענע נשמה, האָט זי אומגעבראַכט אָן אַ שיער פרעמדע נשמות.

אים, פּאַפנוטיוסן גופא, האָט זי שיער ניט געבראַכט צו אַן עבֿרה. זי האָט אָנגעצונדן אַ חשק אין זיין האַרץ און איינמאָל איז ער געוועסט צוגעגאַנגען שוין גאָר נאָענט צו דער שטוב פון טאַיס. ער האָט זיך אָבער באַצייטנס אָפּגעשטעלט אויף דער שוועל פון איר הויז, ער איז געווען נאָך צו יונג (ער איז דעמאָלט פופצען יאָר אַלט געווען) און איז שעמעוודיק געווען, אויך האָט ער מורא געהאַט, אַז זי וועט אים אָפּשטויסן, ער האָט דאָך ביי זיך ווייניק געלט געהאַט, ווייל זיינע עלטערן האָבן אַכטונג געגעבן, ער זאָל נישט זיין קיין אויסברענגער. דאָס האָט גאָט פון רחמנות וועגן אים צוגעשיקט די ביידע סבּות, כּדי מציל זיין אים פון אַזאַ גרויסן חטא. לכתחילה איז אָבער פּאַפנוטיוס אים לחלוטין נישט דאַנקבאַר געווען, ווייל דעמאָלט האָט ער נאָך שלעכט פאַרשטאַנען אין וואָס

באַשטייט זיין אייגענע טובה און איז להוט געווען נאָכן נאַרישן פאַרגעניגן. און איצט אין קאַמער, שטייענדיק אויף די קני פאַרן בילד פונעם הייליקן צלם, אויף וועלכן ס'איז, ווי אויף אַ וואָג, געהאַנגען די אויסלייזונג פון דער וועלט—האָט פּאַפנוטיוס גענומען זיך קלערן מכּוח טאַיס, ווייל טאַיס איז געווען זיין עבירה, און ער האָט לאַנג, אויפן נזירישן שטייגער, באַטראַכט די שרעקלעכע, מאוסע קערפּערלעכע פאַרגעניגנס, מיט וועלכע אָט די פרוי איז אים ליב געווען אין יענע טעג, ווען ער איז געווען מבולבל און אומוויסנד. און טראַכטנדיק אַזוי אַ פּאָר שעה, איז אים בולט קלאָר געקומען פאַר די אויגן דאָס בילד פון טאַיס. ער האָט זי דערזען אָט אַזאַ, ווי ער האָט זי געזען בעתן נסיון אין דער גאַנצער שיינקייט פון איר לייב. לכתחילה האָט זי זיך אים באַוויזן אינם נאַקעטן געשטאַלט פון אַ לעדאַ, הילפלאָז ליגנדיק אויף אַ געלעגער פון היאַצינטן מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ, מיט פייכטע בליצנדיקע אויגן, ציטערנדיקע נאָזלעכער, האַלב-אָפענע ליפּן, מיט אויפגעבליטע בריסטן און צוויי פרישע אָרעמס, פרישע ווי צוויי טייכלעך. דערזעענדיק דאָס בילד, האָט פּאַפנוטיוס זיך געקלאַפּט אין האַרצן און געזאָגט:

— ביסט מיין עדות, גאָט, אַז דאָס באַטראַכט איך די מאוסקייט פון מיין עבירה!

אָבער דאָס בילד האָט אומבאַמערקט זיך געביטן. אַראָפּלאָזנדיק זיך ביז צו די מוילווינקלען, האָבן די ליפּן פון טאַיס ביסלעכווייז אויסגעדריקט אַ פאַרבאַהאַלטענע פּיין. אירע גרעסער געוואָרענע אויגן זיינען פול געווען מיט טרערן און מיט שטראַלן. פון איר אויפגערעגטער ברוסט האָט זיך געריסן אַן אָטעם, ווי די ערשטע ווייען פון אַ שטורעם. דערזעענדיק דאָס בילד, איז פּאַפנוטיוס מבולבל געוואָרן ביז די טיפעניש פון נשמה. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און האָט תּפילה געטאָן:

— דו, וואָס האָסט געלייגט דיין רחמנות אין אונזערע הערצער, ווי מאָרגנטוי אויף די טאָלן, גאָט דער גערעכטיקער און דער גנעדיקער, זיי געבענטשט; געלויבט ביסטו, געלויבט! דערווייטער פון דיין קנעכט דעם פאַלשן רחמנות, וואָס פירט צו תּאווה, טו מיט דיין גנאָד, איך זאָל אַלע באַשעפעניש ליב האָבן נאָר אין דיר.

ווייל זיי פֿאַרשווינדן און דו בלייבסט אייביק. מיט דער דאָזיקער פרוי האָב איך זיך באַשעפטיקט נאָר דערפאַר, ווייל זי איז דיין באַשעפעניש. מלאכים אַליין ציען זיך צו איר מיט מיטגעפיל. איז זי דען נישט, אָ, גאָט, דער אָטעם פון דיין מויל? ס'איז נישט רעכט, אַז זי זאָל ווייטער זינדיקן מיט אַזוי פיל בירגער און פרעמדע. אין מיין האַרצן האָט זיך דערוואַכט אַ גרויס רחמנות אויף איר. אירע עוולות זיינען מוראדיק און פון דער איינער מחשבה וועגן דעם ווער איך אַזוי פֿאַרציטערט, אַז איך פיל, ווי ס'שטעלן זיך מיר קאַפויר די האָר פון מיין לייב. אָבער, וואָס גרעסער איז איר שולד, אַלץ מער מוז איך זי באַדויערן. איך וויין, ווען איך דענק פון דעם, ווי נישט-גוטע וועלן זי פייניקן ביז אייביק.

און טראַכטנדיק אַזוי, האָט ער דערזען, ווי אַ קליין שאַקאַלכל האָט זיך געזעצט ביי אים צופוסנס. ער האָט זיך שטאַרק פאַרוואונדערט, ווייל די טיר פון זיין קאַמער איז געווען פון אינדערפרי אָן פאַרמאַכט. די חיה האָט, דאַכט זיך, געלייענט די געדאַנקען פונם גלח און זי האָט, ווי אַ הונט, געמאַכט מיטן עק. פאַפנוטיוס האָט זיך איבערגעצלמט און דער שאַקאַל איז נישט געבליבן. פאַרשטאַנען האָט ער דעמאָלט, אַז דער שטן האָט זיך צום ערשטן מאָל פאַרגנבעט צו אים אין צימער, ער האָט אָפּגעזאָגט אַ קורצע תפלה, דערנאָכדעם אויפדאָסניי געחלומט מכוח טאַיס...

— מיט גאָטס הילף—האָט ער זיך געזאָגט—מוז איך זי מציל זיין.

און ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן. אויף מאָרגן פרי האָט ער אָפּגעדאַוונט און איז אַוועק באַזוכן דעם הייליקן פאַלעמאָן, וואָס האָט נישט ווייט פון דאַנען געפירט זיין נזיריש לעבן. ער האָט אים געטראָפן אַ רויקן, ער האָט געשמייכלט, געגראָבן די ערד, ווי זיין שטייגער איז. פאַלעמאָן איז געווע אַ זקן, באַאַרבעט האָט ער אַ קליין גערטנדל: ווילדע חיות פלעגן קומען אים לעקן די הענט און די נישט-גוטע האָבן אים נישט געמאַטערט.

— זאָל גאָט זיין געבענטשט, ברודער פאַפניוטוס,—האָט ער אַרויסגערעדט, אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן גראָבייזן.

— זאָל גאָט זיין געבענטשט,—האָט געענטפערט פאַפנוטיוס,—און דער שלום זאָל הערשן ביי מיין ברודער!

— דער שלום זאָל הערשן ביי דיר אויך, ברודער פאַפנוטיוס, — האָט אים אָפּגעענטפערט דער נזיר פאַלעמאָן, און ער האָט מיטן אַרבל אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן.

— ברודער פאַלעמאָן, אונזערע שמועסן דאַרפן באַשטיין בלויז אין לויבן דעם יעניקן, וואָס האָט מבטיח געווען געפינען זיך צווישן די, וואָס זאַמלען זיך אין זיין נאָמען וועגן. אָט דערפאַר בין איך געקומען צו דיר רעדן מכוח אַן ענין, וואָס איך האָב פאַרטראַכט גרויס צו מאַכן גאָטס נאָמען.

— זאָל גאָט בענטשן דיין כונה, פאַפנוטיוס, אַזוי ווי ער האָט געבענטשט מיינע קרויטן! אַלע פרימאָרגן פאַרשפרייט ער זיין חסד צוזאַמען מיט זיין טוי אויף מיין גאָרטן און זיין גוטסקייט דערוועקט מיך זאָגן אים אַ לויבגעזאַנג פאַר די אוגערקעס און קירבעסן, וואָס ער גיט מיר. לאָמיר בעטן ער זאָל אונז היטן מיט זיין שלום! ווייל פאַר קיין זאַך דאַרף מען אַזוי נישט מורא האָבן, ווי פאַר די אומגעלומפּערטע רעיונות, וואָס זיינען מבלבל אונזערע הערצער. בעת די רעיונות צעטומלען אונז, ווערן מיר ווי שכורע, מיר גייען און וואַקלען זיך אָן אַן אויפהער פון רעכטס אויף לינקס און אָט־אָט האַלטן מיר ביי פאַלן אויפן שענדלעכסטן אופן. פון התפעלות פאַלן מיר אַריין אַן אַנדערש מאָל אין אַן אומגעלומפּערטער שמחה, און דער, וואָס זינקט אין דער שמחה, לאָזט הערן אין פאַרשמאַכטער לופט דעם גראָבן מגושמדיקן געלעכטער. די פאַלשע פרייד פאַרשלעפּט דעם זינדיקן אין כל המינים צרות. אָבער אָט די אויפרעגונג פון דער נשמה און פון די חושים וואַרפן אונז אויך אַריין אַן אַנדערש מאָל אין זינדיקער עצבות, וואָס איז טויזנט מאָל מסוכנער איידער די שמחה. ברודער פאַפנוטיוס, איך בין נישט מער, ווי אַן אומגליקלעכער זינדיקער, אָבער פאַר מיין לאַנגן לעבן בין איך דערגאַנגען, אַז דער גרעסטער שונא פון אַ נזיר איז דער אומעט. כ'מיין דערמיט אָט די מרה־שחורה, וואָס וויקלט אַרום אונזער נשמה, ווי אַ וואָלקן, און פאַרשטעלט פון איר גאָטס שיין. גאָרנישט שטערט נישט אַזוי צו זיין אויסגעלייזט, ווי די עצבות. און דער גרעסטער נצחון פונם שטן איז דעמאָלט, ווען ער שאַפט אַ האַרבע און שווערע שטימונג אין האַרצן פונם פרומען. און וואָלט ער אונז צוגע־

שיקט בלויז פֿייַלעכע נסיונות, וואָלטן מיר אויף העלפֿט ווייניקער פֿאַר אים מורא געהאַט. צום אומגליק אָבער ווייסט ער גוט ווי אונדז צו פֿאַרומערן. צי דען האָט ער אונזער פֿאָטער אַנטאָניוסן נישט באַוויזן אַ שוואַרץ קינד אַזאַ שיינס, אַז קוקנדיק אויף דעם האָט זיך געגלוסט וויינען? אונזער פֿאָטער אַנטאָניוס האָט מיט גאָטס הילף אויסגעמיטען דעם טייוולס שמד=שטיק. איך האָב אים געקענט אין יענע צייטן, בעת ער האָט געלעבט צווישן די אונזעריקע. ער האָט זיך געפֿרייט מיט זיינע תּלמידים און קיינמאָל נישט אַרייַנגעפֿאַלן אין עצבֿות. אָבער ביסטו דען נישט געקומען, ברודער, איצט שמועסן מיט מיר מכּוח אַן ענין, וואָס איז דיר אַרייַנגעפֿאַלן אין געדאַנק? אַנטפּלעק אים מיר, וועל איך צופֿרידן זיין, בפֿרט, אַז דערמיט וועט געגרויסט ווערן גאָטס נאָמען.

— ברודער פּאַלעמאָן, כ׳האָב טאַקע בכּוונה צו לויבן גאָט דעם האַר. פֿאַרשטאַרק מיך מיט דיין עצה, דו פֿאַרמאָגסט אַ סך ליכט און די זינד האָט קיינמאָל ניט פֿאַרחושכט די שיין פֿון דיין געדאַנק.

— ברודער פּאַפֿנוטיוס, איך בין ניט ראוי צו פֿאַנאַנדערבינדן די שנירלעך פֿון דיינע שיך און מיינע עוולות זיינען פֿיל, ווי די זאַמדן אין מדבר. אָבער איך בין שוין אַלט און איך וועל זיך ניט אָפּזאָגן העלפֿן דיר מיט מיין געניטקייט.

— איך וועל דיר מודה זיין, ברודער פּאַלעמאָן, מיך מאַטערט דער געדאַנק, אַז אין אַלעקסאַנדריע איז פֿאַראַן אַ זונה מיטן נאָמען טאַיס, וואָס פֿירט אַ זינדיק לעבן און מאַכט זינדיק דאָס גאַנצע פֿאָלק.

— ברודער פּאַפֿנוטיוס, דאָס איז באמת אַן עולה, וואָס איז כּדאַי צו באַקלאָגן. דאָרט צווישן די איידללייט די געצנדינער פֿירן אַ סך פֿרויען אַזאַ לעבן. האָסטו געפֿונען אַ מיטל קעגן אָט דעם שלעכטס?

— ברודער פּאַלעמאָן, איך גיי קיין אַלעקסאַנדריע געפֿינען די פֿרוי, און איך וועל, מיט גאָטס הילף, זי צלמען, דאָס איז מיין כּוונה. ביסטו דערויף מסכּים, מיין ברודער?

— ברודער פּאַפֿנוטיוס, איך בין בלויז אַן אומגליקלעכער זינדיקער, אָבער אונזער פֿאָטער אַנטאָניוס פֿלעגט זאָגן: „אַוווּ דו זאָלסט זיך ניט געפֿינען, אײַל זיך ניט אָוועקגיין פֿון דאָרטן, כּדי אָנצוקומען ערגעץ אַנדערש“.

— ברודער פּאַלעמאָן, געפּינסטו עפּעס שלעכטס אין דעם ענין, וואָס איך האָב פאַרטראַכט?

— גוטער פּאַפנוטיוס, זאָל מיך גאָט היטן פון צו חושד זיין די כוונות פון מיין ברודער. אָבער אינזער ברודער אַנטאָניוס האָט נאָך געזאָגט: „אַ פיש אַן אַרויסגעשלעפּטער פון וואַסער שטאַרבט אויפן טרוקענעם אָרט, ווו מ'האָט אים אַנידערגעלייגט". דאָס זעלבע טרעפט מיט מאָנאַכן, וואָס פאַרלאָזן זייערע קאַמערן; דערנענטערנדיק זיך צו די וועלטלעכע מענטשן, דערווייטערן זיי זיך פון די גוטע וועגן.

און האַלטנדיק נאָך אין רייד, האָט דער אַלטער פּאַלעמאָן זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין גראָבייזן און גענומען מיט אימפּעט גראָבן דעם באָדן אַרום אַ פייגנבוים, וואָס איז געווען אָנגעלאָדן מיט פירות. בעת ער האָט געגראָבן האָט זיך דערהערט אַ גערויש פון בלעטער און אַן אינד איז מיט אַ פלינקן שפּרונג אַריבער דעם צוים, וואָס האָט פאַרשלאָסן דעם גאָרטן. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ פאַרווונ-דערטע, אַן אומרויקע, מיט ציטערנדיקע לענדן, דערנאָך אין צוויי שפּאַן גענענט זיך צום אַלטן און אַוועקגעלייגט איר איידל קעפּל דעם פריינט אירן אין בוזעם אריין.

— געלויבט זאָל זיין גאָט אין דער אינד פונם מדבר—האָט געזאָגט פּאַלעמאָן.

ער איז אַוועק צו זיך אין געצעלט, ווהין ס'האָט אים באַ-גלייט די אינד, האָט אַרויסגעטראָגן ברויט און געשפּייזט די אינד פון האַנט.

דער פאַרטראַכטער פּאַפנוטיוס האָט אויף אַ ווײַלע זיך פאַר-קוקט אויפן שטיינערדיקן וועג. דערנאָכדעם איז ער לאַנגזאַם געגאַנ-גען צו זיך אַהיים, טראַכטנדיק אַלץ מכוח דעם, וואָס ער האָט נאָר וואָס געהערט. אין מוח איז ביי אים פאַרגעקומען אַ גרויסע אַרבעט.

— דער נזיר,—האָט ער זיך געטראַכט,—איז אַ גוטער בעל-יועץ, ער איז אַ פאַרזיכטיקער. ער איז מסופּק, צי איז מיין כוונה אַ ריכ-טיקע. דאָך איז מיר שווער צו לאָזן אויף ווייטער טאָיס אין די הענט פונם טייוול, וואָס מאַטערט זי. זאָל גאָט מיך לערנען און פירן.

אויפן וועג, גייענדיק, האָט ער דערזען אַ פייגעלע, וואָס האָט

זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ יעגער־נעץ אין זאַמד. און פאַרשטאַנען האָט ער, אַז דאָס איז אַ „זי", ווייל דער „ער" איז געקומען צופליִען צום נעץ און האָט גענומען רייסן איינס נאָך איינס די קניפּלעך, געמאַכט אַ גרויסע לאָך און באַפרייט פונם נעץ זיין חברטע. דער פרומער מענטש האָט באַטראַכט די מעשה און, היות ווי אין זכות פון זיין הייליקייט איז ער געווען מסוגל פאַרשטיין דעם פאַרבאַהאַלטענעם מיין פון פאַרשיידענע זאַכן — האָט ער איצט דערוווּסט זיך, אַז דאָס געפאַנגענע פייגעלע איז געוויס געווען טאַיס, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין נעץ פונם שטן. און ווי אָט דער זכר, וואָס האָט מיטן שנאָבל צעריסן די שטריקענע קניפּלעך, איז ער מחויב מיט הייליקע און שטאַרקע ווערטער צעשטערן די אומגעזעענע נעץ, וואָס פאַרהאַלט טאַיס אינם זינדיקן לעבן. דערפאַר טאַקע האָט ער געלויבט איצט גאָט און האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט אין זיין דעה. אָבער דערזעענדיק שפּעטער, ווי דער פויגל האָט זיך פאַרפּלאָנטערט צווישן די פּעדעם און געבליבן געפאַנגען אינם זעלבן נעץ, וואָס ער האָט צעריסן — איז פּאַפּנוטיוס ווידער אַריינגעפאַלן אין ספקות.

אַ גאַנצע נאַכט איז ער ניט געשלאָפן און פאַרטאָג האָט ער געזען אַ זעונג. טאַיס האָט זיך אים נאָך אַמאָל באַוויזן. איר געזיכט האָט ניט געהאַט מער קיין זינדיקן אויסדרוק און זי איז שוין ניט געווען אָנגעטאָן, ווי פריִער, אין דורכזיכטיקע קליידער. אינגאַנצן איז זי געווען איינגעוויקלט אין תּכריכים, וואָס האָבן איר פאַרדעקט אַפילו אַ טייל פון געזיכט. און דער גלח האָט נאָר געזען אירע צוויי אויגן, וואָס האָבן געגאָסן ליטערע און שווערע טרערן.

בעת ער האָט דאָס דערזען, האָט ער זיך פאַנאַנדערגעוויינט, געטראַכט, אַז דאָס האָט גאָט געגעבן אים צו וויסן וואָס צו טאָן און מער ניט געהאַט קיין שום ספקות. ער איז אויפגעשטאַנען, גענומען אין האַנט אַ געקניפּלטן שטעקן, דעם צייכן פון דער קריסטלעכער אמונה, אַרויס פון קאַמער, גוט פאַרמאַכט די טיר, כּדי די חיות און פויגלען, וואָס וווינען אין די זאַמדן, זאָלן ניט קומען פאַרשמוצן די הייליקע ספרים, וואָס ער האָט באַהאַלטן צוקאָפּנס. דערנאָכדעם האָט ער צוגערופן דעם מאָנאַך פלאַוויאַנוסן, איבערגעגעבן אין זיין רשות די פיר און צוואַנציק תּלמידים און אָט אַזוי,

ווי ער איז געווען אָנגעטאָן נאָר אינם לאַנגן האָריקן מאַנטל, געלאָזן זיך גיין מיטן וועג צום טייך נילוס, געהאַט בדעה מיטן ליווישן ברעג אָנקומען צופוס ביז דער שטאָט, וואָס אלכּסנדר מוקדון האָט אויסגעבויט. פון באַגינען אָן איז ער געגאַנגען איבער די זאַמדן, ס'האָט אים ניט געאַרט, וואָס ער איז מיד, הונגעריק און דאָרשטיק; די זון איז שוין געווען גאָר נידעריק, בעת ער האָט דערזען דעם מוראדיקן טייך, וואָס האָט געקייקלט זיינע בלוטיקע וואַסערן צווישן גאָלדענע און פֿייערדיקע פעלזן. ער איז געגאַנגען מיטן ברעג, געבעטן ברויט אין גאָטס נאָמען אויף די טירן פון די איינזאַמע געצעלטן און געווען מלא שמחה, ווען מ'האָט אים אָפּגעזאָגט, געשראָקן אים און געזידלט. פאַר גזלנים און ווילדע חיות האָט ער קיין מורא ניט געהאַט, אָבער ער האָט שטאַרק אויסגעמיטן די שטעט און דערפער, וואָס זיינען געלעגן אויפן וועג. ער האָט מורא געהאַט באַגעגענען דאָרט קינדער, וואָס שפּילן אין צייכנס אויף זייערע פאָטערס גאַניקעס, אָדער זען ביי די גראָבנס די לאַכנדיקע פֿרויען אין בלויע מאַנטלען, וואָס פֿילן אָן זייערע קרוגן מיט וואַסער. פֿאַר אַ נזיר איז אַלץ מסוכּן. אַן אַנדערש מאָל איז פֿאַר אים אַ סכּנה אפילו לייענען אין די הייליקע שריפט, ווי דער געטלעכער לערער איז געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט און האָט געגעסן אָוונט-ברויט מיט זיינע תּלמידים. די מצוות, וואָס די נזירים נייען אויס אַזוי ליבלעך אויפן לייוונט פון זייער גלויבן, זיינען שיין, אָבער זיי האָבן ניט קיין ממשות: איין בלאָז פֿון לעבן קאָן פֿאַרטונקלען די אָנגענעמע פאַרבן. דעריבער האָט פּאַפֿנוטיוס אויסגעמיטן די גרויסע שטעט, מורא געהאַט דאָס הארץ זאָל אים ניט ווייך ווערן, בעת ער וועט דערזען מענטשן.

און געגאַנגען איז ער דערפֿאַר מיט איינזאַמע וועגן. אין אָוונט פלעגט דער מורמל פון די טאַמאַריסן, וואָס דאָס ווינטל האָט זיי געגלעט, אַרויסרופן ביי אים אַ ציטער, פלעגט ער אַראָפּלאָזן דעם קאַפּטער אַריבער די אויגן, כּדי ניט זען די שיינקייט פון דער נאַטור. זעקס טעג איז ער געגאַנגען און איז אָנגעקומען אין אַן אָרט, וואָס האָט זיך גערופן סילסילע. דער טייך פליסט דאָרט איבער אַ שמאָלן טאָל אין אַ ראַם פון אַ צווייענדיקן באַרג פון גראַניט. די

מצרים אין די צייטן, ווען זיי האָבן געדינט דעם שטן, האָבן אָט־אָ־דאָרטן געהאַקט זייערע געטער. פּאַפנוטיוס האָט דאָרט דערזען אַ גרויסן קאָפּ פון אַ ספינקס, וואָס איז געווען נאָך באַהעפט מיטן פעלז. מורא האָבנדיק, אַז אין אים לעבט נאָך דער טייוולשער כּוח, האָט ער זיך איבערגעצלמט און האָט דערמאָנט דעם נאָמען פון יע־זוס. פון איינעם פון דער חיהס אויערן איז תיכּף אַרויסגעפלויגן אַ פלעדערמויז. פּאַפנוטיוס האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָס האָט ער פאַר־טריבן דעם בייזן רוח, וואָס האָט אין משך פון דורות דאָ געלעבט. ער האָט זיך אָנגענומען נאָך מיט מער מוט, אויפגעהויבן אַ גרויסן שטיין און געוואָרפן דעם אָפּגאָט אין צורה אַריין. דער געהיימער פּנים פונם ספינקס האָט אויסגעדריקט אַזאַ טיפן אומעט, אַז פּאַפנוט־יוס איז געווען פון אים גערירט. און אינדעראמתן, דער ניט מענטש־לעכער טרויער, וואָס איז געווען אויסגעדריקט אויפן געזיכט פונם שטיינערנעם אָפּגאָט, וואָלט גערירט אַפילו אַ מענטשן אַן אכזר. פּאַפ־נוטיוס האָט געזאָגט צום ספינקס:

— אָ, חיה, זיי מודה אין דער געטלעכקייט פון יעזוס, אַזוי ווי ס'האָבן דאָס מודה געווען די סאַטירן און די צענטאַורן, וואָס אונזער פאָטער אַנטאָניוס האָט געזען אין דער מדבר. כ'וועל דיך דאַן בענטשן אין נאָמען פון גאָט, זון און הייליקן גייסט.

ער האָט אַרויסגערעדט, — און אַ ראָזע שיין איז אַרויס פונם ספינקס אויגן, די גאָלדענע וויעס זיינע האָבן אַ ציטער געטאָ און די לעפצן פון גראַניט האָבן שווער, ווי אַן עכאָ פון אַ מענטשן־קול, אַרויסגערעדט דעם הייליקן נאָמען פון יעזוס־קריסטוס. פּאַפנוטיוס האָט אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנט און געבענטשט דעם סילסילעישן ספינקס.

אָפּגעטאָן און איז ווידער אַוועק אין זיין וועג. דאָרטן, ווו דער טאָל איז געוואָרן ברייטער, האָט ער דערזען חורבות פון אַ גרויסער שטאָט. די פאַרבליבענע טעמפלען זיינען, ווי אויף זיילן, געווען אָנגעלענט אויף אָפּגעטער, און גאָט האָט דערלויבט די פרויען מיט די בהמהשע הערנער אויף די קעפּ אָפּשטעלן זייערע בליקן אויף פּאַפנוטיוסן און בלאַס מאַכן זיין געזיכט. אויף אַזאַ אופן איז ער געגאַנגען זיבעצן טעג, געשפּייזט זיך בלויז מיט רויען גראָז, נעכט

פארבראַכט אין די חרובע פּאַלאַצן צווישן ווילדע קעץ און פרעהס מייז. אָפטמאָל האָבן זיך אים דאָרט באַוויזן פרויען האַלב-מענטש האַלב פיש. פּאַפּנוטיוס האָט אָבער געוווסט, אַז דאָס זיינען דעם גיהנומס שלוחים. האָט ער זיך געצלמט און זיי פאַרטריבן.

אויפן אַכצענטן טאָג האָט ער באַמערקט אַן אָרעם הייזל, וואָס איז געווען געבויט פון פּאַלעם-בלעטער, ווייט פון יעדן ישוב, האַלב פאַרגראָבן אין דעם זאַמד, וואָס דער ווינט פלעגט אַהער פאַרטראָגן פון מדבר. ער איז צוגעגאַנגען נאָנט צום הייזל, געמיינט, אַז דאָרט וווינט געוויס אַ פרומער נזיר. אָבער קיין טיר האָט דאָס הייזל ניט געהאַט, האָט ער נאָר געזען, אַז אינעווייניק איז דאָ אַ וואַסער-קרוג, אַ פּאָר קעפּלעך קנאָבל און אַ געלעגער פון טרוקענע בלעטער.

— דאָס זיינען, — האָט ער אַליין זיך געזאָגט, — כּלי-בית פון אַ פּרוש. אָבער דער שטייגער פון נזירים איז ניט דערווייטערן זיך פון זייערע וווינונגען. געוויס וועל איך תיכּף טרעפן אים. כ'וויל אים פון שלום ווענן געבן אַ קוש, אַזוי ווי דער הייליקער אַנטאָניוס, וואָס האָט דריי מאָל אַ קוש געטאָן דעם פּרוש פּאַוולוס, בעת ער האָט יענעם באַזוכט. מיר וועלן מיט אים שמועסן מכּוח דער אייביקייט און אפשר וועט גאָט אונז צושיקן אַ ראָב, וואָס וועט אונז ברענגען ברויט, און מיין בעל-הבית וועט מיך איינלאַדן אונטערלעגן דאָס האַרץ מיט אים צוזאַמען.

און רעדנדיק אַט אַזוי מיט זיך אַליין, האָט ער זיך אַרומגע-דרייט אַרום דעם הייזל אויף עמעצן צו געפינען. ער האָט נאָך ניט געמאַכט קיין הונדערט טריט און תיכּף דערזען אַ מענטשן, וואָס איז געזעסן אויפן ברעג נילוס און געהאַלטן די פיס אונטער זיך. דער מענטש איז געווען אדם-נאַקעט. זיינע האָר און באָרד זיינען געווען אינגאַנצן ווייס און דאָס לייב-רויטער נאָך פון ציגל. פּאַפּ-נוטיוס האָט ניט געצווייפלט, אַז ס'איז אַ פּרוש. ער האָט אים באַ-גריסט, ווי עס באַגריסן זיך מאָנאַכן, בעת זיי באַגעגענען איינער דעם אַנדערן.

— שלום צו דיר, ברודער, גאָט זאָל העלפן, זאָלסט הנאה האָבן פון דער זיסער גן-עדן-פרישקייט.

דער מענטש האָט גאָרנישט ניט געענטפערט. ער איז געבליבן

ויצן אומבאַוועגלעך, דאַכט זיך גאָרניִשט ניִט געהערט. פּאַפּנוטיוס האָט געדעכנט, אַז דער הייליקער איז אַריין אין דבקות. ער האָט זיך געשטעלט אויף די קני נעבן דעם אומבאַוווסטן, צונויפגעלייגט די הענט און תּפלה געטאָן אַזוי ביזן רעכטן פּאַרנאַכט. פּאַרנאַכט, זע־ענדיק, אַז זיין חבר רירט זיך ניִט פון אָרט, האָט ער אים אַזוי געזאָגט:

— מיין פאָטער, אויב דו האָסט שוין פאַרלאָזן די עולמות, אין וועלכע דו ביסט געווען פאַרזונקען, טאָ גיב מיר דיין ברכה אין נאָמען פון אונזער גאָט, יעזוס קריסטוס.

יענער האָט זיך קיין קער ניִט געטאָן אין זיין זייט און אים געענטפערט:

— פרעמדער, איך ווייס ניִט, וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן און איך קאָן לחלוטין קיין שום גאָט, יעזוס קריסטוס.

— וואָס, — האָט אויסגעשריגן פּאַפּנוטיוס, — די נביאים האָבן פאָרויסגעזאָגט זיין קומען און מחנות פון קדושים האָבן געהייליקט זיין נאָמען, אַליין דער קיסר האָט זיך צו אים געבוקט און אָקאָרשט האָב איך געצווונגען דעם סיִלסיִלעיִשן ספינקס ער זאָל אים לויבן. איז דאָס מעגלעך, אַז דו זאָלסט אים ניט קענען?

— מיין פריינט, — האָט געענטפערט יענער, — ס'אַ מעגלעכע זאַך, ס'וואָלט געווען אפילו אַ געוויסע זאַך, ווען ס'וואָלטן בכלל געווען אין לעבן געוויסע זאַכן.

פּאַפּנוטיוס איז געווען פאַרוווּנדערט און פאַרומערט פון דער מוראדיקער אומוויסנדיקייט פון דעם דאָזיקן מענטשן.

— אויב דו קענסט ניט יעזוס קריסטוס, — האָט ער אים גע־זאָגט, — זיינען אַלע דיינע מעשים־טובים אומזיסטע, דו וועסט קיינמאָל ניִט דערגרייכן צו עולם־הבא.

דער אַלטער האָט געענטפערט:

— אומזיסט זיינען זיי, די אַלע מצוות און תעניתים. ס'איז ניטאָ קיין נפקא־מינה צווישן לעבן און טויט.

— ווי אַזוי? — האָט געפרעגט פּאַפּנוטיוס, — דו ווילסט ניִט האָבן קיין עולם־הבא? אָבער זאָג מיר, ווינסטו דען ניִט אין אַ געצעלט אין מדבר, ווי אַ נזיר?

— אפשר.

— ביסטו ניט נאַקעט און אָרעם?

— אפשר.

— שפּייזטו זיך דען ניט פון וואָרצלען און ביסטו דען ניט קיין פרוש?

— אפשר.

— האָסטו זיך דען ניט אָפּגעזאָגט פון די נישטיקע פריידן פון עולם־הזה?

— כ'האָב זיך באמת אָפּגעזאָגט פון די פּוסטע זאַכן, וואָס פאַרשאַפן דעם מענטשן אַזוי פיל דאגות.

— בכן, ביסטו דאָך אַזוי ווי איך, אַן אָרעמער און פרומער פרוש. אָבער דו טוסט דאָס ניט פון גאָטס וועגן, ווי איך, און ניט צוליב יענער וועלט! אָט דאָס קאָן איך באין אופן ניט תּופס זיין. צוליב וואָס קלייבסטו מצוות, אויב דו גלויבסט ניט אין יעזוס קריסטוס? פאַרוואָס האָסטו זיך אָפּגעזאָגט פון עולם־הזה, אויב דו קאָנסט ניט הנאה האָבן פון עולם־הבא?

— פרעמדער, איך זאָג זיך ניט אָפּ פון קיין שום פאַרגעניגנס, אדרבא, איך רעכן, אַז איך האָב אָפּגעזוכט אַ מיטל, ווי אַזוי צו פירן אַ צופרידן לעבן, הגם אינדעראמתן איז ניט במציאות ניט קיין גוט, ניט קיין שלעכט לעבן. יעדער זאַך איז בעצם ניט שיין און ניט מאוס, ניט גערעכט און ניט אומגערעכט, ניט וווּל און ניט שלעכט. אונזער מיינונג וועגן די זאַכן גיט זיי צו פאַרשיידענע מעלות, אָט אַזוי, ווי זאַלץ, גיט צו אַ טעם יעדן געקעכטס.

— הייסט עס, נאָך דיר נאָך, איז ניטאָ קיין ודאיותן, קיין געוויסע זאַכן. דו לייקנסט אָפּ דעם אמת, וואָס די געצנדינער אפילו האָבן געזוכט. דו לייגסט זיך שלאָפן אין דיין עם־הארצות אָט אַזוי, ווי אַ מידער הינט ווערט אַנטשלאָפן גלייך אין מיסט?

— פרעמדער, ס'איז ניט כדאי צו זידלען ניט קיין הינט, ניט קיין פילאָזאָפן. מיר ווייסן דאָך ניט וואָס איז אַזוינס אַ הונט, און וואָס אַזוינס זיינען מיר גופא. מיר ווייסן לחלוטין גאָרניטשט.

— אָ, אַלטער, געהערסטו, אודאי, צו דער כתּה סקעפּטיקער? ביסט פון יענע אומגליקלעכע משוגעים, וואָס לייקענען אָפּ אי באַ־

ווענונג איז רו, וואָס געפינען ניט קיין חלוק צווישן דער שיין פון דער זון און די נאַכטיקע שאָטנס?

— מיין פריינט, איך בין טאַקע אַ סקעפּטיקער. כ׳געהער צו אָט דער דאַזיקער כתה, וואָס געפעלט מיר דוקא, בעת דיר געפעלט זי דוקא ניט. אַ סימן, אַז איינע און די זעלבע זאַכן זעען אויס פאַרשיידן. ווען די זון גייט אויף, ווייזן זיך אונז די מעמפיסער פּיראַמידעס, ווי ראָז פאַרשיינטע קאָנוסן, און בעת די זון פאַרגייט, באַקומען זיי ביי דער שיין פון פייערדיקן הימל דאָס געשטאַלט פון שוואַרצע דרייעקן. אָבער, ווער קאָן דערגיין דעם פאַרבאַהאַלטענעם מהות פון יעדן ווען? דו וואַרפסט מיר אויס, אַז איך לייקן אָפּ וואַרשיינלעכקייטן, בעת אינדערעמתן, איז די וואַרשיילעכקייט די איינציקע זאַך, די איינציקע ממשות, וואָס איך קען. כ׳זע, אַז די זון שיינט, אָבער איר עצם מהות איז פון מיר פאַרבאָרגן. איך פיל, אַז דער פייער בריט, אָבער איך ווייס ניט, ווי אַזוי און פאַרוואָס. מיין פריינט, דו פאַרשטייסט מיך זייער שלעכט. און בכלל איז קיין נפקא־מינה ניט, צי פאַרשטייט מען דיך אַזוי, צי אַנדערש.

— אָבער ווידער־אַמאָל, פאַ־וואָס לעבסטו אין מדבר און שפּייזט זיך מיט טייטלען און ציבעלעס? צוליב וואָס פאַסטו תעניתים? איך טו אויך דאָס זעלבע, כ׳לעב ביחידות און פאַסט און פייניק זיך. אָבער איך וויל געפינען חן ביי גאָט און דענק הנאה צו האָבן פון אייביקן נחת־רוח. דאָס איז געוויס אַ ציל. ווייל ס׳איז כדאי צו ליידן, כדי באַקומען שפּעטער אַ גרויסן פאַרגעניגן. און, לה־יפּוך, ס׳איז אַן אומזין, נעמען מיטן גוטן רצון און פייניקן זיך און ליידן ענויים אומזיסט און אומנישט. באם איך וואָלט נישט געווען קיין מאמין-זיי מיר מוחל, וואָס איך לעסטער דיך, אָ, אייביקע ליכט פון ששת ימי בראשית-באם איך וואָלט נישט געגלויבט אין דעם אמת, וואָס גאָט האָט אונז געגעבן דורכן מויל פון זיינע נביאים, דורכן ביישפּיל פון זיין זון, דורך די מעשים פון די אַפּאָסטאָלן, דורך דאָס באַגלויבטע וואָרט פון די הייליקע כנסיות, דורכן באַווייז פון די קדושים, באם איך וואָלט נישט געוווסט, אַז די מאַטערנישן פונם גוף זיינען נויטיק פאַרן געזונט פון נשמה, באם איך וואָלט אַזוי, ווי דו, געווען פאַרזונקען אין אַ חושך, נישט וויסנדיק די הייליקע

סודות—וואָלט איך זיך גלייך אומגעקערט צו עולם־הזה, כ'וואָלט געוואָלט באַקומען רייכקייטן, לעבן אין רחבות. ווי אַלע גליקלעכע פון דער וועלט. און צו די פאַרגעניגנס פונם לעבן וואָלט איך געזאָגט: קומט צו מיר, מיינע טעכטער, קומט, מיינע דינסטן, קומט אַלע, גיסט מיר אייערע ווייגען, אייערע געטראַנקן און אייערע גוטע בשמים. אָבער דו, פאַרנאַרישטער אַלטער, דו זאָגסט זיך אָפּ פון דעם נחת; דו פאַרלירסט און וואַרטסט ניט אויף קיין שום געווינסן; דו גיסט און האָפסט ניט, אַז ס'וועט זיך דיר אומקערן; אויף אַ לעכערלעכן אופן מאַכסטו נאָך די שענסטע געזאַנג פון אונזערע נזירים, אָט אַזוי ווי אַן עזהדיקע מאַלפּע שמירט אַ וואַנט און מיינט, אַז זי מאַכט נאָך אַ בילד פון אַ געלערנטן מאָלער. אָ, נאַרישסטער פון אַלע מענטשן, זאָג, מיט וואָסערע ראיות קאָנסטו דערווייזן אַז דו ביסט גערעכט?

פּאַפנוטיוס האָט גערעדט מיט גרויס צאָרן. דער אַלטער איז פאַרבליבן רויִק.

— מיין פריינט,—האָט ער געענטפערט ווייך,—וואָס אַרן דיך די ראיות און באַווייזן פון אַ הונט, וואָס איז איינגעשלאָפן אין שמוץ, צי פון אַ חוצפהדיקער מאַלפּע.

פּאַפנוטיוס האָט געהאַט בדעה בלויז גאָטס לויב. זיין צאָרן האָט זיך דעריבער געשטילט און ער האָט מיט דרך־ארץ געבעטן מחילה:

— זיי מיר מוחל, אַלטער, ברודער מיינער,—האָט ער געזאָגט,— זיי מיר מוחל, וואָס דאָס שטרעבן צום אמת האָט מיך אַרויסגעבראַכט פון די כלים. גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב פיינט באַקומען ניט דיך, נאָר דיין טעות. איך לייד דערפון, וואָס דו זינקסט אין אַ חשכות, ווייל איך ליב דיך אין יעזוס קריסטוס, און אין האַרצן זאָג איך און טראַכט ווי דיך מציל צו זיין. רעד, זאָג אַרויס דיינע באַווייזן, איך האָב אַ מוראדיקן חשק דערגיין ביז זייער תוך, כדי צו קאָנען זיי אָפּלייקענען.

דער אַלטער האָט רויִק געענטפערט:

— פאַר מיר איז קיין חלוק ניט: רעדן, צי שווייגן. איך וועל דיר זאָגן פאַרוואָס איך דענק אַזוי, ניט פרעגנדיק דיך, פאַרוואָס דו

דענקסט אַנדערש. איִך זאָרג ניִט ניִט פאַר דיין גליִק, ניִט פאַר דיין
אומגליִק, מיִר איִז קיין נפקא=מינה, ציִ טראַכסטו אַזוי, ווי איִך, ציִ
אויף אַן אַנדער אופן, און ווי אַזוי זאָל איִך דיִך ליִב האָבן אָדער
פֿיינט האָבן? דער חכם טאָר ניִט ליִבן און ניִט האַסן. נאָר ווייל דו
פרעגסט מיִך, קאָן איִך דיִר מודיע זיין, אַז מ׳רופט מיִך טיִמאָקלעס,
געבוירן ביִן איִך אויפן איִנזל קאָס ביי עלטערן, וואָס זיינען רייך
געוואָרן פון האַנדל. מיין פאָטער פלעגט אָנלאָדן שיִפן. שׂכל האָט
ער געהאַט פונקט אַזוי פיִל, וויפיִל אלכסנדר מוקדון, וואָס די וועלט
רופט איִם, דער גרויסער. ער איִז בלויז ניִט געווען אַזוי פאַרגרעבט,
ווי יענער. בקצור, ער איִז געווען אַ געמיינער באַגרענעצטער מענטש.
כ׳האָב געהאַט צוויי בריִדער, וואָס האָבן געאַרבעט איִנם פאָטערס
געשעפט. מיין פאַך איִז געווען די וויִסנשאַפט. מיין עלטערן ברודער
האָט דער פאָטער געצוואונגען חתונה צו האָבן פאַר אַ פרוי פון קאר=
יען מיִטן נאָמען טיִמאָעס. דער ברודער האָט זי פֿיינט געקראָגן, ניִט
געקאָנט מיִט איר זיין צוזאַמען און איִז אַריינגעפאַלן איִן אַ מרה=
שחורה. אָבער טיִמאָעס האָט אַרויסגערופן אַ פאַרברעכעריִשן געפיִל
ביי אונזער יונגערן ברודער און די ליִבע צו איר איִז ביי איִם
אַריבער איִן אַ משוגעת. טיִמאָעס האָט זיי ביידן גלייך פאַרהאַסט. זי
האָט גאָר ליִב געהאַט איינעם, וואָס האָט געשפיִלט אויפן פלייט, און
אַלע נאַכט פלעגט ער זי באַזוכן ביי איר איִן ציִמער. איינמאָל האָט
ער איִנדערפרי געלאָזן ביי איר זיין קראַנץ, וואָס ער פלעגט איִם
טראָגן אויף שמחות. מיינע בריִדער האָבן דעם קראַנץ געפונען און
געשוואָרן הרגענען דעם פלייטנשפיִלער. אויפן צווייטן טאָג איִז ער
אומגעקומען פון זייערע קלעפּ, ניִט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער
האָט געוויינט און געבעטן זיִך. מיין שוועגעריִן איִז פון יאוש אַראָפּ
פון זיִנען און אַלע דריי אומגליִקלעכע האָבן, ווי חיות, געשפּאַציִרט
משוגענערווייז אויף די ברעגן פון קאָס, געוואָיעט, ווי די וועלף,
מיִט שוים אויף די ליִפן, מיִט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, אַרומגעריִנגלטע
מיִט מחנות קיִנדער, וואָס האָבן איִן זיי געוואָרפן מיִט מושלען.

זיי זיינען געשטאָרבן און מיין פאָטער האָט זיי מיִט די איי=
גענע הענט מקבר געווען. איִנגיִכן איִז ער קראַנק געוואָרן, זיין
מאָגן האָט ניִט צוגענומען קיין שום שפייז און ער איִז אויסגעגאַ=

גען פון דונגער, ער, דער עושר, וואָס האָט געוואַקס ביד אויסקויפן אַלע פליישן און אַלע פירות פון אַזיע. ער איז געווען אויסער זיך, וואס ער לאזט איבער מיר זיין ירושה. איך האָב זי אויסגענוצט צוליב נסיעות. איך בין אומעטום געווען: אין איטאַליע, אין גריכנלאַנד, אין אַפריקע און קיין איין חכם, קיין איין גליקלעכן אין ערגעץ ניט באַגעגנט. כ'האב געלערנט פילאָזאָפיע אין אַטען און אין אַלעקסאַנדריע און בין פאַרטויבט פון טומלדיקע וכּוחים. לסוף בין איך אָנגעקומען קיין אינדיע און דאָרט האָב איך אויפן ברעג פונם טייך גאַנג דערזען אַ נאַקעטן מענטשן, וואָס זיצט שוין אַזוי אויפן ברעג גאַנצע דרייסיק יאָר, ניט גערירט זיך פון אָרט, די פיס אונטערגעבויגן אונטער זיך. ליאַנען־צווייגן האָבן אַרומגעפלאכטן זיין אויסגעטריקנטן גוף און אין זיינע האָר האָבן פויגלען זייערע נעסטן געבויט. און ער האָט געלעבט. דערזעענדיק אים, האָב איך זיך דערמאנט אָן טימאָעס, דעם פלייטנשפילער, אָן מיינע צוויי ברידער, דעם פאָטער, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיקער אינדיאַנער איז געווען אַ חכם. „מענטשן, האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט, ליידן דערפון, וואס זיי פאַרמאָגן ניט אַלץ, וואָס זיי גלוסט זיך, און פאַרמאָגן זיי יאָ־האָבן זיי מורא, אַז זיי וועלן דאָס פאַרלירן. און נאָך ליידן זיי פון אַזעלכע איבערלעבענישן, וואָס זיי האַלטן זיי פאַר שלעכטע. ווערט פטור פון די אַלע איינדרינגענישן, און אַלע ליידן וועלן ממילא פאַרשווינדן". כ'האָב טאַקע דערפאַר באַשלאָסן, אַז קיין שום זאַך האָט קיין ווערט ניט פאַר מיר, איך זאָג זיך אָפּ פון דער וועלט און לעב ביחידות און ניט גערירט זיך פון אָרט אָט אַזוי, ווי יענער אינדיאַנער.

פאַפנוטיוס האָט גוט אויסגעהערט דעם אַלטנס מעשה.

— טימאָקלעס פון קאָס—האָט ער צו אים געזאָגט,—איך בין זיך מודה, אַז ניט אַלע דיינע ראיות זיינען אומזיניקע. ביסט גערעכט, בנאמנות, וואָס דו זאָגסט זיך אָפּ הנאה צו האָבן פון דער וועלט. אָבער ס'איז אַן אומזין, וואָס דו האָסט די אייביקע תענוגים און דערצאָרנסט גאָט. כ'באַקלאָג דיין אומוויסנהייט, טימאָקעס, און וויל מיט דיר לערנען דעם אמת, כדי דו זאָלסט וויסן, אַז ס'איז דאָ אַ

גאָט אין דריי געשטאַלטן און דעם גאָט מוסטו פאָלגן, ווי א קינד פאָלגט דעם פאָטער זיינעם.

טימאָקלעס האָט אים אָבער איבערגעריסן:

— זיי געהיט, פרעמדער, לערן מיך ניט דיין תורה און צווינג מיך ניט אָננעמען דיין גלויבן. וכוחים ברענגען צו גאָרניִשט. מיין מיינונג באַשטייט דערין, אַז מ׳זאַרף ניט קיין שום מיינונג. איך לעב אָן זאָרגן, בתנאי, אַז איך זאָל קיין איין זאַך ניט שטעלן העכער פון די איבעריקע. גיי זיך דיין וועג און פּרוו ניט אַרויספירן מיך פון יענער זיסער גלייכגילטיקייט, אין וועלכער איך בין, ווי אין אַ לעבלעך וואַסער, פאַרזונקען נאָך שווערע אַרבעטן פון מיינע טעג.

פאַפנוטיוס איז געווען טיף געניט אין אמונה זאַכן. געוווסט האָט ער וואָס איז אַזוינס אַ מענטשן־האַרץ און פאַרשטאַנען דערי־בער, אַז גאָטס גענאָד רוט ניט אויפן אַלטן טימאָקלעס, און אַז דער טאָג פון אויסלייזונג איז נאָך ניט געקומען פאַר דער דאָזיקער נשמה, וואָס גייט אַ פאַרעקשנטע צום אָפּגרונט. ער האָט אים גאָר־ניִשט ניט געענטפערט, מורא געהאַט, אַז זייער שמועס זאָל ניט האָבן קיין שלעכטן סוף. ס׳טרעפט זיך דאָך אַזוי אָפט, אַז בעת מ׳רעדט איין מענטשן, וואָס זיינען ניט מסוגל צו גלויבן, ווערן זיי נאָך מער אַריינגעשלעפּט אין זייערע חטאים, אַנשטאָט צו גיין מיטן אמתן אָני־געוויזענעם וועג. אָט דערפאַר טאַקע דאַרפן די, וואָס פאַרמאָגן דעם אמת, פאַרשפּרייטן אים באַטראַכטערהייט.

— נו, זיי געזונט, אומגליקלעכער טימאָקלעס,—האָט ער צו אים געזאָגט.

פאַפנוטיוס האָט טיף אַ זיפץ געטאָן, און געלאָזט זיך מיט זיין פרומען וועג גיין אין דער נאַכט אַריין.

פאַרטאָג האָט ער דערזען צוויי איביסן, זיי זיינען געשטאַנען אומבאַוועגלעך ביים ברעג פון אַ וואַסער, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט זייערע בלאַסע און ראָזע העלזער. אויפן ברעג האָבן די לינדנביי־מער געשפּרייט אין דער אַרומיקייט זייער ווייכע גרינס. די בושלען זיינען געפלויגן אין אַ דרייעק איבערן ליכטיקן הימל און צווישן די קאַמישן האָט זיך געהערט דער געשריי פון די פאַרבאָר־

גענע שטאָרכן. דער טייך האָט אִינדערוויטנס געקייקלט זיינע ברייטע גרִינע וואַסערן, און זעגלען האָבן זִיך אִיבער זיי געגליטשט ווִי פלִיגלען פון פויגלען. דאָ און דאָרט האָט זִיך אַ ווייסע פלִיג אִין וואַסער־ראַנד אָפּגעשפִּיגלט, פון אויבן האָבן ווייט־ווייט געשוועבט גרִינגע נעפּלען, און פון די שאָטנדִיקע אִינזלען, אָנגעלאָדענע מִיט פּאַלמעס, בלומען און פרוכטן, זיינען אַרויסגעפלויגן רוישנדִיקע מחנות פון עִנטלעך, גענז און אַלערליי אַנדערע פויגלען. לִינקס האָט זִיך בִּיז צום מדבר געשפּרייט דער באַוואַקסענער טאָל, די פעלדער, די ווייגערטנער, וואָס האָבן געצִיטערט פאַר פרייד, די זון האָט באַגִילדט די זאַנגען און די שפּיץ פון דער ערד האָט געשוועבט אִין דופטִיקע שטויבן. דערזעענדִיק דאָס דאָזִיקע, האָט פּאַפּנוטיוס געקנִיט און אויסגעשריִגן: „געלויבט אִיז גאָט דער האַר, וואָס האָט געבענטשט מיין נסיעה. דו, וואָס שִיקסט אַראָפּ דיינע טויען אויף די פייגנביימער פון אַרסִינאָאִיטִידע, גאָט מיינער, זאָל דיין חסד אַראָפּנִידערן אִין דער נשמה פון טאַיִס, וועלכע דו האָסט נִישט מִיט ווייניקער לִיבע באַשאַפן, ווִי די בלִימען פון פעלד און דיביימער פון די גערטנער. הלוואי זאָל זי מִיט מיין מי אויפבלִיען, ווִי אַ בשמימדִיקער רויזנבוים אִין דיין ירושלים אִין הִימל".

און יעדער מאָל, ווען ער האָט געזען אַ בלִיענדִיקן בוים אָדער אַ שיין פייגעלע, האָט ער געטראַכט פון טאַיִס, און אָט אַזוי גייענדִיק מִיט דער לענג פון לִינקן ברעג טייך, מִיט די רייכע באַזעסענע ישובים, אִיז ער אִין משך פון אַ פּאָר טעג אָנגעקומען בִּיז אַלעקסאַנדריע, דער שטאָט, וואָס די גריִכן האָבן איר אַ נאָמען געגעבען: די שיינע און גאָלדענע.

די זון אִיז שוין אַ שעה צייט אויפגעשטאַנען, ווען ער האָט פון אַ באַרג דערזען די גרויסע שטאָט, די דעכער, וואָס האָבן געגלאַנצט אִינם ראָזן נעפּל. ער האָט זִיך אָפּגעשטעלט, צוגעלייגט די הענט אויף דער ברוסט:

— אָט אִיז,—האָט ער געזאָגט,—דאָס לִיבע אָרט, וווּ איך בִּין געבוירן אִין זִינד, אָט אִיז די זִילבערנע לופט, וווּ כ'האָב איינגעטעמט די פאַרסמטע ריחות, דער גלוטִיקער ים—וווּ כ'האָב געהערט דאָס זִינגען פון סִירענעס. אָט דאָס אִיז דאָס ווִיגעלע פון מיין גוף,

מיין פּאָטערלאַנד אויף דער וועלט. דאָס בלייענדיקע וויגעלע, באַריִמ־טע פּאָטערלאַנד, ווי מענטשן זאָגן! ס'איז אַ טבע־זאַך, וואָס דיינע קינדער, אָ, אַלעקסאַנדריע, ליבן דיך, ווי אַ מוטער, אויך איך בין אַרויס פון דיינע פּראַכטפולע געדערים. אָבער דער גזיר פאַרהאַסט די נאַטור, דער פרוש גלויבט נישט אין אויסערלעכער שיינקייט, דער קריסט באַטראַכט זיין מענטשלעך פּאָטערלאַנד, ווי אַן אָרט, וווּ ער איז אין גלות, דער מאָנאַך געהערט נישט דער ערד. כ'האָב אָפּגעקערט מיין האַרץ פון צו ליבן דיך, אָ, אַלעקסאַנדריע! כ'האָב דיך פיינט, כ'האָב דיך פיינט פאַר דיין עשירות, פאַר דיין וויסנשאַפט, פאַר דיין לוסט און פאַר דיין שיינקייט. זיי פאַר־שאָלטן, אָ, טעמפּל פונם שטן, אומווירדיקער געלעגער פון געצנדינער, אומריינער מזבח פון די אַריער — זיי פאַרשאָלטן! און דו, געפליגלטער זון פון הימל, וואָס האָט געפירט דעם הייליקן פרוש אַנטאָניוס, בעת ער איז געקומען פון טיפן מדבר אַהער אין דער דאָזיקער פעסטונג פון דער עבודה־זרה, כדי צו פאַרשטאַרקן דאָ דעם גלויבן אינם האַרצן פון צדיקים און קדושים, גוטער מלאך פון גאָט דעם האַר, פאַרהוילן קינד, ערשטער אָטעם פון גאָט — פלי פאַר מיר און מיטן פאָכן פון דיינע פליגלען הייליק די פוילע לופט, מיט וועלכער מיר וועט אויסקומען צו עטעמען דאָ צוזאַמען מיט די פינסטערע זין פונם דור.

נאָך די רייד איז ער ווייטער געגאַנגען זיין וועג. אין שטאָט איז ער אַריין דורך די טויערן פון דער זון. די דאָזיקע טויערן זיינען געווען פון שטיין און זיינען געווען הויך און שיין געבויט. אָבער אין די שאָטנס זיינען דאָרט געזעסן אומגליקלעכע אָרעמע לייט, וואָס האָבן פאַרקויפט די פאַרבייגייער ציטראָנען און פייגן, אָדער געקלאָגט און געבעטלט גראָשנס.

אַן אַלטע פרוי אין שמאַטעס האָט, שטייענדיק אויף די קני, געכאַפּט דעם מאָנאַך פאַרן מאַנטל, אַ קוש געטאָן און געזאָגט:

— גאָטס מענטש, בענטש מיך, וועט מיך גאָט בענטשן. כ'האָב אויף דער וועלט אַ סך יסורים געהאַט, וויל איך האָבן נחת אויף יענער וועלט. ביסט פון גאָט, אָ, הייליקער מענטש, דעריבער איז דער שטויב פון דיינע פיס טייערער פון גאָלד.

— גאָט דער האַר זאָל זײַן געבענטשט, — האָט געזאָגט פּאַפּנוטיוס.

און ער האָט מיט צונױפֿגעלײגטע פֿינגער איבערגעצלמט דעם קאָפּ פֿון דער אַלטער פֿרױ. אָבער קוים האָט ער דורכגעמאַכט אַ הונדערט טריט, זײַנען אױף אים אָנגעפֿאַלן אַ חבֿרה קינדער, אָנגעהױבן אים זידלען און װאַרפֿן אױף אים שטײנער:

— אָ, דער שלעכטער מאָנאַך, — האָבן זײ געשריגן, — ער איז שװאַרצער פֿון אַ קינאָצעפֿאַל און האָט אַ גרעסערע באָרד פֿון אַ ציגנבאָק. ס'איז אַ טױגעניכטס. פֿאַרװאָס הענגט מען אים נישט אױף, װי פּריאַפּאָס געשטאַלט ערגעץ אין אַ װײַנגאָרטן, ער זאָל שרעקן דאָרט די פֿױגלען? אָבער נײן, ער װאָלט אַראָפּגעבראַכט אַ האָגל אױף די בליענדיקע עפּלבײמער. ער טראָגט מיט זיך אַן אומגליק. צו די ראָבן, מאָנאַך, גײ צו די ראָבן!

און זײ האָבן געשריגן און געװאָרפֿן אין אים שטײנער.

— מײַן גאָט, בענטש די דאָזיקע אָרעמע קינדער, — האָט געמורמלט פּאַפּנוטיוס.

ער איז װײַטער געגאַנגען זײַן װעג און געטראַכט:

— יענע אַלטע פֿרױ אַכט מיך און די קינדער פֿאַרהאַסן מיך. אײנע און די זעלבע זאַך װערט אױף אַזאַ אופֿן אָפּגעשאַצט פֿאַרשײדן פֿון מענטשן, װאָס זײַנען נישט זיכער אין זײערע מײנונגען און זײַנען עלול אַ טעות צו האָבן. מ'דאַרף זיך מודה זײַן, אַז פֿאַר אַ געצנדינער פֿאַרמאָגט דער אַלטער טימאָקלעס גענוג שׂכל: ער איז בלינד, אָבער ער װײסט, אַז אים פֿעלט ליכט. אױף װיפֿיל איז ער קליגער פֿון די יעניקע געצנדינער, װאָס שרײַען פֿון זײערע פֿינסטערע טיפֿעניש: מיר זעען די שײַן! אױף דער װעלט איז אַלץ אַ פֿאַרבלענדעניש און שװינדיקער זאַמד. די אײביקײט איז נאָר אין גאָט.

ער האָט דורכגעשפּאַנט די שטאָט מיט פֿלינקע טריט. צען יאָר איז ער דאָ נישט געװען און דאָך האָט ער דערקענט יעדן שטײן און יעדער שטײן האָט אים דערמאָנט אָן זײַנע עבֿרות. ער האָט איצט דערפֿאַר מיט אכזריות געקלאַפּט די באָרװיסע פֿיס אָן דעם ברוקיר פֿון די גאַסן, געפֿרײט זיך, װאָס ער לאָזט איבער די בלוטיקע סימנים פֿון די פֿאַרװונדעטע פֿיס. ער האָט אױסגעמיטן פֿון

לינקס די פראַכטפולע טויערן פונם סעראַפּיס־טעמפּל און זיך געראַזן גיין איבער אַ גאַס. פון ביידע זייטן זיינען דאָרט געשטאַנען רייכע געביידעס, איינגעשלאָפענע, דאַכט זיך, צווישן פאַרשיידענע גוטע ריחות. סאָסנעס, דעמבן און ניסנביימער האָבן געהויבן זייערע שטאָלצע קרוינען איבער די רויטע קאַרניזן אין גאָלדענע אַקראָטערן. דורך די האַלב־אָפענע טירן האָבן פון די מאַרמאָר־קאָרידאָרן אַרויס־געזען זיך סטאַטועס פון בראָנז און פאָנטאַנען אַרומגערינגלט מיט גרינס. קיין שטיקל רויש האָט ניט געשטערט דער רו פון די שיינע וווינונגען. ס'האָט זיך נאָר געהערט אַ ווייטער אָפּגעבאַזונדערטע קלאַנג פון אַ פלייט. דער מאָנאַך האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן ניט קיין גרויסן פיין אויסגעבויטן הויז, אַן אָנגעלענטן אויף שטאָלצע זיילן, שטאַלטנע, ווי יונגע מיידלעך. דער בנין איז געווען באַפּוצט מיט בראָנז געשטאַלטן פון פאַרשיידענע באַוווסטע גריכישע פילאָזאָפן.

פּאַפנוטיוס האָט דאָ דערקענט: פלאַטאָן, סאָקראַטעס, אַריסטאָ־טעלעס, עפּיקורוס און זענאָן. ער איז צוגעגאַנגען, אַ קלאַפּ געטאָן מיטן האַמער אין טיר און גענומען וואַרטן און טראַכטן:

— דער דאָזיקער מעטאַל פאַרייביקט אומזיסט אָט די אַלע פאַלשע חכמים. זייערע שקרים זיינען שוין דערוויזן געוואָרן. זייערע נשמות זינקען אין גיהנום און דער באַרימטער פלאַטאָן, וואָס האָט מיט זיינע שיינע דרשות געמאַכט זיך אַ שם אויף דער גאָרער ערד, חקירהט זיך איצט בלויז מיטן טייוול.

ס'איז אַרויס אַ קנעכט און האָט אויפגעעפנט די טיר. דערזע־ענדיק פאַר זיך אויף דער שוועל אַ באָרוויסן מענטשן, האָט ער אים גוזאָב אַ זאָג געטאָן:

— גיי זיך ווייטער בעטלען, לעבערלעכער מאָנאַך, און וואַרט ניט ביז כ'וועל דיך פאַרטרייבן פון דאַנען מיט שטעקנס.

— מיין ברודער, — האָט געענטפערט דער גלח פון אַנטינאָע, — איך בעט קיין שום זאַך ניט, כ'וויל נאָר דו זאָלסט מיך פירן צו ניקיאַס דיין בעל־הבית.

דער קנעכט האָט געענטפערט מיט מער כעס:

— מיין בעל־הבית באַזוכן ניט אַזעלכע היינט, ווי דו.

— זון מיינער, — האָט אָפּגעענטפערט פּאַפנוטיוס, — טו מיר די טובה, איך בעט דיך, און זאָג דיין בעל־הבית, אַז איך פאַרלאַנג אים זען.

— אַוועק פון דאַנען, דו מנוול, דו בעטלער, — האָט אויסגעשריגן דער דערצאָרנטער שומר.

און ער האָט אויפגעהויבן זיין שטעקן אויפן היילקן מענטשן, וואָס האָט צונויפגעלייגט אין אַ צלם די הענט אויפן האַרצן, זיך קיין ריר ניט געגעבן און צוגענומען דעם קלאַפּ גלייך אין פּנים אַריין. דערנאָכדעם ווידער שטיל איבערגעחזרט:

— טו דאָס, וואָס כ'האָב דיך געבעטן, מיין זון, כ'בעט דיך.

דער שומר האָט אַ פאַרציטערטער דורכגעמורמלט:

— ווער איז ער, דער מענטש, וואָס האָט קיין מורא ניט פאַר ווייטאָקן?

און ער איז אַוועקגעלאָפן מודיע זיין דעם בעל־הבית.

ניקיאַס איז נאָר וואָס געוועסט אַרויס פון בּעט. שיינע שקלאַפינס האָבן מיט באָד־באַרשטן געגלעט זיין לייב. דאָס איז געווען אַ שטאַלטנער און ווילער מאַן. אויף זיין געזיכט האָט געשוועבט אַ גוטמוטיק־איראָנישער שמייכל. דערזעענדיק דעם מאָנאַך, איז ער אויפגעשטאַנען פון אָרט און געלאָזן זיך אַנטקעגן מיט צעעפנטע אָרעמס.

— דאָס ביסטו, פּאַפנוטיוס, — האָט ער אויסגעשריגן, — מיין חבר, מיין פריינט, מיין ברודער! איך דערקען דיך, הגם באמת געררעדט, זעסטו אויס גיכער ווי אַ חיה, איידער ווי אַ מענטש. נעם מיך אַרום. געדענקסטו די צייטן, ווען מיר האָבן צוזאַמען געלערנט גראַמאַטיק, רעטאָריק און פילאָזאָפיע? דעמאָלט שוין ביסטו געווען שטרענג און ווילד, אָבער איך האָב דיך ליב געהאַט פאַר דיין אָפנהאַרציקייט. מיר פלעגן זאָגן, אַז דו קוקסט אויף דער וועלט מיט די אויגן פון אַ ווילד פערד און ס'איז גאָר קיין חידוש ניט, וואָס דו ביסט אַזאַ בייזער: ס'האָט דיר אַביסל אויסגעפעלט דער אַטישער גייסט, אָבער דערפאַר האָט דיין ותרנות ניט געהאַט קיין גרענעץ. דו האָסט ניט געהאַלטן ניט פון דיין געלט, ניט פון דיין לעבן. דו האָסט פאַרמאָגט עפּעס אַ מאָדנע טבע, אַן אייגנאַרטיקן שכל, וואָס

איז מיר זייער שטאַרק געווען געפעלן. וואָס מאַכסטו, טייערער פּאַפּנוטיוס, ביסט דאָך צען יאָר ניט געווען דאָ! דו האָסט געוואָרפן דעם מדבר, דו זאָגסט זיך אָפּ פון די קריסטלעכע דמיונות און קערסט זיך אום ווידער צום פריערדיקן לעבן? איך וועל דעם טאָג פאַרצייכענען ביי זיך מיט אַ ווייס שטיינדל.

— קראָבילע און מירטאַלע, — האָט ער זיך געווענדעט צו די פרויען, — זאַלבט מיט בשמים די פיס, די הענט און די באָרד פון מיין טייערן גאַסט.

זיי האָבן, שמייכלענדיק, געבראַכט דעם קרוג, די כלים און אַ קופּערנעם שפּיגל. אָבער פּאַפּנוטיוס האָט זיי אָפּגעשטעלט מיט אַ באַפוילנדיקער באַוועגונג און האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ניט געוואָלט אָנקוקן די פרויען, וואָס זיינען געווען נאַקעט. בעת מעשה האָט אים ניקיאַס אינטערגערוקט קישנס, אַוועקגעשטעלט פאַר אים עסנוואַרג און פאַרשיידענע משקאות. פּאַפּנוטיוס האָט מיט פאַראַכטונג פון אַלץ זיך אָפּגעזאָגט.

— ניקיאַס, — האָט ער צו אים געזאָגט, — כ'האָב זיך ניט אָפּגעזאָגט דערפון, וואָס דו רופסט, על פּי טעות, די קריסטלעכע דמיונות, דערפון, וואָס איז דער אמת פון אַלע אמתן. אין אָנהויב איז געווען דאָס וואָרט און דאָס וואָרט איז געווען אין גאָט און דאָס וואָרט איז געווען גאָט. ער האָט אַלץ באַשאַפן און גאָרניש איז ניט געווען באַשאַפן חוץ אים. דאָס לעבן איז געווען אין אים און דאָס לעבן איז געווען דאָס ליכט פון די מענטשן.

— טייערער פּאַפּנוטיוס, — האָט געענטפערט ניקיאַס, וואָס האָט שוין געהאַט אָנגעטאָן אַ דופטיקן מאַנטל, — דענקסטו מיך פאַרחדושן מיט דיינע ניט־געלונגענע רייד, מיט אָט דעם פוסטן מורמל דיינעם? האָסטו דען פאַרגעסן, אַז איך בין אַליין כמעט אַ פילאָזאָף? און דענקסטו באַפרידיקן מיך מיט אָט די שטיקלעך געדאַנקען, וואָס אומוויסנדע מענטשן האָבן אַרויסגעכאַפּט ביי אַמעליוסן, בעת אַמעליוס גופא, פאָרפיריוס און פּלאַטאָן, זיי, מיט גאָר זייער גלאַנץ, באַפרידיקן מיך ניט. די פאַרשיידענע שיטות, וואָס די חכמים האָבן אויסגעבויט, זיינען, אינדערעמתן, נאָר מעשיות אויף צו פאַרוויילן די אייביקע קינדהייט פון די מענטשן, דאָס זיינען שפּילערייען, אָט, אַ

שטייגער, ווי די מעשיות מכוח דעם גאָלדענעם אייזל, דער פּרוּ־ פון עפּיזוּס אָדער נאָך אַזוינע מילעטישע געשיכטעס.

ער האָט זיין גאַסט גענומען פאַר אַ האַנט און אַריינגעפירט אין אַ זאַל, ווו אין קאַרבן זיינען געלעגן טויזנטער פאַרוויקלטע מגלות פון פּאַפּירוּס.

— דאָס איז מיין ביבליאָטעק,—האָט ער געזאָגט,—דאָ איז נאָר אַ קליינער טייל פון די אַלע שיטות, וואָס די פילאָזאָפן האָבן באַ־שאַפן, כדי צו דערקלערן די וועלט. אין רייכן סעראַפּעום אפילו זיינען זיי ניט אַלע פאַראַן. אָבער, צום באַדויערן, איז דאָס אַלץ נאָר חלומות פון קראַנקע מענטשן.

ער האָט געצוואונגען זיין גאַסט צו זעצן זיך אויף אַ שטול פון עלפאַנטביין און אַליין אויך געזעצט זיך. פּאַפנוטיוס האָט מיט אַ מרה־שחורהדיקן בליק באַטראַכט די אַלע ביכער פון דער ביבליאָטעק און געזאָגט:

— מ׳דאַרף זיי אַלע פאַרברענען.

— אָ, ליבער גאַסט, ס׳אַן עברה,—האָט געענטפערט ניקיאַס,— חלומות פון קראַנקע זיינען אַמאָל טשיקאַווע. בכלל, ווען מ׳וואָלט באַדאַרפט חרוב מאַכן אַלע טרוימען און דמיונות פון מענטשן, וואָלט די ערד פאַרלירן איר געשטאַלט, אירע פאַרבן, און מיר אַלע וואָלטן איינגעשלאָפן אין אַ מרה־שחורהדיקער טעמפּקייט.

פּאַפנוטיוס האָט ווייטער אַרויסגעזאָגט זיין געדאַנק:

— די אַלע תורות פון די געצנדינער זיינען אָן ספק פּוסטע אויסטראַכטענישן. אָבער גאָט, וואָס איז דער אמת, איז נתגלה גע־וואָרן דורך זיינע נסים. ער האָט זיך פאַרקערפּערט אין אַ גוף און האָט געלעבט צווישן אונז.

ניקיאַס האָט געענטפערט:

— דו ביסט אודאי גערעכט, טייערער פּאַפנוטיוס, בעת דו זאָגסט, אַז ער איז געוואָרן אַ גוף. אַ גאָט, וואָס דענקט, וואָס באַ־וועגט זיך, וואָס רעדט און שפּאַצירט איבער דער ערד, ווי דער אוראַלטער אוליסעס איבערן לעבער־ים, אַזאַ גאט איז בפירוש אַ מענטש, ווי קאָנסטו גלויבן אין אָט דעם נייעם יופּיטער, אַז דאָס קליינוואַרג אַפילו פון אַטען האָט אין די צייטן פון פּעריקלעס שוין

ניט געגלויבט אינם אַלטן. אָבער לאָמיר דאָס איבערלאָזן. ביסט דאָך, משמעות, ניט געקומען חקירהן מיט מיר וועגן די דריי געשטאַלטן פון גאָט, וואָס קאָן איך צוליב דיר טאָן, טייערער חבר?

— דו קאָנסט מיר טאָן אַ טובה, — האָט געענטפערט דער גלח פון אַנטינאָע. — אַנטליי מיר אַן אָנגעדופּטעטן מאַנטל, אַט אַזאַ ווי דו האָסט נאָר וואָס אָנגעטאָן. דערצו נאָך גיב מיר, כ׳בעט דיך, באַגילדטע סאַנדאַליעס און אַ פלאַש מיט בוימל אויף צו שמירן מיינע האָר און באָרד, כ׳דאַרף אויך האָבן אַ בייטל מיט אַ טויזנט דראַכמעס. אָט דאָס, ניקיאַס, בין איך געקומען צו דיר בעטן אין נאָמען פון גאָט און אונזער אַמאָליקער פריינטשאַפט.

ניקיאַס האָט געהייסן, אַז קראָבילע און מירטאַלע זאָלן ברענגען זיין סאַמע שענסטן מאַנטל, ער איז געווען אויסגענייט אין אַזיאַטישן גוסט מיט בלומען און חיות. די ביידע פרויען האָבן פאַנאַנדערגעוויקלט דעם מאַנטל, וואָס האָט געשפּילט מיט זיינע לעבעדיקע פאַרבן. זיי האָבן געוואַרט, אַז פּאַפנוטיוס זאָל אויסטאָן זיין האָריק לייבל, וואָס האָט אים באַדעקט ביז אַריבער די פיס. אָבער דער מאָנאַך האָט דערקלערט, אַז ער וועט גיכער לאָזן שינדן זיין לייב, איידער אַראָפּציִען פון זיך דאָס האָריק קלייד... און די פרויען האָבן געמוזט אָנטאָן אים דעם מאַנטל פון אויבן אויפן קלייד. די ביידע פרויען זיינען געווען שיינע און ניט מורא געהאַט דעריבער פאַר מאַנסבילן, הגם זיי זיינען געווען שקלאַפינס. זיי האָבן זיך גענומען לוסטיק מאַכן איבערן אויסזען, וואָס דער גלח האָט באַקומען, בעת ער האָט אָנגעצויגן אויף זיך דעם מאַנטל. קראָבילע האָט אים גערופן: „מיין טייערער סאַטראַפּ" און פאָרגעלייגט אים אַ שפּיגל, און מירטאַלע האָט אים געצופּט פאַר דער באָרד, פּאַפנוטיוס אָבער האָט בעת מעשה תפילה געטאָן צו גאָט און האָט די פרויען גאָר ניט געזען. דערנאָכדעם האָט ער אָנגעטאָן די סאַנדאַליעס, צוגעבונדן דעם געלט־בייטל צום גאַרטל און געווענדעט זיך צו ניקיאַסן, וואָס האָט אים אַזוי לוסטיק באַטראַכט.

— אָ, ניקיאַס, זאָלסט מיך אין גאָרניש ניט חושד זיין. וויסן זאָלסטו, אַז איך וועל אויסניצן צוליב אַ מצוה אָט דעם מאַנטל, דעם בייטל און די סאַנדאַליעס.

— מיין טייערער,—האָט געענטפערט ניקיאַס,—איך בין דיך לחלוטין ניט חושד אין עפעס שלעכטס. ווייל כ'רעכן, אַז מענטשן זיינען בכלל ניט פעיק ניט אויף קיין שלעכטע מעשים, ניט אויף קיין גוטע. שלעכטס און גוטס—האָבן מענטשן אויסגעטראַכט. דער חכם איז מקיים אַלע מנהגים און געוויינהייטן. אָט בין איך מיך נוהג צו לעבן, ווי אַלע לעבן דאָ אין אַלעקסאַנדריע. דערפאַר טאַקע רעכנט מען מיך פאַר אַן ערלעכן מענטשן. גיי, מיין פריינט, און מאַך זיך לוסטיק.

אָבער פּאַפנוטיוס האָט געפונען פאַר נויטיק מודיע זיין ניקיאַסן נאָך וואָס ער איז געקומען אַהער.

— קענסטו די טאַיס, וואָס שפּילט אין טעאַטער?

— זי איז זייער אַ שיינע,—האָט געענטפערט ניקיאַס,—און ס'איז געווען אַ צייט, ווען זי איז מיר געווען טייער. צוליב איר האָב איך פאַרקויפט אַ מיל און צוויי תבואה-פעלדער, און אין איר נאָמען וועגן האָב איך פאַרפאַסט דריי ביכער מיט שלעכטע עלעגיעס. די שיינקייט איז, אודאי, דאָס מעגלעכסטע אין דער וועלט, און וואָלטן מיר געהאַט ביד פאַרמאָגן זי תמיד, וואָלטן מיר זייער ווייניק גע-דאגהט מכּוח דעמיורגאָס, לאָגאָס, עאָן—און די איבעריקע פילאזאָפי-שע דמיונות. אָבער כ'בין נתפּעל, ליבער פּאַפנוטיוס, דו קומסט פון די מדבריות דערציילן מיר וועגן טאַיס.

נאָך די רייד האָט ער שטיל אָפּגעזיפצט. פּאַפנוטיוס האָט אויף אים געקוקט מיט פחד, ניט פאַרשטאַנען, ווי קאָן אַ מענטש רויק זיך מודה זיין אין אַזאַ חטא. ער האָט געוואַרט, אַז די ערד וועט זיך עפענען און ניקיאַס וועט פאַרשווינדן אין פלאַם! אָבער די ערד האָט קיין ציטער ניט געטאָן און דער אַלעקסאַנדריער האָט שטיל געשמייכלט צו די אויפגעוואַכטע בילדער פון דער פאַרפלויגענער יוגנט.

דער נזיר איז אויפגעשטאַנען און האָט שטרענג אַרויסגערעדט:

— בין איך דיר מודיע, ניקיאַס, אַז איך וועל מיט גאָטס הילף אַרויסרייסן די דאָזיקע טאַיס פון די קייטן פון דער ערדישער ליבע און וועל זי אָפּגעבן פאַר אַ כלה יעזוס-קריסטוס. אויב דער הייליי-

קער גייסט וועט מיך ניט ווארפן, וועט טאָס היינט פארלאָזן די שטאָט און וועט ארייננ־עטן אין אַ נזירים־קלויסטער.

באַלייזיק ניט די געטין ווענוס,–האָט געענטפערט ניקיאס,–האָב מורא פאַר איר, זי איז אַ מעכטיקע געטין. זי וועט אויסלאָזן אויף דיר איר צאָרן, אויב דו וועסט ביי איר אָפּנעמען איינע פון אירע שענסטע דינערינס.

– גאָט וועט מיך היטן,–האָט געזאָגט פּאַפנוטיוס,–זאָל ער אויך באַלייכטן דיר דיין הארץ, ניקיאַס, און העלפן דיר אַרויס פונם תהום, וווּ דו ביסט פאַרזונקען.

ער איז אַרויסגעגאַנגען. אָבער ניקיאַס איז אַוועק נאָך אים. ער האָט אים דעריאָגט אויף דער שוועל, געלייגט די האַנט אים אויפן אַקסל און אים געמורמלט אויפן אויער:

– היט זיך באַליידיקן די ווענוס; איר נקמה וועט זיין אַ מוראדיקע.

פּאַפנוטיוסן האָבן ניט געאַרט די דאָזיקע פאַרשייטע ווערטער, ער האָט אפילו דעם קאָפּ קיין קער ניט געטאָן. ניקיאַס רייד האָבן ביי אים אַרויסגערופן נאָר אַ פאַראַכטונג. אָבער געליטן האָט ער פונם געדאַנק, וואס זיין אַמאָליקער פריינט האָט הנאה געהאַט פון טאָיס ליבע. געדאַכט האט זיך אים, אַז זינדיקן מיט דער דאזיקער פרוי איז מאוסער איידער זינדיקן מיט אַוועלכער ס׳איז אַנדערער. ער האָט גערעכנט, אַז ניקיאַס איז באַגאַנגען אַ באַזונדערע עולה און האָט אנגעהויבן פילן אַ שנאה צו אים. ער האָט תמיד געהאַסט די אויסגעלאַסנקייט, אָבער קיינמאָל האָבן זיך די תאוהדיקע בילדער פון דעם מין ניט געוויזן אים אַזוי נמאסדיק. און קיינמאל האט ער נאָך, אָט אַזוי ווי איצט, ניט דורכגעדרונגען זיך מיטן צאָרן פון יעזוס־קריסטוס און מיטן טרויער פון די מלאכים.

און נאָך שטאַרקער האָט זיך אים פאַרגלוסט אַרויסרייסן טאָיס פון דער געצנדינערשער סביבה, און געחלשט האָט ער גיכער געפינען די שפּילערין און זי מציל זיין. אבער ביז די בייטאָגיקע היץ וועט ניט אָפּפאַלן האָט ער ניט געקאָנט אריינגיין צו דער דאָזיקער פרוי. ס׳איז נאָך געווען פרי און פּאַפנוטיוס איז אַוועק איבער די געפּאַקטע גאַסן. באַשלאָסן האט ער פאַסטן אַ גאַנצן טאג, ער זאָל

ווערט זײַן די חסדים, וואס ער האט געבעטן בײַ גאָט. אין האַרצן האָט ער געטרויערט, וואָס ער קאָן ניט אַרײַנגײן אין אײנעם פֿון די שטאָטישע קלויסטערס, געוווּכט האָט ער, אַז די אַריער האָבן זײ מטמא געווען און חרוב געמאַכט גאָטס במות. די דאָזיקע אפּיקורסים האָבן, באמת, מיט דער הילף פֿונם ביזאַנטישן קיסר, אַרויסגעטריבן דעם אַרציבישאָף אַטאַנאַסיאָס און צעקריגט צווישן זיך די אַלעקסאַנדריער קריסטן.

איז ער געגאַנגען וויינען די אויגן טראגן, אַמאָל הכנעהדיק אַראָפּגעלאָזן די בליקן צו דער ערד, אַמאָל געהויבן זײ מיט התפּעלות צום הימל. אַ שטיק צײַט האָט ער אַזוי געבלאָנזעט און אָנגעקומען אויף אײנע פֿון די גאַסן, וואָס בײַם ברעג ים.

דאָרט זײַנען אויפֿן וואַסער געשטאַנען אַ סך שיפֿן מיט טונקעלע זײַטן און פֿונדערווײַטנס האָט אין זילבער און בלוי געשמײכלט דער פֿאַרפֿירערישער ים. אַ גאַלעריי מיט אַ סטאַטוע פֿון דער געטין נערעידע אויפֿן רודער איז אָקאַרשט אַראָפּ פֿון אַנקער. די רודערער האָבן געקלאַפּט איבער די וואַלן און געזונגען לידער. די ווײַסע טאַכטער פֿון די ימען איז געווען באַדעקט מיט פּײַכטע פּערל און שוין קוים-קוים געזען זיך פֿונדערווײַטנס. די שיף האָט דורכגעשניטן דעם שמאָלן ים-אַרבל, וואָס פֿאַלט אַרײַן אינם באַסיין עוונאָסטאָס, איז אַרויס אויפֿן ברייטן ים-שטח און געלאָזן נאָך זיך אַ בליענדיקן לאַנגן צײַכן.

— איך האָב אויך געוואָלט,—האט געטראַכט פּאַפֿנוטיוס,—אַמאָל האָב איך אויך געוואָלט לאָזן זיך שווימען אינם וועלט-אָקעאַן, אָבער גאָר אינגיכן .האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז אַ משוגעת, און די נערעידע האָט מיך אין ערגעץ ניט פֿאַרטראָגן.

און טרוימענדיק אַזוי, האָט ער זיך געזעצט אויף אַ בינטל שטריק און אַנטדרימלט געוואָרן. אין שלאָף האָט ער געזען אַ חלום. אויסגעדאַכט האָט זיך אים, אַז ער הערט אַ קלאַנג פֿון אַ שאַלנדיקן טרומייט און אַז דער הימל איז געוואָרן רויט, ווי בלוט. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז די צײַט איז געקומען. בעת ער האט מתפּלל געווען, האט ער דערזען אַ גרויסע חיה, וואָס טראָגט זיך גלײַך צו אים. בײַ דער חיה אויפֿן שטערן האָט געלויכטן אַ צלם און ער

האָט דערקענט, אַז ס'איז דער סילסילעישער ספינקס. די חיה האט אים אנגעכאפּט מיט די ציין, ניט פארשאפט אים קיין שום ווייטאַק, און מיטן מויל אוועקגעטראָגן אים, אָט אַזוי ווי קעץ טראָגן זייערע קליינע קעצלעך. און געטראגן האט זי פּאַפּנוטיוסן איבער בערג און טייכן, און אנגעקומען אין אַ וויסטן ארט, וואס איז געווען באַדעקט מיט מוראדיקע פעלזן און מיט הייסן אַש, די ערד איז דארט אין אַ סך ערטער געווען צעשפּאלטן און די ערדמיילער האָבן געעטעמט מיט אַ גליענדיקער היץ. די חיה האט ליבלעך אַוועקגעלייגט פּאפּנוטיוסן אויף דער ערד און אים געזאָגט:

— קוק!—ער האָט זיך אנגעבויגן, פּאַפּנוטיוס, צום אָפּגרונט און דאט דערזען אַ פייערדיקן טייך, וואָס האט געשטראָמט אינעווייניק אין דער ערד. געגאָסן זיך צווישן אַ צווייענדיקער קייט פון שוואַרצע פעלזן. ביי אַ בלאַסער שיין האָבן דארט די טייוואָלים געליטערט די נשמות פון די געשטאָרבענע. די נשמות האָבן פאַרהיט זייער פריערדיקן קערפּערלעכן אויסזען, געווען נאָך אפילו באַהאָנגען מיט שטיקלעך קליידער. די דאָזיקע נשמות זיינען, דאַכט זיך, געבליבן רויק, ניט קוקנדיק אויף דעם פיין און פורעניות. איינע פון זיי, אַ גרויסע, אַ ווייסע, מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיט אַ טוך אויפן שטערן און אַ קייזערלעכער רוט אין האַנט-האָט געזונגען. איר שטים האָט אנגעפילט מיט הארמאנישע קלאַנגען דעם פוסטן פרוכטלאָזן ברעג, זי האט דערציילט פון געטער און העלדן. קליינינקע גרינע שדים האָבן מיט רויטע אנגעגליטע אייזנס געשטאָכן איר די ליפן און דעם האַלז. און האָמערס שאָטן האט נאך אַלץ געזונגען. ניט ווייט פון אים האָט דער אַלטער גרויער און פליכיקער אנאַקסאַגאָר מיט אַ צירקל געצייכנט אויפן שטויב געאָמעטרישע פיגורן. אַ שד האָט אים אין אויער אַריינגעגאָסן זודיקן בוימל און ניט געקאָנט מבלבל זיין דעם אַלטנס רעיונות. און נאָך אַ סך מענטשן האָט דער מאָנאך געזען דאָרט אויפן מרה-שחורהדיקן ברעג פונם גליענדיקן שטראָם, די אַלע לייט האָבן געלייענט, אָפּגעגעבן זיך רויק זייערע רעיונות, אָדער גאָר געשפּאַצירט און געשמועסט צווישן זיך, אָט ווי די לערער און די תלמידים אונטער די שאטנדיקע פּלאַטאַנען פון דער אַקאַדעמיע. איינער נאר, דער אלטער טימאָק-

לעס, איז געשטאַנען אָן אַ זייט און געשאָקלט מיטן קאָפּ ווי אַ מענטש, וואָס לייקנט אין אַלץ. אַ גיהנום־מלאך האָט מיט אַ שטורקאַץ געפּאַכעט אים פאַר די אויגן, אָבער טימאַקלעס האָט ניט געזען ניט דעם מלאך, ניט דעם פלאַקער.

שטום און פאַרחידושט האָט פּאַפנוטיוס זיך אַ קער געטאָן צו דער חיה, נאָר אויפן אָרט פונעם ספינקס איז שוין געשטאַנען אַ פרוי, פאַרוויקלט אין אַ דעקטוך, און זי האָט צו אים געזאָגט:

— קוק און פאַרנעם: די פאַרעקשנטקייט פון די ניטגלויביקע איז אַזוי גרויס, אַז אפילו אין גיהנום זיינען זיי זיך מקריב צוליב די נאַרישקייטן, וועלכע האָבן זיי פאַרפירט דאָ אויף דער ערד. דער טויט האָט זיי ניט אויסגעניכטערט, ווייל ס'איז קלאָר, אַז שטאַרבן הייסט נאָך ניט דערזען גאָט. די דאָזיקע, וואָס האָבן דאָ אויף דער וועלט ניט משיג געווען דעם אמת, וועלן אים קיינמאָל ניט משיג זיין. אָט די ניט־גוטע, וואָס פּייניקן זייערע נשמות, דאָס זיינען די שלוחים פון גאָטס שטראָף. אָבער די דאָזיקע נשמות זעען גאָרנישט און פילן גאָרנישט. דער אמת איז זיי אינגאַנצן פרעמד, באַמערקן זיי אפילו ניט זייער אייגענעם עונש און גאָט אַליין איז ניט ביכלת צווינגען זיי צו ליידן.

— גאָט איז אַלמעכטיק, — האָט אַ זאָג געטאָן דער גלח פון אַנטינאָע.

— אָבער טאָן אַן אומזין קאָן ער ניט, — האָט געענטפערט די פאַרדעקטע פרוי. — אויף צו באַשטראָפן זיי דאַרף מען פריער זיי אויסניכטערן און, ווען זיי וואָלטן פאַרמאָגט דעם אמת, וואָלטן זיי דאָך גלייך געווען צו די אויסדערוויילטע.

פול מיט שרעק און מיט מורא האָט זיך פּאַפנוטיוס ווידער אָנגעבויגן איבערן אָפּגרונט, און דערזען האָט ער ניקיאַס שאָטן—זיין שטערן איז געווען באַדעקט מיט בלומען אונטער דעם אַש פון די מירטן און אַליין האָט ער געשמייכלט. נעבן אים איז געשטאַנען אַספּאַזיא פון מילעטאָס, אַ שלאַנקע, פאַרוויקלט אין אַ וואָלענעם מאַנטל און געדאַכט האָט זיך, אַז זי שמועסט פון ליבע און פילאָזאָפיע, וואָרים דער אויסדרוק פון איר געזיכט איז געווען צאַרט און איידל. דעם פייערדיקן רעגן, וואָס איז געפאַלן אויף זיי,

האָבן זיי געפּילט, ווי אָפּפרישנדיקן ט״ו, און די פּיס זייערע האָבן געטראָטן איבערן אָנגעגליטן באָדן, גלייך ווי אויף ווייכע גראָז. פּאַפּנוטיוס האט דאס דערזען און איז אַריין אין גרימצאָרן:

— שטראָף אים, גאָט, האט ער אויסגעשריגן, שטראָף אים, ס׳איז בזיון. זאָל ער וויינען! זאָל ער קלאָגן! זאָל ער קריצן מיט די ציין, ער האט געזינדיקט מיט טאַיס!...

און פּאַפּנוטיוס האָט זיך פּלוצים אויפגעכאַפּט אין די אָרעמס פון אַ געזונטן מאַטראָס, וואָס האָט אים געשלעפּט איבערן זאַמד און געשריגן:

— שטילער, שטילער, מיין פריינט, כ׳שווער מיט פּראָטעוס, דעם אַלטן גאָט פון די ים־פיש, דו שלאָפסט אומרויק ביז גאר. אויב כ׳וואלט דיך ניט איינהאַלטן, וואָלסטו אַריינגעפאַלן אין ים. כ׳האב דיר מציל געווען דאס לעבן, ס׳איז אַזוי אמת, ווי דאס, וואָס מיין מוטער האַנדלט מיט געזאַלצענע פיש.

— כ׳דאַנק דערפאַר דעם רבונו של עולם, — האט געענטפערט פּאַפּנוטיוס.

ער איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועק ווייטער, געטראַכט מכוח דער זעונג, וואס איז אים געקומען אין שלאף.

— דער דאָזיקער חלום, — האָט ער זיך געזאָגט, — איז אַ שלעכטער סימן, ער באַליידיקט גאָטס חסד, דערמיט, וואָס ער שטעלט פאַר דעם גיהנום, ווי אַן אויסגעטראַכטן, ניט קיין ווירקלעכן: דער חלום קומט געוויס פונם שטן.

און געטראַכט האָט ער אַזוי דערפאַר, ווייל ער האָט געוווסט דעם חלוק פון חלומות, וואָס גאָט שיקט, ביז די חלומות, וואָס די בייזע רוחות ווייזן. דער נזיר, וואָס ווינט תמיד אַן אַרומגערינגלטער מיט פלערליי בלענדעניש, מוז קאָנען אונטערשיידן, ווייל, בעת אַז מע מיידט אויס מענטשן, באַגעגנט מען קליפּהס. דער מדבר איז פול מזיקים. איינמאָל, בעת די וואַנדערער האָבן זיך דערנענטערט צו דער חורבה, וווּ ס׳האָט זיך פאַרבאָרגן דער הייליקער נזיר אַנטאָניוס, האָבן זיי דערהערט דאָרט אַזאַ טומל, ווי אין די יום־טובים־נעכט אויף די שטאָטישע גאַסן. דאָס האָבן אודאי געטומלט די שדים, וואָס האָבן געוואָלט ברענגען צו אַ נסיון דעם הייליקן מאַן. פּאַפּנוטיוס האָט זיך דערמאנט אין אָט דער באַוווּסטער מעשה.

ווייטער האָט ער זיך דערמאָנט מכּוח דעם הייליקן יאָהאַנעס פֿון מצרים, וועלכן דער שטן האָט אין משך פֿון זעכציק יאָר געפּרוּווט פֿאַרפֿירן מיט פֿאַרשיידענע כּשוף־זאַכן. אָבער יאָהאַנעס פֿלעגט גובֿר זיין די אַלע אָנשיקענישן פֿון גיהנום. און פֿונדעסטוועגן האָט איינמאָל דער שטן זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ מענטשן און איז אַריין צום הייליקן אין הייל און האָט געזאָגט: „יאָהאַנעס, דו מוזט פֿאַרלענגערן דיין תּענית ביז מאָרגן אָוונט“. יאָהאַנעס האָט געמיינט, אַז ס'רעדט צו אים אַ מלאך, געפֿאָלגט דעם שטן און געפֿאַסט טאַקע ביז אין צווייטן אָוונט. אָט דאָס איז געווען דער איינציקער נצחון, וואָס דער האַר פֿון פֿינסטערניש האָט אָפּגעהאַלטן איבערן הייליקן יאָהאַנעס, און דער נצחון איז אויך געווען אַן אומבאַדייטנדער. ס'איז דעריבער ניטאָ וואָס צו חידושן זיך, וואָס פּאַפֿנוטיוס האָט תּיכּף פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז אַ שקר אָט דער חלום, וועלכן ער האָט געזען אין שלאָף.

ער האָט אַזוי געהאַט שטילע תּרעומות אויף גאָט, וואָס האָט אים איבערגעגעבן אין האַנט פֿונם שטן, און האָט פּלוצים דערפֿילט, אַז אַ המון מענטשן שטופּט אים און שלעפּט אים מיט ערגעץ אין אַ ריכטונג, וווּהין זיי אַלע זיינען געלאָפֿן. ער האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעוווינט פֿון צו אומגיין איבער שטעט און די פֿלינקע דורכגייער האָבן אים דערפֿאַר איצט אָפּגעוואָרפֿן איינער צום אַנדערן, ווי אַן אומבאַוועגלעכן קלומעק. ער האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין די פֿאַלדן פֿון זיין מאַנטל און איז אַ פּאָר מאָל שיער ניט געפֿאַלן. פֿאַרגלוסט האָט זיך אים וויסן וווּהין די אַלע מענטשן לויפֿן, האָט ער אָפּגעשטעלט איינעם און אים אַ פֿרעג געטאָן, פֿאַרוואָס איילן זיי אַלע אַזוי.

— פֿרעמדער, ווייסט דען ניט, — האָט יענער אים געענטפֿערט, — אַז תּיכּף וועלן זיך אָנהויבן די שפּילן און טאַיִס וועט אַרויסטרעטן אויף דער בימה. די אַלע בירגער גייען אין טעאַטער און איך גיי אויך אַהין, ווילסטו מיך באַגלייטן?

פּאַפֿנוטיוסן איז אין דער רגע אַרויף אויפֿן זינען, אַז ס'פּאַסט אים טאַקע צו זיין צבֿין זען, ווי טאַיס שפּילט און ער האָט מסכּים געווען גיין צוזאַמען מיטן מענטשן. אינגיכן איז פֿאַר זיינע אויגן אַרויסגעשוווּמען דער טעאַטער, זיין טויער, וואָס איז געווען באַפּוצט מיט גלענצנדע מאַסקעס, די פּרעכטיקע וואַנט, ווו ס'זיינען געשטאַ-

נען אָן אַ שעור סטאַטועס. און נאָכגייענדיק נאָכן גאַנצן עולם, זיינען זיי אַריין אין אַ שמאָלן קאָרידאָר, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ ברייטן אַמפיטעאַטער, פאַרגאָסן מיט ליכט. זיי האָבן פאַרנומען פלעצער אין אַ ריי פון די טרעפ, וועלכע האָבן זיך מיט אַ לייטער געצויגן ביז דער בימה, וואָס איז געווען פראַכטפול באַפוצט, אָבער געשטאַנען נאָך ליידיק, אָן שפילער. קיין שום פאָרהאַנג האָט ניט פאַרשטעלט די בימה פון די צושויער און זיי האָבן געקאָנט באַמערקן דאָרט אַן אָנגעשאָטענעם קבר, אַ בערגל פון דעם מין, וואָס די אוראַלטע פעלקער פלעגן מקדש זיין די שאָטנס פון זייערע העלדן. דאָס בערגל איז געלעגן אין מיטן פון אַ קאַמף־פעלד. די שפיזן זיינען בינטלעכווייז געשטאַנען פאַר די געצעלטן, די גאָלדענע פאַנצערס זיינען געהאַנגען אויף שטאַנגען צווישן לאָרבער־צווייגן און דעמבענע קראַנצן. דאָרט איז געווען שאַ־שטיל און רויק. נאָר אַ גערויש, ווי דער רויש פון בינען אין בינשטאָק, האָט אָנגעפילט דעם אַמפיטעאַטער, וואָס איז געווען געפאַקט מיט צושויער. אַלע פנימער זיינען געווען רויט פונם אָפשיין פון דעם פורפור־דעקטוך, וואָס האָט געפלאַטערט איבערן טעאַטער, און די אַלע געזיכטער האָבן געוואַרט, בייגעריק געקוקט אויפן שטיל־שווייגנדיקן מרחק, וואָס איז אָנגעפילט געווען מיט די געצעלטן און מיטן אָנגעשאָטענעם קבר. די פרויען האָבן געלאַכט, געגעסן ציטראָנען און די תושבים פונם טעאַטער האָבן זיך הויך אויפן קול איבערגעשמועסט, איין ריי מיט דער צווייטער.

פאַפנוטיוס האָט אין האַרצן תפלה געטאָן, אָפגעהאַלטן זיך פון צו רעדן דברים בטלים, אָבער דער שכן זיינער האָט גענומען קלאָגן זיך פאַר אים אויף דער ירידה פון טעאַטער.

— אַמאָל, — האָט ער דערציילט, — פלעגן געבילדעטע אַקטיאָרן אָנטאָן מאַסקעס און דעקלאַמירן לידער פון עוריפידעס און מענאַנדראָס. איצט אָבער לייענט מען שוין ניט קיין דראַמעס, מע מאַכט זיי נאָך, און פון די אַלע געטלעכע פאָרשטעלונגען, וועלכע מ׳פלעגט שפילן אין אַטען לכבוד דעם גאָט באַקכוס, האָבן מיר פאַרהיט נאָר דאָס, וואָס יעדער באַרבאַר, צי אַפילו סקיף וועט פאַרשטיין: די האַלטונג און די תנועה. ניטאָ שוין מער די טראַגישע מאַסקע מיטן

מויל־שפּאַלט, וווהין ס'פלעגן זיך אַריינשטעלן פיילן פון נעטאַל אויף צו פאַרשטאַרקן דעם קול פונם שפּילער, ניטאָ מער די הויכע שיך, אַ דאַנק וואָסערע די שפּילער פלעגן באַקומען דעם וווקס פון די געטער, די טראַגישע גאוה, דאָס זינגען פון די שיינע שירים — אַלץ איז פאַרשוווּנדן. די נאָכמאַכער, טענצערס מיט אַנטפּלעקטע פּנימער, פאַרנעמען דאָס אָרט פון פּאַוולוס און ראָסציוס. וואָס וואָלטן, אַן ערך, געזאָגט די אַקטיאָרן פון פעריקלעס־צייטן, ווען זיי וואָלטן דערזען אַ פרוי אויף דער בימה? ס'איז אַ שאַנד, וואָס אַ פרוי באַווייזט זיך פאַרן עולם. באם מיר זייַנען דערויף ניט מקפּיד, איז אַ סימן, אַז מיר האָבן זיך אויסגעלעבט.

— ס'איז אַזוי אמת, ווי דאָס, וואָס איך רוף מיך דאָריאָן, די פרוי איז דעם מאַנסבילס שונא, זי איז די שאַנד פון דער וועלט!

— דו רעדסט, ווי אַ חכם, — האָט אים געענטפערט פּאַפּנוטיוס, — די פרוי איז אונזער מוראדיקסטער פיינט. זי פאַרשאַפט אונז פאַרגעניגנס און דעריבער איז זי פאַר אונז אַ סכנה.

— איך שווער מיט די אייביקע געטער, — האָט אויסגעשריגן דאָריאָן, — די פרוי ברענגט ניט דעם מאַנסביל קיין פרייד, נאָר צרות, אומעט און שווערע דאגות. די ליבע איז די סיבה פון אונזערע ערגסטע יסורים. הער מיך אויס, פרעמדער: אין דער יוגנט בין איך אַוועק קיין טרעזען אין אַרגאָליס, האָב איך דאָרט געזען אַ הדס־בוים אַ וווּנדערבאַר דיקן, און אַלע זייַנע בלעטער זייַנען געווען דורכגעשטאָכן מיט לעכלעך. און אָט וואָס די טרעזענער דערציילן וועגן דעם דאָזיקן הדס־בוים: בעת די קעניגין פעדראַ האָט געליבט איפּאָליטאָסן, פלעגט זי גאַנצע טעג אַ פאַרבענקטע ליגן אונטער דעם בוים, וואָס איז נאָך עד היום פאַרבליבן. פון מוראדיקן אומעט האָט די קעניגין איינמאָל אַרויסגעצויגן די גאָלדענע האָרנאָדל, וואָס האָט געהאַלטן אירע בלאָנדע האָר, און גענומען דורכשטעכן די בלעטלעך פון אָט דער פלאַנצונג, וואָס טראָגט דופּטיקע פּירות. זי האָט אַלע בלעטער איינס נאָך איינס אויף אַזאַ אופן באַדעקט מיט לעכלעך. און פעדראַ אַליין נאָך דעם, ווי זי האָט אומגעבראַכט אַן אומשולדיקן מענטשן, וועלכן זי האָט פאַרפאָלגט מיט איר אומווירדיקער ליבע, ווייסטו דאָך, אַז זי איז שרעקלעך אומגעקומען. זי האָט זיך

פֿאַרשלאָסן אין איר כּלה־צימער און האָט זיך דערשטיקט מיט איר גאָלדענעם גאַרטל, זיך אויפֿגעהאַנגען אויף אַ הענגער פֿון עלפֿאַנט־ביין. האָט זיך די גֿעטער פֿאַרגלוסט, אַז דער הדס־בוים, דער עדות פֿון אַזאַ מוראדיקן אומגליק, זאָל כּסדר אויף אַלע זיינע וויטערדי־קע בלעטער האָבן נאָדל־לעכלעך. כ׳האָב אויסגעריסן אַזאַ בלאַט און אויפֿגעהאַנגען צוקאָפּנס איבער מיין בעט. זאָל ער מיך שטענדיק מתרה זיין, איך זאָל מיך ניט אָפּגעבן ליבע־משוגעתן, איך זאָל געדענקען די תּורה פֿון מיין לערער, דעם געטלעכן עפּיקורוס, וואָס זאָגט, אַז די ליבע איז די גרעסטע סכּנה. אינדערעמתן אָבער איז די ליבע אַ לעבער־קרענק און פֿון דער קרענק קאָן מען קיינמאָל ניט זיכער זיין.

פּאַפּנוטיוס האָט געפֿרעגט:

— דאָריאָן, וואָס פֿאַר אַ זאַך פֿאַרשאַפֿט דיר פֿאַרגעניגן?

דאָריאָן האָט טרויעריק געענטפֿערט:

— כ׳האָב בלויז איין תּענוג, איך בין מודה, אַז ער איז ניט אַזאַ גרויסער: ס׳איז דאָס דענקען. בעת מ׳האָט אַ שלעכטן מאָגן, איז ניטאָ וואָס צו זוכן קיין אַנדערע תּענוגים.

נאָך אַזעלכע דבורים האָט פּאַפּנוטיוס באַשלאָסן מקרב זיין אים צו דער גייסטלעכער פֿרייד, וואָס מ׳קאָן האָבן, ווען מ׳שטייט פּנים אל פּנים מיט דער גאָטהייט.

ער האָט אָנגעהויבן:

— הער אויס דעם אמת, דאָריאָן, און באַנעם די הייליקע שיין!

אויסשרייענדיק די דאָזיקע ווערטער, האָט ער דערזען אַ סך קעפּ און הענט, וואָס האָבן זיך פֿון אַלע זייטן געוווּנדעט צו אים און געהייסן אים שווייגן. אין טעאַטער איז געוואָרן אומגעהייער שטיל און ס׳האָבן תּיכּף אויסגעשאַלט קלאַנגען פֿון העראָישער מוזיק.

די פֿאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן. סאָלדאַטן זיינען אַרויס פֿון די געצעלטן און געגרייט זיך אין וועג, און בעת מעשה האָט געטראָפֿן אַ שוידערלעכער נס און דער שפּיץ פֿון קבֿר־בערגל האָט זיך באַדעקט מיט אַ וואָלקן, נאָכדעם האָט זיך דער וואָלקן צעשפּרייט און ס׳האָט זיך באַוויזן דער שאָטן פֿון אַכילעס, באַוואָפֿנט מיט גאָל־

דענעם כלי־זין. ער האָט אויסגעשפּרייט די הענט צו די קריגסלייט און, אויסגעדאַכט האָט זיך, אַז ער האָט זיי געזאָגט: „אַזוי גאָר, קינדער פון דאַנאַאָס, איר גייט אַוועק. איר קערט זיך אום צום פאָטערלאַנד, וואָס כ׳וועל קיינמאָל מער ניט זען און ברענגט ניט קיין קרבן אויף מיין קבר?" און תיכף האָבן די הויפּט־אָנפירער פון די גריכן אַרומגערינגלט דעם צופוסנס פונם בערגל. אַקאַנאַס דער זון פון טעזעוס, דער אַלטער נעסטאָר, אַגאַמעמנאָן מיט דער רוט אין האַנט — זיי אַלע האָבן באַוואונדערט דעם נס. פּיראָס, דער יונגער זון פון אַכילעס, האָט זיך אויסגעצויגן אין שטויב. אוליסעסן האָט מען געקאָנט דערקענען אָן זיין יאַרמולקע מיט די געקרייזלטע האָר, ער האָט געמאַכט באַוועגונגען, מסכים געווען, הייסט דאָס, מיטן העלדישן שאָטן. מיט אַגאַמעמנאָנען האָט ער זיך געקריגט און זייער שמועס איז, ניכר, געווען אָט אַזאַ:

— אַכילעס־האָט געזאָגט דער קיסר פון איטאַקע, — איז ווערט, מיר זאָלן ערן זיין אָנדענק. ער האָט דאָך העלדיש מקריב געווען זיין לעבן פאַר עלאַדע. ער פאָדערט, אַז אויף זיין קבר זאָל מען איצט ברענגען פאַר אַ קרבן דאָס אומשולדיק מיידל פּאָליקסענאַ, די טאָכטער פון פּריאַמוס. דאַנאַענער, באַפרידיקט דעם גייסט פונם העלד און זאָל דער זון פון פּלעוס זיך פרייען אין זיין אייביקער רו.

אָבער דער קיסר פון אַלע קיסרים האָט געענטפערט:

— לאָ׳מיר פאַרהיטן די טראָיאַנער מיידלעך, וואָס מיר האָבן צוגענומען פון דער במה, גענוג צרות האָט שוין געליטן די שיינע משפחה פון פּריאַמוס.

ער האָט געטענהט אַזוי, ווייל פּאָליקסענאַס שוועסטער האָט געטיילט מיט אים איר געלעגער און דער חכם אוליסעס האָט אים אויסגעוואָרפן דאָס, וואָס ער האָט צוליב קאַסאַנדראַס בעט פאַרלאָזן אַכילעסעס שפּיז.

אַלע גריכן האָבן געגרעשט מיטן כלי־זין — אַ סימן, אַז זיי זיינען מסכים אויף די רייד פון אוליסעס. פּאָליקסענאַ איז געווען פאַרמשפּט צום טויט און דער שטן פון אַכילעס איז פאַרשוווּנדן. די מוזיק האָט אַמאָל מיט שרעק און אַמאָל קלאָגנדיק באַגלייט די געדאַנקען פון די פאַרשויגען. דער עולם האָט רוישנדיק אַפּלאָדירט.

פּאַפּנוטיוס, וואָס האָט אויף אַלץ געקוקט מיט אויגן פון אַ גלויביקן, האָט אַדורכגעמורמלט:

— די דאָזיקע מעשה באַווייזט, וואָסערע אכזרים זיינען געווען די, וואָס האָבן זיך געבוקט צו פאַלשע געטער.

— אַלע אמונות פירן צו פאַרברעכנס—האָט אים געענטפערט דער אפיקורס,—צום גליק אָבער איז געקומען דער גריכישער חכם און האָט באַפרייט די מענטשן פונם פחד פאַר דאָס אומבאַוווּסטע.

בעת מעשה איז די אַלטע העקובע מיט צעלאָזטע גרויע האָר און אַ צעריסן מלבוש אַרויס פון איר געצעלט, ווו זי האָט געוווינט אין געפענגעניש. דער עולם האָט שווער אָפּגעעטעמט, דערזעענדיק אויף דער בימה אָט דאָס בילד פונם פאַרקערפּערטן אומגליק. העקובע האָט געזען אַ נביאישן חלום און האָט איצט באַקלאָגט זיך און די טאָכטער אירע. אוליסעס איז שוין געשטאַנען נעבן איר און האָט געפאָדערט פּאָליקסענאַן. די אַלטע מאַמע האָט געריסן אויף זיך די האָר, געקריצט זיך די באַקן מיט די נעגל און געקושט די הענט פונם אכזריותדיקן מענטשן, וואָס האָט, דאַכט זיך, אָנרחמנותדיק-מילד געזאָגט:

— זיי אַ חכמה, העקובע, גיב זיך אונטער דעם מוז. אין אונזערע הייזער זיינען אויך פאַראַן אַלטע מוטערס, וואָס באַוויינען דעם טויט פון זייערע קינדער, וועלכע זיינען אויף אייביק איינגעשלאָפן אונטער די פיכטן-ביימער פון אידאַ. און קאַסאַנדראַ, די געוועזענע קיסרין פון בליענדיקער אַזיע, די איצטיקע שקלאַפין, האָט באַשאָטן דעם קאָפּ מיט אַש.

אָבער אָט אויפהויבנדיק דעם פאָרהאַנג פונם געצעלט, איז אַרויס דאָס מיידל פּאָליסקענאַ.

דער עולם האָט ווי איין מענטש אַ ציטער געטאָן. אַלע האָבן דערקענט טאַיס. פּאַפּנוטיוס האָט זי ווידער דערזען, די דאָזיקע, וואָס ער זוכט. מיט איר ווייסער האַנט האָט זי געהאַלטן איבערן קאָפּ דעם שווערן פאָרהאַנג פונם געצעלט. געשטאַנען איז זי אומבאַוועגלעך, ווי אַ שיינע סטאַטוע, געוואָרפן אויף אַלעמען דעם רויקן בליק פון אירע טונקל-בלויע אויגן. אַ צאַרטע, אַ שטאָלצע, מיטגעטיילט אַלעמען דעם טראַגישן צאַפּל פון שיינקייט. ס'האָט זיך אויפ-

געהויבן אַ גערויש פון די פאַרוואונדערטע צושויער און פאַפנוטיוס האָט אַ מבולבלער געכאַפּט זיך מיט די הענט פאַרן האַרצן און דורכגעטעמט:

— פאַרוואָס, אָ, גאָט מיינער, גיסטו אַזאַ מאַכט איינעם פון דיינע באַשעפעניש?

דאָריאָן, וואָס איז געווען רויקער, האָט געזאָגט:

— געוויס, די אַטאָמען, וואָס האבן זיך אין איין רגע באַהעפט, כדי צו באַשאַפן די דאָזיקע פרוי, שטעלן מיט זיך פאָר איצט אַ בילד, וואָס איז זייער אָנגענעם פאַרן אויג. ס'איז בלויז אַ שפּיל פון דער נאַטור און די דאָזיקע אטאמען ווייסן גאָר ניט, וואס זיי טוען. ווען עס איז וועלן זיי זיך צעשיידן אַזוי גלייכגילטיק, ווי זיי האָבן זיך באַהעפט. ווו זיינען איצט די אטאמען, וואָס האָבן געבילדעט טאַיס אָדער קלעאָפּאַטרע? כ'לייקן ניט:—ס'טרעפן זיך אַן אַנדערש מאָל שיינע פרויען. אָבער זיי זיינען עלול אויף מאוסע מעשים און שענדלעכע געמיינהייטן. אָט אויף דעם פאַרטראַכט זיך טאַקע דער טיפער שכל, בעת דער פשוטער מענטש גיט קיין שום אַכטונג ניט דערויף. און די פרויען וועקן ביי אונז ליבע, הגם ליבע איז כלל ניט פון די קלוגע זאַכן.

דער פילאזאף און דער נזיר האָבן באַטראַכט טאַיס און יעדערער האָט זיך פאַרטיפט אין זיינע אייגענע רעיונות. זיי האָבן ביידע ניט באַמערקט, ווי העקובע האָט זיך געווענדעט צו איר טאכטער און האט איר געזאָגט דורך אירע באַוועגונגען:

— פרווו ווייך מאַכן דאָס האַרץ פונם אכזר אוליסעס, זאָלן פאַר דיר רעדן דייגע טרערן, דיין שיינקייט, דיין יוגגט.

טאַיס, אָדער ריכטיקער, פאָליקסענאַ, האָט געלאָזט פאַלן דעם פאָרהאַנג פונם געצעלט. זי האָט געמאַכט איין טראָט און הערצער זיינען געווען באַזיגט. און בעת זי איז מיט דרך־ארץ לייכט צוגעגאַנגען צו אוליסעסן, האָבן אירע באַוועגונגען, באַגלייט מיטן קלאַנג פון פלייטן, צוגעזאָגט אַ סך און אַ סך גליקן. געדאַכט האָט זיך, אַז זי איז דער מיטלפונקט פון דער געטלעכער האַרמאָניע פון דער גאָרער וועלט. זי איינע האָט געהערשט דאָ איבער אַלץ און אַלץ

איז פאַרשווּנדן אין די שטראַלן פון איר שיינקייט. און די עפּיל איז געגאַנגען ווייטער.

דער זון פון לאַערטעס האָט אָפּגעקערט זיין קאָפּ, באַהאַלטן די הענט אונטערן מאַנטל, כדי צו אויסמיידן די בליקן און די קושן פונם בעטנדיקן מיידל. דאָס מיידל האָט מיט אַ באַוועגונג איר געגעבן צו וויסן ער זאָל קיין מורא ניט האָבן. איר רויִקער בליק האָט געזאָגט:

— אוליסעס, כ'וועל גיין נאָך דיר און אָפּגעבן זיך דעם מוז, ווייל איך וויל שטאַרבן. כ'בין די טאָכטער פון פּריאַמוס און די שוועסטער פון העקטאָר, מיין געלעגער, וואָס איז אַמאָל געגרייט געווען פאַר קיסרים, וועט ניט אויפנעמען קיין פרעמדן האַר. כ'זאָג זיך אָפּ מיטן גוטן רצון פון דער טאָגשיין.

העקובע, וואָס איז געלעגן אומבאַוועגלעך אין שטויב, איז אויפגעשטאַנען פלוצים און האָט מיט אַ באַוועגונג פון יאוש אַרומגענומען איר טאָכטער. פּאָליקסענאַ האָט אַנטשלאָסן און ליבלעך פאַנאַנדערגענומען די אַלטע הענט, וואָס האָבן זי געבונדן. ס'דאַכט, אַז מ'האָט געהערט אירע ווערטער:

— מוטער, ניט דערלאָז, אַז דער זיגער זאָל דיך באַליידיקן. וואַרט ניט ביז וואַנען זיי וועלן דיך אויפן שענדלעכסטן אופן אָפּרייסן פון מיר. גוטע מאַמע, גיב מיר בעסער דיין צעקנייטשטע האַנט און געגען דיינע דאַרע באַקן צו מיינע ליפּן.

די ליידן האָבן נאָך שענער געמאַכט דאָס געזיכט פון טאַיִס. דער עולם איז געווען דאַנקבאַר דער פרוי דערפאַר, וואָס זי האָט געפונען אַזאַ אויסער שיינעם אויסדרוק פאַר די פאָרמען און כוחו ן פונם לעבן, און פּאַפּנוטיוס האָט איר שוין מוחל געווען איר איצטיקן גלאַנץ, פאָרויסזעענדיק איר אונטערטעניקייט אויף להבא, און ער האָט געשטאָלצירט שוין מיט דער דאָזיקער הייליקער, וואָס ער וועט מקריב זיין דעם הימל.

די פאָרשטעלונג האָט שוין געהאַלטן ביים סוף. העקובע האָט געחלשט צום טויט און פּאָליקסענאַ איז אַוועק מיט אוליסעסן צום קבר, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אויסדערוועלטע קריגסלייט. אַ באַגלייטע מיט טרויער־געזאַנגען איז זי צרויף אויפן בערגל, וו

דער זון פון אַכּילעס האָט פון אַ גאָלדענער כּלי געגאָסן וויין פאַרן שאָטן פונם פאַרשטאָרבענעם העלד. בעת די כּהנים האָבן אויפגעהויבן די הענט אויף צו איינהאַלטן פּאָליקסענאַ, האָט זי זיי געגעבן אַ צייכן, אַז זי וויל שטאַרבן פריי, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ טאָכטער פון קיסרים. דערנאָכדעם האָט זי צעריסן איר קלייד און באַוויזן דאָס אָרט, וווּ ס'געפינט זיך דאָס האַרץ. פּירהאָס האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ און אַריינגעשטאָכן אַהין דעם שווערד, און דורך אַ קונצשטיק האָט אַ בלוט־שטראָם גענומען רינען פון דער בלענדנד ווייסער ברוסט פונם מיידל, וואָס איז, ווי געהעריק, געפאַלן אויף דער ערד מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ און מיט טויט־שרעק אין די אויגן.

בעת די קריגסלייט האָבן צוגעדעקט דעם קרבן און באַדעקט אים מיט ליליעס און אַנעמאָנעס, האָט זיך אין טעאַטער אויפגעהויבן אַ פריידגעשריי און וויינערי, און פּאַפּנוטיוס איז אויפגעשטאַנען פון דער באַנק און נביאות געזאָגט מיט אַ דונער־שטים:

— אָ, געצנדינער, איר, וואָס בוקט זיך צום שטן! און אויך איר, אַריער, וואָס זיינט נאָך אומווירדיקער פון זיי—לערנט זיך! דאָס, וואָס איר האָט נאָר וואָס דאָ געזען, איז אַ בילד און אַ משל. אין דער מעשה איז פאַרבאַהאַלטן אַ פאַרבאָרגענע כּוונה. די פרוי, וואָס איר זעט דאָרט, וועט אומגעבראַכט ווערן פאַר א קרבן דעם גאָט, וואָס איז געשטאָרבן אויפן צלם.

דער המון האָט זיך געלאָזט שטראָמענווייז צום אַרויסגאַנג. דער גלח פון אַנטינאָע האָט אויסגעמיטן דעם פאַרחדושטן דאָריאָן, האָט דערגרייכט דעם אַרויסגאַנג און כּסדר נאָך נביאות געזאָגט.

שפּעטער מיט אַ שעה האָט ער געקלאַפּט אין טיר פון טאַיס.

די שפּילערין האָט געוווינט דעמאָלט אינם רייכן טייל פון שטאָט, ראַקאָטיס, ניט ווייט פונם קבר פון אַלעקסאַנדער, אין אַ הויז, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט שאָטנדיקע גערטנער. דאָרט זיינען געשטאַנען געקינסטלטע פעלזן, און אַ טייכל האָט געריזלט צווישן ברעגן, באַוואַקסן מיט טאָפּאָלן. אַן אַלטע שוואַרצע שקלאַפין, באַהאָנגען מיט רינגען, איז אַרויס עפענען די טיר און געפרעגט אים, וואָס דאַרף ער.

— כ׳וויל זען טאַיס,—האָט ער געזאָגט,—גאָט איז אַן עדות, אַז כ׳בין אהער געקומען בלויז צו זען זי.

ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ רייכן מאַנטל און גערעדט שטרענג. דעריבער טאַקע האָט זי אים אַריינגעלאָזט, די שקלאַפין.

— דו וועסט טרעפן טאַיס,—האָט זי אים געזאָגט,—אינם גראָט פון די נימפעס.

In memory of dearly beloved
Geraldine (Gerry) Friedman
DONATED BY HER FATHER
TO THE
MOUNT SINAI SANATORIUM

.II

פאַפּירוס.

טאַיס איז געבוירן געוואָרן ביי אָרעמע פרייע עלטערן, וואָס זיינען געווען געצנדינער. בעת זי איז געווען נאָך גאָר אַ קינד האָט איר פאָטער געהאַלטן אַ שענק אין אַלעקסאַנדריע ביי די טויערן פון דער לבנה, אַ שענק, וווּ ס'פלעגן זיך צוזאַמענטרעפן מאַטראָסן. עטלעכע לעבעדיקע זכרונות זיינען איר פאַרבליבן פון אירע ערשטע קינדער־יאָרן. אַמאָל האָט זיך איר פאָרגעשטעלט איר פאָטער, ווי ער זיצט אין ווינקל ביים אייוועלע, צונויפגעלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, אַ הויכער, אַ שטרענגער און אַ רויקער, אָט אַזאַ, ווי די אוראַלטע פרעהס, וואָס די בלינדע זינגער באַזינגען אויף די גאַסן. זי געדענקט איר דאַרע פאַרומערטע מאַמע, וואָס האָט, ווי אַ הונגעריקע קאַץ, געבלאָנזשעט איבערן הויז, געשטורעמט מיט איר גרילצנדיקער שטים און געגלאַנצט מיט די פאָספאָרישע אויגן. אין די הינטערגעסלעך האָט מען דערציילט, אַז זי איז אַ מכשפה און אַז אַלע נאַכט ווערט זי מגולגל אין אַ שפּאַרבער און פליט צו אירע געליבטע. ס'איז געווען אַ ליגן. טאַיס האָט געוווּסט, אַז די קאַרגע מאַמע פאַרנעמט זיך ניט מיט כשוף, זי האָט אַליין אונטערגעקוקט, ווי יענע ציילט די גאַנצע נאַכט דעם פדיון, וואָס מ'האָט געלייזט פאַרן טאָג. אָט דער פאַרגליווערטער פאָטער און אָט די להומע מוטער האָבן פאַרלאָזט טאַיס, און זי האָט זיך געמוזט אויסזוכן איר חיונה אַליין, אַזוי ווי די בהמות פונם הינטערהויף. זי האָט זיך דעריבער פרי אויסגעלערנט גראָשנווייז אַרויסשלעפּן ביי די שכורע מאַטראָסן דאָס געלט פון הינטערן גאַרטל, דערביי פלעגט זי זיי פאַרשפּילן

מיט נאַיווע לידלעך אָדער מיט מאוסע ווערטער, פון וועלכע זי האָט ניט געוווסט דעם טייטש. אין אָט דער שטוב, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיטן ריח פון וויין און פעך, פלעגט זי זיצן ביי אַלעמען אויף די קני און דערנאָכדעם מיט באַקן נאָך פאַרשמירטע פון שכורע ליפּן און אָנגעשטאָכענע מיט די האָריקע בערד, פלעגט זי זיך אַרויסרייסן פון דאָרטן, שטיף געהאַלטן די גראָשנס אין די קליינע הענטלעך און געלאָזט זיך לויפן קויפן האָניק־קוילעכשן ביי אַן אַלטער פרוי, וואָס איז געזעסן געבויגן הינטער איר ערע קערב אונטער די טויערן פון דער לבנה. דאָס זעלבע פלעגט זיך איבערחזרן יעדן טאָג. די מאַטראָסן פלעגן דערציילן פון דער סכנה, וואָס זיי לעבן איבער, בעת דער גאָט עוואָס וויגט פאַנאַנדער די אונטער־ים־פלאַנצן, דערנאָכדעם פלעגן זיי זיך שפּילן אין ביינדלעך, זידלען זיך, רעדן נבול־פה אויף די געטער און פאָדערן דעם בעסטן קיליקישן ביר.

די מאַטראָסן פלעגן זיך אַלע נאַכט קריגן און וועקן דאָס קינד. איבער די טישן פלעגן פליען מושלען פון אויסטערן און שפּאַלטן קעפּ אינם מוראדיקן טומל. ביי דער שיין פונם רויכערדיקן לאָמפּ האָט זי אָפטמאָל געזען דעם גלאַנץ פון מעסערס און פון שפּריצנדיקן בלוט.

אירע קינדער־יאָרן וואָלטן גאָרניט געוווסט פון קיין גוטס, ווען ניט דער ליבער אַמעס, מיט וועלכן זי איז געווען באַפריינדעט. אַמעס איז געווען איר פּאַטערס קנעכט, געבוירן אין נוביע, שוואַרץ ווי די פּאַן, אין וועלכער ער האָט געקאָכט זיינע געקעכטסן, און גוט, ווי אַ נאַכט פון שלאָף. ער האָט אָפט גענומען טאַיס צו זיך אויף די קני און דערציילט איר אַלטע מעשיות וועגן אוצרות, וואָס זיינען געלעגן אין קעפּ־רס און וועגן קאַרגע קיסרים, וואָס האָבן אויסגעבויט די קעלערס און דערהרגעט דערנאָך די מולערס און בויערס, אַז קיינער זאָל ניט וויסן, ווו זייער געלט געפינט זיך. מעשיות מיט גזלנים, וואָס האָבן חתונה געהאַט פאַר קייסערינס, מיט קעבסווייבער, וואָס האָבן געבויט פּיראַמידעס. די קליינע טאַיס האָט ליב געהאַט אַמעסן, ווי אַן אייגענע מוטער, ווי אַ פּאַטער, ווי אַן אַם און ווי אַ הונט. זי פלעגט זיך האַלטן פאַר זיין פאַרטוך און

נאָכגיין נאָך אים אין די וויין־קאַמערן, אין די הינטערהויפן, ווו די מאָגערע צעפּאַטלטע הינדעלעך מיט אָפּענע שנאָבעלעך און אַרויסגע־לאָזטע נעגל פֿלעגן אַרויספֿליִען, ווי די אָדלערס, פֿון אונטער דעם חלף פֿונם שוואַרצן קאָכער. בײַנאַכט אויף זײַן שטרוי־געלעגער פֿלעגט ער אָפֿט ניט שלאָפֿן און בויען פֿאַר טאַטס קליינע וואַסער־מילכנדלעך אָדער פּיציִנקע אמתדיקע שיפֿן.

די בעלי־בתּים פֿלעגן זיך מיט אים זייער שלעכט באַגיין, איין אויער זייגער איז שוין געווען אָנגעריסן און זיין לייב איז געווען באַדעקט מיט בלויע סימנים. ניט קוקנדיק אויף דעם, איז ער שטענ־דיק געווען רויִק און פֿריילעך און קיינעם פֿון די אַרומיקע איז ניט אַרויף אויפֿן זינען צו פֿרעגן אים פֿון וואַנען האָט ער געשעפּט טרייסט פֿאַר דער נשמה און רו פֿאַרן האַרץ. ער איז געווען תּמימותדיק ווי אַ קינד. ביי זיין טעגלעכער שווערער אַרבעט פֿלעגט ער מיט אַ דינער שטים זינגען הייליקע קאַפּיטלעך, און זיי האָבן געוועקט אינם קינדס נשמה אַ טרוימעריִשן באַגייסטערטן ציטער. מיט אַן ערנסטן און פֿריילעכן קול פֿלעגט ער זינגען:

— זאָג אונז, מרים, וואָס האָסטו געזען דאָרטן פֿון וואַנען דו קומסט אָן?

— כ'האָב געזען תּכריכים און ווייסע טוכן און מלאכים, וואָס זיצן ביים ארון, און כ'האָב געזען די ערע פֿון דעם, וואָס איז אויפֿגעשטאַנען תּחית־המתים.

טאַטס האָט אים געפֿרעגט:

— זיידע, פֿאַרוואָס באַזינגסטו די מלאכים, וואָס זיצן ביים ארון?

און ער האָט איר געענטפֿערט:

— קינד מיינס, שיין מיינע, כ'באַזינג די מלאכים, ווייל יעזוס, אונזער האַר, איז אַרויף אויפֿן הימל.

אַמעס איז געווען אַ קריסט. ער האָט זיך געטויפֿט און מ'האָט אים גערופֿן טעאָדאָר. אַזוי האָט מען אים גערופֿן אויף די אסיפֿות פֿון די גלויביקע, וווהין ער פֿלעגט גיין בשתיקה אין יענע שעהן, וואָס זיינען אים געווען באַשטימט אויף צו שלאָפֿן.

אין יענער צייט האָט דאָס קריסטנטום באַדאַרפֿט ביישטיין אַ

גרויסן נסיון. לויטן באַפעל פונם קיסר האָט מען חרוב געמאַכט אַלע קלויסטערס, פאַרברענט די הייליקע ספרים, צעשמאָלצן די הייליקע כלים און מנורות. ביי די קריסטן האָט מען אָפּגענומען אַלע רעכט און זיי האָבן געוואַרט אויפן טויט. אן אימה איז אָנגעפאַלן אויף דער גאַנצער אַלעקסאַנדריער קהילה. מ'האָט געשמועסט, אַז אין סיריע, אין אַראַביע, מעסאָפּאָטאַמיע, קאַפּאַדאָקיע, אין דער גאַנצער מלוכה, האָבן פאַרשיידענע בייטשן, רעדער, אייזערנע צוואַנגען, צלמים און ווילדע חיות געריסן אויף שטיקער די גלחים און די פרומע בתולות. אַנטאָניוס, וואָס האָט דעמאָלט שוין געשמט מיט זיינע זעונגען און התבודדות, ער דער שר און דער נביא פון אַלע גלויביקע פון מצרים, האָט זיך, ווי אַן אָדלער, אַראָפּגעלאָזט פון זיין ווילדן פעלז, געקומען קיין אַלעקסאַנדריע, אומגעפלויגן פון קלויסטער צו קלויסטער און אָנגעצונדן מיט זיין פלאַם גאַנצע קהילות. אומבאַמערקט פאַר די געצנדינער פלעגט ער זיך ווייזן אויף אַלע אסיפות פון די קריסטן, באַגייסטערט יעדן מיט זיין אייגענער קראַפט און חכמה. מיט אַ באַזונדער אכזריות האָט מען גערודפט די שקלאַפן. אַ סך פון זיי האָבן פון גרויס שרעק געלייקנט אין זייער אמונה. אַנדערע זיינען אַוועק אין מדבר, געהאַפט ווערן דאָרט נזירים, צו לעבן פון רויבעריי. נאָר אַמעס האָט, ווי תמיד, באַזוכט די אסיפות, געגאַנגען געוויר ווערן אין די תפיסות, מקבר געווען די קדושים און האָט מיט פרייד אָפּגעהיט די קריסטלעכע אמונה. דער גרויסער אַנטאָניוס איז געווען אַן עדות פון אָט דער איבערגעגעבנקייט און איידער ער איז צוריק אַוועק אין זיין מדבר, האָט ער אַרומגענומען דעם שוואַרצן שקלאַף און האָט אים געגעבן אַ קוש.

בעת טאַיס איז אַלט געוואָרן זיבן יאָר, האָט אַמעס אָנגעהויבן רעדן איר מכוח גאָט.

— גאָט דער הערשער,—האָט ער איר געזאָגט,—וווינט אין הימל, ווי פּרעה דער קיסר אין די ביידלעך פון זיין האַרעם און אונטער די ביימער פון זיינע געווינער. ער איז דער ערשטער פון אַלע ערשטע, און עלטער איז ער פון דער גאָרער וועלט. ער האָט געהאַט נאָר איין זון—דעם בן-מלך יעזוס, וועלכן ער האָט ליב געהאַט מיטן גאַנצן האַרצן און וואָס איז שענער פון אַלע מיידלעך

און מלאכים. און דער גוטער גאָט האָט געזאָגט צום בן־מלך יעזוס:

— פֿאַרלאָז מיין האַרעם און מיין פּאַלאַץ, און מיינע טייטלען, און מיינע גלענצנדע בּאָנטאַנען. לאָז זיך אַראָפּ אויף דער ערד צוליב דעם מענטשנס טובה וועגן. דו וועסט דאָרט זיין, ווי אַ קינד, און וועסט לעבן ווי אַן אָרעמאַן צווישן אַלע אָרעמע. אָנשטאָט ברויט, וועסטו האָבן יסורים און וויינען וועסטו אַזוי פיל, אַז פון דיינע טרערן וועלן ווערן טייכן, ווו דער מידער קנעכט וועט זיך באָדן מיט פאַרגעניגן. גיי מיין זון!

דער בן־מלך יעזוס האָט געפאָלגט דעם רבונו של עולם און איז אַראָפּ אויף דער ערד אין דעם אָרט, וואָס רופט זיך בית־לחם פון יהודה. ער האָט געשפּאַצירט איבער די לאָנקעס, ווו ס'האָבן געבליט אַנעמאָנעס און האָט געזאָגט צו די, וואָס האָבן אים באַגלייט:

— גליקלעך זיינען די, וואָס הונגערן, ווייל איך וועל זיי פירן צום טיש פון מיין פאָטער! גליקלעך זיינען די, וואָס דאָרשטן, ווייל זיי וועלן טרינקען פון די קוואַלן פון גאָט! גליקלעך זיינען די וואָס וויינען, ווייל איך וועל אָפּווישן זייערע טרערן מיט שטאָפן, וואָס זיינען ווייכער פון די טוכן, אין וועלכע ס'קליידן זיך די אַלמעעס.

אָט דערפאַר האָבן די אָרעמע אים געליבט און געלויבט אים. אָבער די רייכע האָבן אים פיינט געהאַט, מורא געהאַט, אַז ער וועט אויפהויבן די אָרעמע העכער פון זיי. אין יענע צייטן זיינען קלעאָפּאַטרע און צעזאַר געווען די מושלים אויף דער ערד. זיי ביידע האָבן פיינט באַקומען יעזוס און זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די שופטים און די גלחים זאָלן אים אומברענגען. די שרים פון סיריע האָבן געפאָלגט די מלכה קלעאָפּאַטרע, האָבן אויפגעשטעלט אַ צלם אויף אַ הויכן באַרג און האָבן געטויט יעזוסן אויף אָט דעם צלם. די פרויען האָבן אַרומגעוואַשן זיין קערפער און האָבן אים מקבר געווען, אָבער דער פרינץ יעזוס האָט צעבראָכן דעם צודעק פון זיין ארון און איז אַרויף צום גוטן גאָט, זיין פאָטער.

און די אַלע, וואָס שטאַרבן אין זיין נאָמען, גייען אַרויף פון דעמאָלט אָן גלייך אויפן הימל.

דער רבונו של עולם שטרעקט זיי אויס זיינע אָרעמס און זאָגט זיי:

— זייט געבענטשט, מיינע געסט, ווייל איר האָט ליב באַקו־
מען דעם בן־מלך, מיין זון. באָדט זיך אויס און גייט צום טיש.
זיי וועלן זיך באָדן אונטער די קלאַנגען פון דער שענסטער מוזיק
און אין משך פונם גאַנצן מאָלצייט וועלן זיי זען די טענץ פון די
אַלמעעס און הערן פון די דערציילערס אַזעלכע מעשיות, וואָס ענ־
דיקן זיך קיינמאָל ניט. גאָט דער האַר וועט זיי היטן, ווי דאָס
שוואַרצאַפּל פון זיין אויג, ווייל זיי וועלן זיין זיינע געסט און זיי
וועלן באַקומען אַ מתנה די טעפּיכער פון זיין קאַראַוואַן־סאַראַי און
די מילגרוימען פון זיינע סעדער.

אַמעס האָט עטלעכע מאָל אַזוי דערציילט און אויף אָט דעם
אופן האָט טאַיס דערוווסט זיך פון דער אמתער אמונה. זי איז גע־
ווען אין התפעלות און האָט געזאָגט:

— כ'וואָלט גערן געוואָלט עסן די מילגרוימען פון גוטן גאָט
דעם האַר.

אַמעס האָט איר געענטפערט:

— בלויז די, וואָס צלמען זיך אין נאָמען פון יעזוס, וועלן
פאַרזוכן די הימלשע פרוכטן.

און טאַיס האָט געבעטן מ'זאָל זי צלמען. פאַר אַמעסן איז
דאָס געווען אַ באַווייז, אַז זי גלוסט צו יעזוסן און ער האָט באַ־
שטימט זי טיפער אַריינצוציען אין דער אמונה, כדי זי זאָל זיך
טויפן און צושטיין צו דעם קריסטלעכן קלויסטער. און ער האָט זי
ליב באַקומען, ווי אַ גייסטלעכע טאָכטער.

די עלטערן האָבן כסדר אָפּגעשטויסן פון זיך דאָס קינד און
טאַיס האָט ניט געהאַט אפילו קיין אייגן געלעגער אונטערן פאָטערס
אָפּדאַך. זי איז געשלאָפן אין אַ ווינקל אין שטאַל צווישן דעם היי־
מישן פי. אָט אַהין איז אַמעס בסוד געגאַנגען זען זי.

ער פלעגט אונטערגנבענען זיך צו איר געלעגער, זעצן זיך
אויף די שפּיצפינגער, די פיס אונטער זיך, ניט איינבויגנדיק דעם
גוף, לויטן ירושה־שטייגער פון זיין שטאַם. זיין שוואַרץ געזיכט און
שוואַרץ געקליידטער קערפּער פלעגן זיך צוזאַמענגיסן מיט דער אַרו־
מיקער חשכות. ס'האָבן געבליצט נאָר די גרויסע ווייסלעך פון זיינע
אויגן און ס'האָט זיך פון זיי בעגאָסן אַ ליכט, אָט ווי די שיין פונם

באַגינען, וואָס פאַלט אַריין דורך דעם שפּאַלט פון אַ טיר. גערעדט האָט ער מיט אַ דינער זינגעוודיקער שטים, אַ ביסל אונטער דער נאָז און זיין רעדן האָט באַקומען אַ באַזונדערן אומעטיקן חן, אָט ווי די מוזיק, וואָס הערט זיך אָוונט־צייט אין גאַס. דער אָטעם פון אַן אייזל אָדער דאָס שטילע מריקען פון אַן אָקס האָט אַן אַנדערש מאָל, ווי אַ כאָר פון פאַרבאָרגענע גייסטער, באַגלייט דאָס קול פונם שקלאַף, וואָס האָט געמורמלט דאָס עוואַנגעליום. זיינע ווערטער זיינען רויק געפלאָסן אין דער חשכות, וואָס איז אָנגעזאַפּט געווען מיט חסד און מיט האָפענונג; און דאָס קינד האָט געהאַלטן די האַנט אין האַנט פון אַמעס, די איינאַרטיקע קלאַנגען און די מטושטשע בילדער פלעגן זי איינוויגן און זי פלעגט אַנטשלאָפן ווערן אַ שטילע, אַ שמייכלדיקע צווישן דעם געזאַנג און דער הייליקער סודותדיקייט פון דער טונקעלער נאַכט אונטערן בליק פון אַ שטערן, וואָס האָט געפינקלט צווישן די שטאַכעטן פון דער שטאַל.

אַ גאַנץ יאָר האָט ער זי געגרייט ביז וואַנען ס'איז אָנגעקומען די צייט, ווען די קריסטן פייערן די פרייליכע פסחדיקע יום־טובים. און אָט אין איינער פון די נעכט פון דער הייליקער וואָך, בעת טאַטיס האָט שוין אָנגעהויבן דרימלען אויף איר געלעגער אין שטאַל, האָט זי דערפילט, אַז אַמעס הויבט זי פון אָרט. זיינע אויגן האָבן געבליצט מיט אַ נייעם גלאַנץ און אָנגעטאָן איז ער געווען ניט אין שמאַטעס, ווי תמיד, נאָר אין אַלאַנגן ווייסן מאַנטל, אונטער וועלכן ער האט באַהאַלטן דאס קינד, און שטיל צו דעם געזאָגט:

— קום מיט מיר, נשמה מיינע, קום מיין אויג, קום מיין האַרץ, קום באַדעקן זיך מיט די שטראַלן פונם צלם.

און ער האָט אַוועקגעטראָגן דאָס קינד, וואָס האָט געטוליעט זיך צו זיין ברוסט. דערשראָקן און פאַרחדושט האָט טאַטיס אַרויסגערוקט דאָס קעפּל פון אונטערן מאַנטל און מיט אַלע כּוחות געהאַלטן זיך פאַרן האַלז פון איר פריינט, וואָס איז געלאָפן אין דער פינסטערניש. זיי זיינען געגאַנגען מיט טונקעלע געסלעך, דורכגעשניטן דאָס יידישע קוואַרטל, געפּעלט אין דער לענג אַ בית־עלמין, ווו די סאָווע האָט געוואָרפן אירע פחדימדיקע געשרייען. אויף איינעם פון

די פּלעצער איז זיי אויסגעקומען דורכצוגיין אונטער די צלמים, אויף וועלכע ס'ווינען געהאַנגען גופים פון געפּייניקטע קדושים, ס'זיי-נען שוין ראָבן געזעסן דאָרט אויף די פּאַנאַנדערגעשפּרייטע הענט פון די געהאַנגענע און געקלאַפּט מיט די שנאָבלען. טאַיס האט פאַרבאַהאַלטן איר פּנים אויף דער ברוסט פונם קנעכט. אַ גאַנצן וועג האָט זי מער קיין מוט ניט געהאַט אויפהויבן די אויגן. פלוצים האט זי דערפילט, אַז זיי לאָזן זיך אַראָפּ אונטער דער ערד. בעת זי האט אויפגעעפנט די אויגן, האט זי דערזען, אַז זיי געפינען זיך אין אַ שמאָלן קעלער, א באַלויכטענעם מיט פּאַקעלן פון פעך, אויף די ווענט זיינען געווען אויסגעמאָלט גרויסע, גלייכע געשטאַלטן, וואָס האבן כלומרשט, ווי לעבעדיק, באַוועגט זיך אינם רויך פון די פּאַקעלן. די אנגעמאָלטע מענטשן, אנגעטאַן אין לאַנגע טוניקעס, מיט פּאַלמעס אין די הענט, זיינען געשטאַנען צווישן שעפּסן, טויבן און ווינשטאָקן.

צווישן די בילדער האט טאַיס דערקענט דאס געשטאַלט פון יעזוס פון נצרת, ווייל ביי אים צופוסנס האבן געבליט אַנעמאָנעס. אין מיטן שטוב, נעבן אַ גרויסער שטיינערנער כלי, וואס איז געווען ביז די ברעגן אָנגעפילט מיט וואַסער, איז געשטאַנען א זקן. ער האט געטראָגן א נידעריקע יאַרמולקע און א שאַרלאַך-רויטן מאַנטל, אויסגענייט מיט גאָלד. פונם שטאַרקן מאַגערן פּנים איז אים אַראָפּ-געהאַנגען א לאַנגע באָרד. דאס איז געווען דער ארציבישאָף ווי-וואַנטיוס, דער פאַריאָגטער אנפירער פונם סירענער קלויסטער, וואס האט זיך איצט מפרנס געווען פון וועבעריי, געווען א האַנטווערקער, געוועבט פּראָסטע גראָבע שטאָפן פון ציגנוואָל. צוויי אָרעמע יינגלעך זיינען געשטאַנען נעבן אים פון ביידע זייטן. דערביי האט אן אַלטע נעגערין געהאַלטן א קליין ווייס קלייד. אַמעס האט געשטעלט דאס קינד אויף דער ערד, געקניט פאַרן ארציבישאָף און געזאָגט:

— מיין פאָטער, אָט איז די קליינע נשמה, די טאָכטער פון מיין נשמה. כ'האב זי דיר געבראַכט, דו זאָלסט, ווי דו האסט מיר מבטיח געווען, טויפן זי צום לעבן.

בעת מעשה האט דער ארציבישאָף אויסגעשטרעקט די אָרעמס און טאַיס האט דערזען זיינע אויסגעדרייטע הענט. אין די דאָזיקע

טעג פון די נסיונות האט מען אים אויסגעריסן די נעגל דערפאר, וואס ער האט געגלויבט אין זיין גאט. טאַיס האט זיך דערשראקן און א ווארף געטאן זיך צו אמעס. אבער דער גלח האט זי באַרויִקט מיט ליבע ווערטער:

— האב קיין מורא ניט, טייער קינד, דו האסט דא דערביי דיין גייסטלעכן פאטער אמעס, וואס טראגט צווישן אונז דעם נאמען טעאדאר, און דיין ליבע מוטער, וואס האט דיר מיט אירע הענט צוגעגרייט דאס דאזיקע ווייסע קלייד.

און ער האט זיך א קער געטאן צו דער נעגערין:

— זי הייסט ניטידא, דא אויף דער ערד איז זי אַ שקלאפין, אבער אויפן הימל וועט זי יעזוס נעמען זיך פאַר א כלה.

דערנאָכדעם האָט ער געפרעגט ביים קינד:

— טאַיס, גלויבסטו אינעם אַלמעכטיקן גאָט, אין זיין איינציקן זון, וואָס איז געשטאָרבן צוליב אונז, און אין אַלץ, וואָס ס'האָבן אונז געלערנט זיינע שלוחים?

— יאָ, — האָבן צוזאַמען געענטפערט דער נעגער און די נעגערין, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט.

לויטן באַפעל פונעם אַרציבישאָף האָט ניטידא, קניענדיק, אַראָפּגענומען פון טאַיס אַלע אירע קליידער. דאָס קינד איז געבליבן נאַקעט, בלויז מיט אַ קמיע אויפן האַלז. דער גלח האָט זי אָפּגעטובלט דריי מאָל אין דער טויף-כלי. די באַהעלפער האָבן געבראַכט דעם הייליקן בוימל, מיט וועלכן וויוואַנטיוס האָט געמאַכט די זאַלבונגען און אויך אַ ביסל זאַלץ, וואָס ער האָט צוגעלייגט צו די ליפן פון טאַיס. דערנאָכדעם האָט מען אָפּגעווישט דעם גוף, וואָס איז שוין איצט מוכן ומזומן געווען צו דורכמאַכן אַלע ערדישע נסיונות און באַקומען עולם-הבא. די שקלאַפין ניטידאַ האָט אָנגעטאָן טאַיס אין ווייסן קלייד, וואָס זי האָט אַליין אויסגעוועבט מיט די אייגענע הענט.

דער אַרציבישאָף האָט אַלעמען געגעבן אַ קוש פון שלום, פאַרענדיקט דעם סדר פון צלמען און אויסגעטאָן זיינע גלחישע בגדים.

בעת אַלע זיינען שוין אַרויס פון הייל האָט אַמעס געזאָגט:

— מיר דאַרפן זיך פרייען דעם דאָזיקן טאָג, ווייל מיר האָבן

געגעבן דעם רבונו של עולם אַ נייע נשמה. לאָמיר גיין אין דיין הויז, אונזער פֿירער וויוואַנטיוס, און לאָמיר זיך פֿרייען אַ גאַנצע נאַכט.

— דו האָסט גוט געזאָגט, טעאָדאָר, האָט געענטפֿערט דער אַרציבישאָף.

און ער האָט אַוועקגעפֿירט די קליינע מחנה צו זיך אין זיין הויז, וואָס איז געווען ניט ווייט פֿון דאַנען. זיין וווינונג איז באַשטאַנען פֿון איין צימער, ווו ס'זיינען געשטאַנען צוויי וואַרשטאַטן, אַ פּשוטער טיש און אויפֿן דיל איז געלעגן אַן אָפּגעניצטער טעפּיך. און ווי זיי זיינען נאָר אַריין, האָט דער גוביער אויסגערופֿן:

— ניטידאַ, ברענג די פֿייערפֿאַן און דעם בוימל און לאָמיר צוגרייטן אַ מאָלצייט.

בעת מעשה האָט ער פֿון אונטערן מאַנטל אַרויסגעשלעפּט אַ פּאָר באַהאַלטענע קליינינקע פֿישלעך. דערנאָכדעם האָט ער פּאַנאַנדערגעלייגט אַ פֿייער און גענומען זיי פּרעגלען. און זיי אַלע: דער אַרציבישאָף, דאָס קינד, די צוויי יינגלעך און ביידע שקלאַפֿן האָבן זיך געזעצט אין אַ ראָד אויפֿן טעפּיך, געגעסן די נעפּרעגלטע פֿיש און געבענטשט דעם רבונו של עולם. וויוואַנטיוס האָט דערציילט מכּות דעם, ווי מ'האָט אים געפּייניקט און האָט נביאות געזאָגט, אַז דער קריסטלעכער קלויסטער וועט אינגיכן ווינס אויספֿירן. ער האָט גערעדט מיט אַ פּשוטער שפּראַך, וואָס איז אָבער פֿול געווען מיט בילדער און ווערטער־שפּילערייען. דאָס לעבן פֿון די צדיקים האָט ער פֿאַרגלייכט מיט אַ געוועב פֿון פּורפּור און דעם סדר פֿון צלמען האָט ער אַזוי אויסגעטייטשט:

— דער הייליקער גייסט האָט געשוועבט איבער די וואַסערן, אָט דערפֿאַר דאַרפֿן די קריסטן זיך צלמען אין וואַסער. אָבער אין די טייכן וווינען אָפּט די בייזע רוחות; איבערהויפּט דאַרף מען מורא האָבן פֿאַר די קוואַלן, וואָס זיינען געווידמעט די נימפֿעס. און פֿאַראַן וואַסערן אַזוינע, וואָס פֿאַרשאַפֿן טאַקע פֿאַרשיידענע קרענק דעם גוף און דער נשמה.

צייטנווייז האָט ער געשמועסט מיט רעטענישן און טאָיס איז פֿון זיי געווען אין התפּעלות. לסוף, בעת מ'האָט שוין געהאַלטן ביי

ענדיקן דעם מאָלצייט, האָט ער מכבד געווען די געסט מיט אַ ביסל וויין, ס׳האָבן זיך ביי אַלעמען פֿאַנאַנדערגעבונדן די צינגער און אַלע האָבן אָנגעהויבן זינגען טרויעריקע נגונים און שירים. אַמעס און ניטידאַ זיינען אויפגעשטאַנען און געגאַנגען אַ נוביעשן טאַנץ, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעלערנט קינדווייז, דעם טאַנץ פֿון זייער גאַנצן שבט, פֿון זייערע באָבעס און זיידעס. ס׳איז געווען אַ ליבע־טאַנץ: מאַכנדיק מיט די הענט און מיטן גאַנצן גוף צום טאַקט, פֿלעגן זיי זיך כּלומרשט פֿאַנאַנדערגיין און ווידער צונויפֿקומען. זיי האָבן געדרייט די ווייסלעך פֿון די אויגן, געשמייכלט און באַוויזן די בלענדנדע ווייסע ציין.

אָט אויף אַזאַ אופֿן האָט טאַיס אָנגענומען די קריסטלעכע אמונה.

זי האָט ליב געהאַט שפּילערייען און מיט דער צייט האָבן אין איר אָנגעהויבן וואַקסן מטושטשע פֿאַרלאַנגען. גאַנצע טעג פֿלעגט זי זינגען און טאַנצן קאַראַהאָדן מיט די קינדער, וואָס בלאָנזען איבער די גאַסן, און צו דער נאַכט צו פֿלעגט זי זיך אומקערן אַהיים, מורמלענדיק שטיל:

— מושעלע, מושעלע, פֿאַרוואָס זיצסטו אין דער היים?

— כ׳וויקל וואָל און פֿאָדים פֿון מילעטאָס.

— מושעלע, מושעלע, ווי איז דיין זון אומגעקומען?

— ער איז פֿון די ווייסע פֿערד אַראָפּגעפֿאַלן אין ים.

אנשטאַט דעם ווילן אַמעסן האָט זי איצט ליבער פֿאַרבראַכט מיט יינגלעך און מיידלעך. זי האָט גאָרניט באַמערקט, אַז איר פֿריינט קומט צו איר אַזוי זעלטן. די רדיפֿות זיינען קלענער געוואָרן, די קריסטן פֿלעגן אָפטער מאַכן אסיפֿות און אַמעס האָט זיי פֿינקטלעך באַזוכט. ער איז געוואָרן אַלץ איבערגעגעבענער דער אמונה, אָפטמאָל האָט ער עמעצן אַזוי מאָדנע געדראָהט, געזאָגט, אַז די רייכע וועלן ניט תמיד פֿאַרמאָגן זייער עשירות. ער איז אומגעגאַנגען איבער די שטאָט־פֿלעצער, וווּ ס׳זאַמלען זיך צונויף די אָרעמע קריסטן, דאָרט פֿלעגט ער צונויפֿנעמען די, וואָס זיינען געלעגן אויסגעצויגן אין די שאָטנס פֿון די אַלטע ווענט און פֿלעגט זיי פּרעדיקן מכות

דעם, אַז די שקלאַפן וועלן גיך באַפרייט ווערן און אַז דער טאָג פון משפט קומט שוין באַלד אָן.

— אין גאָטס מלוכה,—פלעגט ער זאָגן,—וועלן די קנעכט טרינ־קען פרישע ווײַנען און עסן וווּנדערבאַרע פרוכטן, בעת די רײַכע וועלן, ווי הײַנט, זיך וואַלגערן בײַ זײַ צופוסנס און קלײַבן די ברעקלעך פון זײַער טיש.

זײַנע רעדעס זײַנען פאַר קײנעם קײן סוד ניט געווען, מ'האָט מכוח זײ געשמועסט אין פאָרשטאָט און די בעלי־גופים האָבן אָנגע־הויבן מורא צו האָבן, אַז אַמעס וועט אַרויסרופן אַ מרידה פון די שקלאַפן. דער בעל־הגוף, דער שענקער, האָט באַשלאָסן בסוד נעמען פון אים נקמה און אויסגעוואַרט בלויז ביז די צײַט וועט קומען.

אײנמאָל איז אין שענק פאַרפאַלן געוואָרן אַ זילבערן זעלצערל, וואָס האָט געהערט צום טיש פון די געטער. האָט מען חושד געווען, אַז אַמעס האָט עס אַוועקגעגנבעט פון שנאה צום בעל־הבית און די געטער פון דער מלוכה. אַמעס האָט אָפּגעלײקנט די באַשולדיגונג, פונדעסטוועגן האָט מען אים אַוועקגעשלעפּט צום געריכט און ווײַל ער האָט געהאַט אַ שם פון אַ שלעכטן קנעכט, האָט מען אים פאַר־משפט צום טויט.

— דײַנע הענט,—האָט אים געזאָגט דער ריכטער,—וואָס דו האָסט ניט געקאָנט אויסניצן צו גוטן, וועט מען צושמידן צום שטאַנג.

אַמעס האָט רויק אויסגעהערט דעם דאָזיקן פּסק, באַגריסט העפלעך דעם ריכטער און געלאָזט זיך פירן אין תפיסה אַרײַן. אין משך פון די דרײַ טעג, וואָס ער האָט דאָרט פאַרבראַכט, האָט ער ניט אויפגעהערט צו פּרעדיקן דאָס עוואַנגעליום פאַר די געפאַנגענע, און דערצײלט זײ, אַז די פאַרברעכער און אפילו דער פאַרוואַלטער פון דער תפיסה זײַנען געווען געריכט פון זײַנע ווער־טער און האָבן אָנגעהויבן פון דעמאָלט אָן צו גלויבן אין יעזוס קריסטוס.

מ'האָט אים אָפּגעפירט אויף יענעם פּלאַץ, וווּ ער איז מיט צוויי יאָר צוריק דורכגעגאַנגען, באַהאַלטנדיק אונטער'ן מאַנטל די קלײנע טאַנס, די טאָכטער פון זײַן נשמה, זײַן ליב בלימל. צוגע־

שמידט צום צלם, האט ער זיך ניט געקלאגט אפילו, אַ פּאָר מאָל נאָר אפגעזיפצט:

— כ׳בין דאָרשטיק.

זיינע ענוים האָבן געדויערט דריי טעג און דריי נעכט. ס׳איז געווען ניט צו גלויבן, אַז אַ מענטשן־קערפּער איז בכּוח אויסצוטראָגן אַזעלכע דויערנדיקע יסורים. אַ פּאָר מאָל האָט מען געמיינט, אַז ער איז געשטאָרבן, פליגן האָבן שוין געגעסן זיינע וואַקסענע אויגן־הייטלעך—און ער פלעגט אומגעריכט עפענען די אויגן, וואָס זיינען פאַרלאָפן געווען מיט בלוט. אויפן פערטן טאָג מיטן פרימאָרגן האָט ער דורכגעזונגען מיט אַ לויטערער קינדער־שטים:

— זאָג אונז, מרים, וואָס האָסטו געזען דאָרט פון וואַנען דו קומסט אָן?

דערנאָכדעם האָט ער, שמייכלענדיק, געזאָגט:

— אָט זיינען זיי די מלאכים פונם גוטן גאָט, זיי טראָגן מיר ווייַן און פרוכטן, ס׳ווערט אַזוי פריש פונם פאָכען פון זייערע פליגלען!

און ער איז אויסגעגאַנגען.

אויך נאָכן טויט האָט זיין געזיכט געהאַט דעם אויסדרוק פון גליקלעכער התפעלות. די סאָלדאַטן, וואָס האָבן געהיט די תליה, זיינען געווען פאַרחדושט. וויוואַנטיוס מיט נאָך אַ פּאָר ברידער קריסטן, זיינען געקומען פאָדערן דעם קערפּער, געוואָלט ברענגען אים צו קבורה צווישן די אַלע קדושים אין דער הייל פונם הייליקן יוחנן. און דער קלויסטער האָט פאַרצייכנט אין זכרון דעם נאָמען פון דעם הייליקן טעאָדאָר פון נוביע.

מיט דריי יאָר שפּעטער האָט קאָנסטאַנטינוס, וואָס האָט באַזיגט מאַקסענציוסן, אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די קריסטן באַקומען פריי־הייט פון גלויבן און פון דעמאָלט אָן האָבן נאָר די ניט־גלויביקע אפּקורסים פאַרפאָלגט די גלויבנדיקע.

טאַיס איז שוין אַלט געווען עלף יאָר, בעת איר פריינט איז געשטאָרבן אַ געפייניקטער. פאַר איר דאָס איז געווען אַ גרויסער אומגליק און אַ שרעק. איר נשמה איז ניט געווען גענוג ריין, כדי צו פאַר־שטיין, אַז אַמעס, דער קנעכט, איז געווען גליקלעך בעתן לעבן און

שטאַרבן. און אַ געדאַנק איז געבוירן געוואָרן ביי איר אין נשמה, אַז אויף דער וועלט מוז דער גוטער באַצאָלן מיט גרויסע יכורים פאַר זיין גוטסקייט. און זי האָט טאַקע מורא געהאַט זיין אַ גוטע, ווייל איר צאַרטער קערפּער האָט מורא געהאַט פאַר ווייטאָקן.

זי האָט פאַר דער צייט אנגעהויבן אָפּגעבן זיך די בחורים פון פאַרשטאָט און געגאַנגען מיט די אַלטע, וואָס פלעגן אומבלאָנזען אין די הינטער-געסלעך. פאַר דעם געלט, וואָס זי פלעגט פון זיי באַקומען, האָט זי געקויפט זיסע זאַכן און געפּוצט זיך.

אהיים פלעגט זי גאָרנישט ניט ברענגען פון אירע פּרנסות און די מוטער אירע איז זיך מיט איר דעריבער שלעכט באַגאַנגען. מורא האָבנדיק פאַר דער מוטערס קלעפּ, פלעגט זי אַנטלויפן צו די מויערן פון שטאָט און באַהאַלטן זיך דאָרט צוזאַמען מיט די יאַשטשערקעס. אין די שפּאַלטן פון די שטיינער דאָרט האָט זי זיך מתקנא געווען אָן די אויסגעפּוצטע פרויען, וואָס זיינען פאַרביי געפאָרן און געווען אַרומגערינגלט מיט קנעכט.

איינמאָל, בעת די מוטער האָט זי אָנגעהרגעט שטאַרקער ווי תמיד, איז זי געשטאַנען צונויפגעדרייט נעבן טיר, פאַרגליווערט אין אַ מרה-שחורהדיקער אומבאַוועגלעכקייט. אַן אַלטע פרוי האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן איר, באַטראַכט זי אַ פּאָר רגעס שווייגנדיק, דערנאָכדעם אויסגעשריגן:

— אָ, שיין בלימל, ציכטיק קינד, גליקלעך איז דער פאָטער און מוטער, וואָס האָבן דיך געבוירן!

טאַיס האָט געשוויגן, די בליקן אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד. אירע וויעס זיינען געווען רויט, ניכר, אַז זי האָט געוויינט.

— מיין ווייס פייגעלע,—האָט געטענהט די אַלטע,—איז דען באמת דיין מוטער ניט גליקלעך, אויסהאָדעווענדיק אַזאַ קליינע געטין, און דער פאָטער פרייט זיך דען ניט פון פולן האַרצן, בעת ער קוקט אויף דיר?

דאָס מיידעלע האָט דורכגעמורמלט, כלומרשט רעדנדיק צו זיך אַליין:

— מיין פאָטער איז אַ לאָגל אַן אָנגעפילטער מיט וויין און מיין מוטער—אַ דאָרשטיקע מרשעת.

די אַלטע האָט אַ קוק געטאָן אויף רעכטס און אויף לינקס,

צי זעט זי קײנער ניט, דערנאָכדעם האָט זי ליבלעך געזאָגט:

— ליבער בלײַענדיקער היאַצינט, ציכטיק שטערנדל, קום מיט מיר, װעסטו אין לעבן נאָר טאַנצן און לאַכן, שפּײַזן װעל איך דיך מיט זיסע לעקעכן און מײַן זון, מײַן אײגענער זון, װעט דיך ליב האָבן, װי דאָס שװאַרצאַפּל פֿון אױג. ער איז אַ שײנער, מײַן זון, ער איז אַ יונגער, זײַן קין איז באַדעקט מיט אַ לײכטער שפּראָצונג, זײַן הױט איז צאַרט, װי בײַ אַ יונג חזרל פֿון אַקאַרגע.

טאַיס האָט געענטפֿערט:

— כ'װעל גערן גײן מיט דיר.

זי איז אױפֿגעשטאַנען און איז אַװעק מיט דער אַלטער אױסער דער שטאָט.

די דאָזיקע פֿרױ האָט געהײסן מעראָע און געפֿירט האָט זי פֿון שטאָט צו שטאָט יונגע מײדלעך און בחורים, װעלכע זי האָט געלערנט טאַנצן, און פֿאַרדונגען נאָכדעם צו די די רײַכע לײַט אױף חתונות.

זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז טאַיס װעט מיט דער צײַט װערן די שענסטע פֿון די פֿרױען און זי האָט מיט אַ בײַטש געלערנט זי מוזיק און דעקלאַמירן, געשמיסן מיט אַ רימענעם פּאַס אירע געטלעכע פֿיס, בעת זײ פֿלעגן זיך ניט אױפֿהױבן צום ריכטיקן טאַקט פֿון די ציטרע־קלאַנגען. איר זון, אַ קראַנקער מפּל'ע, אָן עלטער און מין, האָט זיך זײער שלעכט באַגאַנגען מיטן דאָזיקן מײדל, נוקם געװען זיך אָן איר דערפֿאַר, װאָס זי געהערט צו דער פֿרױען־ראַסע. ער האָט געקאָנט טאַנצן אַזױ שײן, װי אַ טענצערין און האָט געלערנט טאַיס װי צו אױסדריקן שטומערהײט מיטן געזיכט פֿאַרשײדענע מענטשלעכע באַװעגונגען און תּנועות, געפֿילן און איבערלעבונגען, בפֿרט די לײדנשאַפֿטן פֿון דער ליבע. ער האָט זי פֿאַרהאַסט און געגעבן איר די בעסטע עצות פֿון אַ לערער. פֿון נקמה האָט ער איר געדראַפּעט דאָס געזיכט, געפּליקט די הענט, אָדער פֿאַרגנבעט זיך פֿון הינטן און געשטאָכן זי מיט אַ נאָל, װי ס'טוען פֿאַרדאָרבענע מײדלעך. ער האָט באַלד באַמערקט, אַז זי איז געבױרן אױף צו פֿאַרשאַפֿן מענער פֿאַרגעניגן. און אַזױ לערנענדיק מיט אים, איז זי געװאָרן אינגיכן אַ מוזיקערין, אַ מימישע שפּילערין און אַן אױסגע־

צייכנטע טענצערין. זי האָט לחלוטין ניט געוווּנדערט זיך, וואָס די בעלי־בתּים אירע באַגייען זיך מיט איר אַזוי ניט גוט. ס׳איז פאַר איר שוין געווען אַ טבע־זאַך, מ׳זאָל זי שלעכט באַהאַנדלען. זי האָט, אדרבא, געפילט אַ מין יראת־הכּבוד צו אָט דער דאָזיקער אַלטער פרוי, וואָס האָט געקענט מוזיק און געטרונקען גריכישן ווײַן. מע־ראָע האָט זיך באַזעצט אין אַנטיאָכיע און פאַרדונגען טאַיס אויף שמחות צו די רײַכע סוחרים פון שטאָט, ווו טאַיס האָט געטאַנצט און געשפּילט אויף דער פלייט. טאַיס האָט געטאַנצט און איז אַלעמען געווען געפעלן. די רײַכסטע באַנקירן פלעגן זי נאָכן מאָלצײַט מיטנעמען אין די סעדער אויף די ברעגן פון אָראָנט. זי פלעגט זיך אַלעמען גלײַך אָפּגעבן, ניט געוווּסט דעם ווערט פון איר ליבע. איינמאָל אָבער אַ בײַנאַכט, בשעת זי האָט געטאַנצט פאַר דער סאַמע אויסדערוויילטער יוגנט פון אַנטיאָכיע, איז צו איר צו־געגאַנגען דעם פּראָקאָנסולס זון. ער האָט געשטראַלט פון יוגנט און פון תּאווה און האָט צו איר גערעדט מיט אַ שטים, וואָס איז, דאַכט זיך, אָנגעזאַפּט געווען מיט ליידנשאַפטלעכע קושן:

— פאַרוואָס, טאַיס, בין איך ניט דער קראַנץ, וואָס נעמט אַרום דײַנע האָר, די טוניק, וואָס דריקט דײַן פּרעכטיקן גוף, די סאַנדאַליעס, וואָס באַהעפטן זיך מיט דײַן שיינעם פוס? איך וויל אָבער, אַז דו זאָלסט מיך טרעטן מיט דײַנע פיס, ווי דו טרעטסט דײַנע סאַנדאַליעס. איך וויל, אַז מײַן גלעטן זאָל דיך אַרומנעמען, ווי דײַן קראַנץ און דײַן טוניק. קום, מײַן שיין קינד, קום אין מײַן הויז און מיר וועלן פאַרגעסן די גאַנצע וועלט.

זי האָט אויף אים געקוקט, בשעת ער האָט צו איר גערעדט, און דערזען, אַז ער איז זייער אַ שיינער. זי האָט פלוצים דערפילט, אַז אַ קאַלטער שווייס דאָט באַטויט איר שטערן, זי איז געוואָרן גרין, ווי אַ גראָז, אָנגעהויבן וואַקלען זיך און אַ נעפּל האָט איר פאַרשטעלט דעם בליק. ער האָט זיך נאָך אַלץ געבעטן בײַ איר. זי האָט אים אָבער אָפּגעזאָגט. ס׳האָבן ניט געהאָלפן זײַנע הייסע בליקן, זײַנע פלאַמענדיקע ווערטער. און בעת ער האָט זי אַרומגענומען, געוואָלט צווינגען זי גיין מיט אים, האָט זי אים מיט כּעס אָפּגע־שטויסן. ער איז צו איר צוגעשטאַנען מיט טרערן אין די אויגן.

אונטער דער ווירקונג פֿון עפּעס אַן אומבאַוווּסטער און שטאַרקער קראַפֿט האָט זי זיך פֿאַרעקשנט.

— וואָס פֿאַר אַ משוגעת־האָבן געטענהט די אורחים—לאָליוס איז אַן איידלמאַן, ער איז שיין און רייך און זי, די פּליטנשפּילע־רין, האָט די העזה אים אָפּצושטויסן.

לאָליוס האָט זיך לסוף איינער אַליין צוריקגעקערט אין זיין הויז און האָט אַ גאַנצע נאַכט געפּלאָמט פֿון ליבע. מיטן באַגינען איז ער אַ בלאַסער, די אויגן רויט, געקומען צום הויז פֿון דער טענצערין אויפֿהענגען אַ קראַנץ אויף דער טיר פֿון איר וווינונג. טאַיס אָבער האָט אים אויסגעמיידט. עפּעס אַ מין שעמעוודיקייט און אַ מורא האָבן אָנגעפּילט איר נשמה, הגם זי האָט אים, לאָליוסן, שטענדיק געזען ביי זיך אין האַרצן. זי האָט געליטן און האָט ניט געוווּסט פֿון וואָס. זי האָט זיך אַליין געפֿרעגט, פֿאַרוואָס האָט זי זיך אַזוי אומגעביטן און פֿון וואַנען שטאַמט איר אומעט. זי האָט אָפּגעשטויסן אירע ליבהאָבער, וואָס זיינען איר איצט אַלע נמאס געוואָרן. זי האָט מער ניט געוואָלט זען די שיין פֿון טאָג, גאַנצע טעג פֿאַרבראַכט אין בעט, פֿאַרבאַהאַלטן דעם קאָפּ אין קישן און געוויינט.

לאָליוס האָט געפֿונען אַ מיטל, ווי צו אַריינגיין צו איר אין הויז. אַ פּאָר מאָל איז ער געקומען צו איר, געבעטן און פֿאַר־שוואָרן זי זאָל אים ליב באַקומען. זי האָט זיך פֿאַר אים געשראָקן, ווי אַן אומשולדיק מיידל, און האָט אַלץ געחזרט:

— איך וויל ניט! איך וויל ניט!

אין פֿופֿצען טעג אַרום האָט זי זיך אים אָפּגעגעבן, און פֿאַר־שטאַנען האָט זי, אַז זי האָט אים ליב געהאַט. זי איז אַריבער צו אים אין הויז און איז מער פֿון אים ניט אַוועק. ס'איז געווען אַ מערקווירדיק לעבן. גאַנצע טעג האָבן זיי פֿאַרבראַכט אויג אויף אויג אין פֿאַרשפּאַרטע צימערן, געזאָגט איינער דעם אַנדערן די ווערטער, וואָס מ'זאָגט נאָר קינדער. אין אָוונט פֿלעגן זיי שפּאַצירן איבער די וויסטע ברעגן פֿון אָראָנט און אַוועקגיין ווייט אין די לאָרבער־וועלדער. אַמאָל פֿלעגן זיי אויפֿשטיין מיטן באַגינען און גיין קלייבן היאַצינטן אויפֿן סילפּיקוס־באַרג. זיי האָבן ביידע געטרונקען

פון איין כוס און בעת זי פלעגט אונטערטראָגן אַ ווייַנסדריבּ אים צום מויל, פלעגט ער מיט די ציין אים נעמען ביי איר פון די ליפּן.

מעראָע איז געקומען צו לאָליוסן, געשריגן און געפאָדערט, אַז ער זאָל איר אומקערן טאַיס.

— ס׳איז מיין טאָכטער — האָט זי געליאַרעמט — מיין טאָכטער האָסטו ביי מיר אָפּגענומען, מיין דופּטיק בלימל, מיין האַרץ!

לאָליוס האָט זי משלח געווען, געגעבן איר אַ מטמון מיט געלט. אָבער נאָך דעם, ווי זי איז נאָך אַמאָל געקומען פאָדערן ביי אים עטלעכע גאָלדענע סטאַטערס, האט ער זי אַריינגעזעצט אין תפיסה. די ריכטער האבן געפינען, אַז זי איז באַגאַנגען עטלעכע פארברעכנס און האבן זי פאַרמשפּט צום טויט און אפּגעגעבן זי צו די ווילדע חיות, וואס האבן זי פאַרצוקט.

טאַיס איז געווען פאַרליבּט אין לאָליוסן מיט דער גאַנצער קראַפט פון איר ליידנשאַפט, מיט דער גאַנצער תמימות פון איר אומשולדיקער נשמה. זי פלעגט אים אָפנהאַרציק זאגן:

— איך האב קיינמאל קיינעם ניט געהערט חוץ דיר!

לאָליוס פלעגט איר ענטפערן:

— דו ביסט גאר ניט ענלעך צו קיין שום אַנדער פרוי!

דער כשוף האט געדויערט זעקס חדשים און האט זיך פלוצים איבערגעריסן. טאַיס האט מיט־אַמאל דערפילט, אַז זי איז עלנד. לאָליוס איז איר געווארן פרעמד, און זי האט געטראַכט:

— ווער האט אים פלוצים אומגעביטן. פאַרוואס איז ער איצט ענלעך צו אַלע אַנדערע מאַנסבילן און ניט ענלעך אויף זיך אַליין?

זי האט אים פאַרלאזן, פאַרבאַהאַלטנדיק אַ געדאַנק צו זוכן לאָליוסן ערגעץ אין אַן אַנדערן, וויבאַלד זי געפינט אים ניט אין אים אַליין. זי האט געדענקט, אַז ס׳איז גרינגער צו לעבן מיט אַ מענטשן, וואס זי האט קיינמאל ניט ליב געהאַט, איידער מיט דעם, וואס זי האט אויפגעהערט צו ליבן. זי האט אנגעהויבן זיך חברן מיט פאַרשייטע נגידימלעך, געגומען אומגיין מיט זיי פאַרברענגען אויף יענע היילִיקע חגאות, ווען ס׳האבן אין די טעמפּלען געטאַנצט נאַקעטע מיידלעך, און קורטיזאַנקעס פלעגן חברותווייז זיך לאזן אי־

בערשווימען דעם טייך אראנט. זי האט גענומען אנטייל אין אלע תענוגים פון דער פרעכטיקער ווילד־פארשייטער שטאט. איבערהויפט פלעגט זי באזוכן די טעאטערס, ווו געניטע שפילערינס פון פארשיידענע לענדער פלעגן ארויסטרעטן פאר אן אנטציקטן עולם, וואס איז להוט געווען נאך פארשטעלונגען.

זי האט אויפמערקזאם באטראכט די אקטיארן, טענצערינס, קאמענדיאנטן און באזונדערס די פרויען, וואס האבן געשפילט אין די טראגעדיעס, פארגעשטעלט געטינס, וואס זיינען געליבט פון יונגע מענטשן, און שטערבלעכע, וואס זיינען געליבט פון געטער. דערווייסנדיק זיך די סודות, ווי אזוי זיי פלעגן באצויבערן דעם המון, האט טאיס באשטימט, אז זי איז שענער פון זיי און וועט דעריבער קאנען שפילן בעסער פון זיי. זי האט אפגעזוכט דעם אנפירער פון די שפילערס און האט אים געבעטן, ער זאל זי נעמען צו זיך פאר אן ארטיסטין. אין זכות פון איר שיינקייט און אויך א דאנק די קענטשאפטן, וואס זי האט באקומען ביי דער אלטער מעראע, איז זי אנגעקומען אין טעאטער און איז ארויסגעטראטן אויף דער סצענע אין דער ראל פון דירצע.

אין אנהויב האט זי געהאט א קליינעם ערפאלג; ס'האט איר געפעלט ערפארונג, דערצו האט דאך קיינער זי פריער ניט באריכמט און ניט צוגעגרייט לכתחילה דעם צושויער, ער זאל באוואונדערן איר ארויסטריט. אבער אין א פאר חדשים ארום, נאך די אלע שטילע ארויסטרעטונגען אויף דער בימה, האט איר מעכטיקע שיינקייט זיך פאנאנדערגעבליט מיט אזא קראפט, אז די גאנצע שטאט איז אויפגערעגט געווארן. גאנץ אנטיאכע האט זיך געשפארט אין טעאטער. די רוימישע הארן און די ערשטע בירגער פון שטאט זיינען אהין געגאנגען, ווייל ס'האט זיי דערצו געשטויסן די קראפט פון דער אלגעמיינער שטימונג. די טרעגער, די דינער און די ארבעטער פלעגן זיך אפזאגן פונם שטיקל ברויט מיט ציבעלע, אפשפארן דאס געלט און קויפן זיך פלעצער אין טעאטער. די פאעטן האבן איר געשריבן לידער און עפיגראמעס. פילאזאפן מיט בערד זיינען ארויסגעטראטן קעגן איר אין די בעדער און אין די גימנאזיעס, און די קריסטלעכע גלחים פלעגן זיך אפקערן, בעת מ'פלעגט זי דורכטראגן

אין גאַס אויף איר טראגבעטל. די שוועל פון איר הויז איז געווען באַהאַנגען מיט בלומען און באַשפּריצט מיט בלוט. פון אירע געליבטע פלעגט זי באַקומען געלד שוין ניט אויף דער צאָל, נאר אויף דער וואג און מאָס, און די אַלע אוצרות, וואס די קאַרגע זקנים האבן אנגעזאַמלט, זיינען, ווי טייכן, געשוואומען ביי איר צופוסנס. אט דערפאַר טאַקע איז איר נשמה געווען ריין און זויבער. און מיט אַ רויִקער שטאָלצקייט האט זי זיך געפרייט אויף דער גוטסקייט פון די געטער און הנאה געהאַט פון דעם, וואס דער עולם האט זי אַזוי אויפגענומען. אַלע האבן זי געליבט און זי האט ליב געהאַט זיך אַליין.

נאך דעם, ווי זי האט אין משך פון אַ פּאָר יאר געהאַט נחת־רוח פון דעם, וואס די אַנטיאָכער האבן זי באַוואונדערט און ליב געהאַט, האט זיך איר פאַרגלוסט זען אַלעקסאַנדריע און באַווייזן זיך אין איר גאַנצער פּראַכט אין אט דער שטאט, ווו זי האט אַמאל קינדווייז געבלאָנקעט אַן ארעמע, אַ פאַרשטויסענע, הונגעריק און אויסגעמאָגערט, ווי אַ גריל אויף דער מיט פונם שטויביקן וועג. די גאָלדענע שטאָט האָט זי מקבל פּנים געווען מיט פרייד און באַשאטן זי מיט נייע רייכקייטן. איר אַרויסטריט איז געווען אַן אמתער נצחון. ס׳האבן זי אַרומגערינגלט אָן אַ צאָל פאַרערער. זי האָט זיי אויפגענומען גאַנץ גלייכגילטיק, ווייל זי האָט שוין לאַנג פאַרלוירן די האָפענונג צו געפינען לאָליוסן.

צווישן אַלע אַנדערע האָט זי אויך אויפגענומען דעם פילאָזאָף ניקיאַסן, וואָס האָט פאַרלאַנגט איר ליבע, הגם ער האָט געפּרעדיקט אַ לעבן אָן פאַרלאַנגען. ער איז געווען אַ קלוגער און ווילער, כאָטש ער איז געווען אַן עושר. אָבער ער האָט זי ניט פאַרכשופט ניט מיט זיין פיינעם געדאַנק, ניט מיט זיינע צאַרטע חושים. זי האָט אים ניט ליב געהאַט און אַפילו געערגערט זיך אָפט פון זיין צו פאַרשפּיצטער איראָניע. ער האָט זי באַליידיקט מיט זיינע שטענדיקע ספקות. ס׳איז דערפאַר, ווייל ער האָט ניט געגלויבט אין גאָרנישט און זי האָט געגלויבט אין אַלץ. זי האָט געגלויבט אין דער השגחה פון דער גאָטהייט, אין דער אַלמעכטיקייט פון די בייזע גייסטער, אין כשוף, אין באַשווערונגען און אין אייביקער גערעכטי־

קייט. זי האָט געגלויבט אין יעזוס קריסטוס און אין דער גוטער געטין פון די סיריער. זי האָט געגלויבט, אַז צויגן בילן דעמאָלט, ווען די מרה־שחורהדיקע העקאַטע גייט דורך איבער די קווערגאַסן, און אַז אַ פרוי קאָן פאַרכשופן איר געליבטן, נעמען אַ כלי, פאַר־ווילקלען זי אין אַ פאַרבלוטיקטער וואָל פון אַ שעפס און אַריינגיסן אַהין האָניק. ס'האָט זי געצויגן צו אַלעם אומבאַוווסטן, זי האָט זיך געווענדעט צו אַלערליי פאַרבאָרגענע גייסטער און תמיד געלעבט אין דערוואַרטונג. זי האָט מורא געהאַט פאַר דער צוקונפט און גע־וואָלט וויסן, וואָס וועט מיט איר געשען. זי האָט אָן אַן אויפהער געהאַט צו טאָן מיט פריסטערס פון דער געטין איזיס, מיט כאַלדע־ישע מכשפים, מיט באַשווערערס, טרעפערס און שוואַרצע קונצנמאַ־כערס, וואָס האָבן זי גענאַרט און באַרויקט. זי האָט מורא געהאַט פאַרן טויט און אים אומעטום געזען. בעת זי פלעגט זיך אָפּגעבן דער ליבע, האָט זיך אַמאָל איר פּלוצים אויסגעדאַכט, אַז אַ פינגער, אַ קאַלטער ווי אייז, טאַפּט איר אַנטבלויזטן אַקסל, זי פלעגט ווערן בלאַס און אָנהויבן שרייען פון שרעק, ליגנדיק אין די הייסע אָרעמס, וואָס האָבן זי געדריקט.

ניקיאַס פלעגט איר זאָגן:

— אויב ס'איז אונז באַשערט מיט גרויע האָר און איינגעפאַ־לענע באַקן צו זינקען אין דער אייביקער נאַכט, אויב דער דאָזיקער טאָג, וואָס שמייכלט איצט פונם לויטערן הימל, איז אונזער לעצטער טאָג, וואָס אַרט עס אונז, אָ, טאַיס! לאָמיר הנאה האָבן פונם לעבן. אַ סך לעבן—הייסט אַ סך פילן: דאס לעבן האָט ניט קיין אַנדער זי־נען, חוץ דעם זינען פון געפילן. ליבן—הייסט פאַרשטיין. דאָס, וואָס מיר ווייסן ניט, איז ניט במציאות. צוליב וואָס זאָלן מיר זיך פיי־ניקן איבער דעם, וואָס איז ניט במציאות?

זי האָט אים מיט צאָרן געענטפערט:

— איך פאַרהאַס אַזעלכע מענטשן, ווי דו, וואָס האָפן אויף גאָרנישט און האָבן פאַר גאָרנישט קיין מורא ניט. איך וויל וויסן! איך וויל וויסן!

כדי צו דערגיין דעם סוד פון לעבן, האָט זי זיך גענומען לייענען די פילאָזאָפישע ביכער, אָבער זי האָט זיי ניט פאַרשטאַנען.

און וואָס מער אירע יוגנט־יאָרן האָבן זיך פון איר דערווייטערט,
אַלץ מער און גערנער האָט זי זיי דערמאַנט. אין אָוונט האָט זי
ליב געהאַט אַן איבערגעטאָגענע צו לאָזן זיך וואַנדלען איבער די
געסלעך, איבער די שטאָט־ווינקלען און פלעצער, ווו זי איז גע־
וואַקסן אין אַזאַ נויט און דחקות. זי האָט באַדויערט, וואָס זי האָט
פאַרלוירן אירע עלטערן און וואָס זי קאָן זיי שוין מער ניט ליבן.
באַגעגענענדיק קריסטלעכע גלחים, פלעגט זי זיך דערמאַנען אָן דעם,
ווי זי האָט זיך אַמאָל געטויפט און פלעגט זיך פילן ניט גוט. איינ־
מאָל ביינאַכט, איינגעוויקלט אין אַ לאַנגן מאַנטל און באַהאַלטן די
האָר אונטערן טונקעלן קאַפּטער, האָט זי געבלאָנזשעט איבער די הינ־
טערגעסלעך און פלוצים, ניט וויסנדיק ווי אַזוי, איז זי אָנגעקומען
אויפן פלאַץ, ווו ס'איז געשטאַנען דער אָרעמער קלויסטער פונם
הייליקן יוחנן. זי האָט דערהערט, אַז מ'זינגט דאָרט אינעווייניק און
האָט דערזען אַ העלע שיין דורך די שפּאַלטן פון טיר. ס'איז לחלוטין
ניט געווען אויף וואָס צו חדושן זיך, ווייל שוין העכער צוואַנציק
יאָר, אַז די קריסטן האָבן אַ דאַנק דעם זיגער פון מאַקסענציוס אָפּן
געפּראַוועט זייער עבודה. אָבער די געזאַנגען האָבן אָנגעצונדן אַלע־
מענס הערצער. טאַקע האָט, ווי אַ געניטע אין די קלויסטערשע גע־
היימניסן, אַ שטויס געטאָן מיט דער האַנט די טיר און איז אַריין
אין קלויסטער. זי האָט דאָרט געטראָפן אַ גרויסן פאַרזאַמלטן עולם,
פרויען, קינדער און זקנים, וואָס האָבן געקניט פאַר אַן ארון, וואָס
איז געשטאַנען ביי דער וואַנט. דאָס איז געווען אַ פּשוטער שטיי־
נערנער ארון, באַפּוצט אַזוי איינפאַך מיט אויסגעקלעפּטע סקולפּטאָ־
רישע וויינשטאָקן און הענגלעך פון וויינטרויבן. און דאָך האָבן אַלע
אים אָפּגעגעבן כבוד. ער איז געווען באַדעקט מיט גרינע פאַלעמס
און מיט קראַנצן פון רויטע רויזן. אַרום האָבן אַ סך ליכט, ווי די
שטערנדלעך, געפלאַמט אין דער טונקלקייט, און די נעפלען פונם
אַראַבישן ווייראַך האָבן זיך אויסגעוויזן אין דער הויך, ווי פאַלדן
אויף די קליידער פון מלאכים. די גלחים, אָנגעטאָן אין ווייסן, זיי־
נען געלעגן אויסגעצויגן צופוסנס ביים ארון. די הימנען, וואָס זיי
האָבן געזונגען צוזאַמען מיטן עולם, האָבן אויסגעדריקט דעם תענוג
פון ליידן, און אין דעם זיגערישן טרויער איז געווען צוזאַמענגע־

מישט אַזוי פיל שמחה און אַזוי פיל אומעט, אַז ס׳איז האָט הערנ־דיק דאָס, געפילט ווי די ליידנשאַפטן פונם לעבן און די פּהדים פאַרן טויט פילן אָן ביידע גלייך אירע באַנייטע חושים.

בעת זיי האָבן געענדיקט זינגען, האָבן די גלויביקע זיך אויפ־געהויבן און אַוועק שורותווייז אַ קוש טאָן דעם ארון. דאָס זיינען געווען פשוטע מענטשן, וואָס זיינען געווינט אַרבעטן מיט די אייגע־נע הענט. זיי זיינען געגאַנגען פאַרויס מיט שווערע טריט, מיט אַן אומבאַוועגלעכן בליק, מיט אָפענע מיילער און מיט אַ תמימותדיק לויטערן אויסזען. זיי האָבן איינער נאָכן אַנדערן זיך געבוקט פאַרן ארון און באַרירט אים מיט די ליפּן. די פרויען האָבן גענומען אויף די הענט די קליינע קינדער און אָנגערירט זייערע בעקעלעך אָנם שטיין. ס׳איז האָט אַ פאַרחדושטע געפרעגט ביי אַ פּריסטער: צוליב וואָס טוען זיי דאָס אַזוי.

— דו ווייסט דען ניט, פרוי, —האָט יענער איר געענטפערט, — אַז מיר פייערן היינט דעם טייערן אָנדענק פונם הייליקן טעאָדאָר דעם נוביער, אָט־אָ דעם, וואָס איז אומגעקומען פאַר זיין גלויבן אין די צייטן פונם קיסר דיאָקלעטיאַנוס? ער האָט געלעבט, ווי אַ פּרוש און איז געשטאָרבן אַ קדוש. אָט דערפאַר זיינען מיר אָנגעטאָן אין ווייסן און לייגן אַרויף רויטע רויזן אויף זיין הייליקן קבר.

דערהערנדיק אָט די ווערטער, איז ס׳איז געפאַלן אויף די קני און האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט. דער האַלבפאַרגעסענער אַמעס האָט ווידער אויפגעלעבט ביי איר אין זכרון, די פלאַמענדיקע ליכט, דער ריח פון די רויזן, די וואָלקנס פונם ווייראַך, די האַרמאָנישע געזאַנגען, די געטרייקייט פון די גלויביקע נשמות—דאָס אַלץ האָט וואונדערלעך באַהנט דאָס עניוותדיקע, ליבע און אויסגעמאַטערטע גע־שטאַלט פון אַמעס. ס׳איז האָט געטראַכט אַן איבעררעשטע:

— ער איז געווען אַ גוטער און אָט איצט איז ער גרויס און שיין. אָבער, ווי אַזוי האָט ער זיך דערהויבן איבער די אַלע מענטשן? וואָס איז דאָס אַזוינס אָט די פאַרבאָרגענע זאַך, וואָס איז מער ווערט פון רייכקייטן און פון תענוגים?

זי איז שטיל אויפגעשטאַנען און האָט געווענדעט דעם בליק פון אירע פאַרטרערטע פיילכן־אויגן צום ארון פונם הייליקן, וואָס

האָט זי אַמאָל אַזוי ליב געהאַט. דערנאָכדעם האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און צניעותדיק און לאַנגזאַם איז זי אַ לעצטע צוגעגאַנגען צום ארון און מיט די ליפּן, וואָס האָבן ביי אַלעמען געוועקט אַזוי פיל פאַרלאַנגען, האָט זי אַ קוש געגעבן דעם קנעכטס שטיינערנע מצבה.

אומקערנדיק זיך אַהיים, האָט זי ביי זיך געטראָפן ניקיאַסן. ער האָט געוואַרט אויף איר מיט אָנגעדופטעטע האָר און מיט אַ פאַנאַנדערגעלאָזטער טוניק, לייענענדיק דערוויל אַ מוסר-ספר. ער האָט פאַנאַנדערגעשפּרייט די אָרעמס און איז געגאַנגען איר אַנטקעגן.

— שלעכטע טאַיִס-האָט ער איר געזאָגט מיט אַ לאַכנדיקער שטים,—בעת דו ביסט ניט געווען אַזוי לאַנג, ווייסטו וואָס איך האָב געזען אין אָט-אָ דעם כתב-יד, וואָס האָט דיקטירט איינער פון אונזערע ערנסטערע סטאָיקער? געזעצן פון מוסר אָדער שטאָלצע אמתן? ניין! אויף דער ערנסטער מגילה האָב איך געזען, ווי ס'טאַנצן טויזנטער און טויזנטער קליינינקע טאַיִס, יעדע פון זיי איז, ווי אַ פינגער די גרויס, אָבער אַלע זיינען זיי אַזעלכע שלאַנקע און אַלע זיינען זיי די איינוניינציקע טאַיִס. איינציקע פון זיי זיינען אָנגעטאָן אין קליידער פון פורפור און גאָלד, אַנדערע האָבן, ווי די ווייסע וואָלקנס, געשוועבט אין דערלופטן אין דורכזיכטיקע שטאָפן. גאָר אַנדערע אומבאַוועגלעכע און געטלעך נאַקעטע האָבן ניט אויסגעדריקט קיין שום געדאַנק, כדי וועקן וואָס מער תאוה. לסוף, זיינען דאָרט געווען צוויי, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט, צוויי אַזעלכע ענלעכע, אַז ס'איז אוממעגלעך געווען זיי אונטערשיידן. זיי האָבן ביידע געשמייכלט. איינע האָט געזאָגט: „איך בין די ליבע" און די אַנדערע: „איך בין דער טויט".

רעדנדיק אַזוי, האָט ער אַרומגענומען טאַיִס און, ניט באַמערקנדיק איר שטרענגן אַראָפּגעלאָזטן בליק, אַנטוויקלט איין געדאַנק נאָכן אַנדערן, ניט געקימערט זיך, וואָס די געדאַנקען זיינען גייען לאַבוד.

— יאָ, בעת איך האָב געהאַט פאַר די אויגן די שורה, ווו ס'איז געווען געשריבן: „ס'דאַרף דיך גאָרניש אפּהאַלטן פון צו אַנטוויקלען דיין נשמה"—האָב איך געלייענט: „די קושן פון טאַיִס

זייגען גלײַענדיקער פון פייער און זיסער פון האָניק". אָט ווי אַזוי, שלעכט קינד, פאַרשטייט אַ איצטיקער פילאָזאָף די ביכער פון די פילאָזאָפן. אמת, מיר אַלע אַנטפּלעקן בלויז אונזערע געדאַנקען און די געדאַנקען פון אַנדערע, מיר אַלע לייענען ביכער כמעט אָט אַזוי, ווי איך האָב נאָר וואָס געלייענט אָט דאָס דאָזיקע בוך.

זי האָט אים ניט געהערט, איר נשמה איז נאָך אַלץ געווען ביים קבר פון אַמעס. דערהערנדיק איר זיפץ, האָט ער זי אַ קוש געטאָן אין קאָפּ און געזאָגט:

— טרויער ניט, קינד מיינס, מענטשן זייַנען גליקלעך אויף דער וועלט נאָר דעמאָלט, ווען זיי פאַרגעסן די וועלט. מיר וויסן דעם סוד. קום, לאָ'מיר אָפּנאַרן דאָס לעבן. עס וועט נאָך אין אונז זיך נוקם זיין. קום, לאָ'מיר זיך ליבן.

אָבער זי האָט אים אָפּגעשטויסן.

— ליבן! — האָט זי ביטער אויסגעשריגן. — אָבער דו, דו האָסט דאָך קיינמאָל קיינעם ניט ליב געהאַט. און איך האָב דיך ניט ליב! ניין, ניין, איך האָב דיך ניט ליב, איך האָב דיך פיינט, גיי אַוועק, כ'האָב דיך פיינט! כ'פאַרהאַס און פאַרשעלט די אַלע, וואָס זייַנען גליקלעך און רייך. גיי אַוועק, גיי אַוועק!.. נאָר די אומגליקלעכע זייַנען גוטע! קינדווייז האָב איך געקענט איינעם אַ שוואַרצן קנעכט, וואָס איז געשטאָרבן אַ געקרייציקטער. ער איז געווען אַ גוטער, ער איז פול געווען מיט ליבע און האָט געוווּסט דעם סוד פון לעבן. דו וואָלסט ניט ראוי געווען וואַשן זייַנע פיס. גיי אַוועק, איך וויל דיך מער ניט זען.

זי האָט זיך אויסגעצויגן אויפן טעפּיך מיטן פנים אַראָפּ און האָט אַ נאַכט פאַרבראַכט אין געוויין, געגעבן זיך אַ וואָרט פון איצט אָן לעבן אָט אַזוי, ווי דער הייליקער טעאָדאָר האָט געלעבט, אָרעם און פראָסט.

אויף מאָרגן אָבער האָט זי זיך ווידער אומגעקערט צו די פריערדיקע פאַרגעניגנס, זי האָט געוווּסט, אַז איר איצטיקע שיינקייט וועט לאַנג ניט גדויערן און געיילט האָט זי דעריבער אויסניצן זי. אין טעאַטער, וווּ זי איז אַרויסגעטראָטן איצט נאָך מיט מער ערפאָלג איידער פריער, האָט זי פאַרקערפּערט אין לעבן די שאַפונגען פון די

סקולפּטאָרן, מאָלער און דיכטער. אין די פאָרמען, באַוועגונגען, תנועות און גענג פון דער אַרטיסטין האָבן די געלערנטע און פילאָזאָפן געפּילט די געטלעכע האַרמאָניע, וואָס פירט אָן מיט דער וועלט, און איר השלמה און פּלאַסטיק האָבן זיי געהאַלטן פאַר איינע פון אירע מדות און פלעגן זאָגן: „טאַיס איז אויך אַ געאָמעטער". די פּשוטע מענטשן, די אָרעמע, די באַשיידענע, די שעמעוודיקע, פאַר וועמען זי האָט באַוויליקט צרויסטרעטן, האָבן זי געבענטשט פאַרן געטלעכן חסד. און דאָך, ניט קוקנדיק אויף אָט דער גדולה, האָט זי געטרויערט און מער, ווי תמיד, מורא געהאַט פאַרן טויט. זי האָט זיך ניט געקאָנט שיידן מיט איר אומעט ניט אין איר הויז, ניט אין אירע גערטנער אפילו, וואָס זיינען געווען באַרימט מיט זייער פּראַכט און געוואָרן אַ שם-דבר אין אַלעקסאַנדריע.

זי האָט דאָרט פאַרפלאַנצט ביימער, וואָס זי האָט פאַר גרויסע געלטן אַראָפּגעבראַכט פון אינדיע און פון פּערסיע. ס'זיינען דאָרט גערונען פרישע, מורמלענדיקע וואַסערן, קינסטלעריש נאָכגעמאַכטע זיילן פון חוו בות און ווילדע פעלזן האָבן זיך געשפּיגלט אין די טייכן, ווו ס'האָבן זיך אָפּגעשאָטנט פאַרשיידענע סטאַטועס. אין מיטן גאָרטן איז געווען אויסגעבויט אַ גראָט פון די נימפעס, ער האָט זיך אַזוי גערופן דערפאַר, ווייל ביים אַריינגאַנג זיינען דאָרט געשטאַנען דריי גרויסע פרויען-פיגורן, אויסגעקלעפּטע פון געפאַרבטן וואַקס. די דאָזיקע פרויען האָבן געהאַלטן אין אויסטאָן די קליידער פאַרן באָדן זיך. מורא האָבנדיק פאַר אַ פרעמד אויג, האָבן זיי געקוקט אויף אַלע זייטן און, געדאַכט האָט זיך, אַז זיי זיינען אינדעראמתן לעבעדיקע. די שיין, וואָס ס'האָבן מיט זיך אַהין בלויז געבראַכט די ריזלדיקע דינע וואַסער-שטראָמען, איז געווען ווייך און פאַרשיידנפאַרביק. אויף די ווענט, ווי אין אַלע הייליקע גראָטן, זיינען דאָרט געהאַנגען אומעטום גירליאַנדעס, קראַנצן און ברעטלעך מיט שריפטן, ווו ס'זיינען געווען באַשריבן די שבחים פון טאַיס. ס'זיינען דאָרט געהאַנגען פאַרשיידענע טראַגישע און קאָמישע מאַסקעס, באַפאַרבט מיט העלע פאַרבן, אויך פאַרשיידענע בילדער, ווו ס'זיינען געווען אויסגעמאָלט פאָרשטעלונגען פון טעאַטער, מאָדנע קאָמישע פיגורן, אָדער מיסטישע חיות. אין מיטן איז אויף אַ פּאָסטאַמענט געשטאַנען

אַ קליינינקער עראָס פון עלפאַנטביין. דאָס איז געווען אַן אַלט ציכטיק קונסטווערק — אַ מתנה פון ניקיאַס. ווייט אין ווינקל איז געשטאַנען אַ ציג פון שוואַרצן מאַרמאָר, אירע אַגאַט־אויגן האָבן געפינקלט, ווי לעבעדיקע, זיבן ציגעלעך פון אַלעבאַסטער האָבן זיך געשטופּט ביי אירע בריסטן, זי אָבער האָט זיך געשטעלט אויף אירע פעדערשטע געטאָקטע פיסלעך, פאַרריסן דעם קאָפּ און אומגעדולדיק געריסן זיך, דאַכט זיך, שפּרינגען איבער די פעלזן. די ערד איז דאָרט געווען באַדעקט מיט ביזאַנטישע טעפּיכער, מיט פעלן פון ליווישע לייבן, און מיט קישנס, וואָס ס'האָבן אויסגענייט די בלאַספּנימדיקע איינוווינער פון דער ווייטער כינע. ערגעץ אין אַ ווינקל האָבן זיך אומבאַמערקט געראָיכערט גאָלדענע ווייראַך־פאַנען אין די גרויסע וואַזעס פון אָניקס זיינען געוואַקסן הויכע פּערסישע בלומען. און ווייט אין שאָטן האָבן אין פּורפּור געבלאַנקט גאָלדענע צוויעכעס אויף אַן איבערגעקערטן פאַנצער פון אַ רייזיקער אינדיאַנישער טשערעפּאַכע, וואָס האָט געדינט פאַר אַ בעט דער אַרטיסטין. אָט־אָ־דאָרטן ביים געמורמל פון די וואַסערן, צווישן די ריחות און בלומען האָט טאַיִס אַלע טאָג געצערטלט זיך, געלעגן, געוואַרט אויף אָוונט־ברויט און פאַרבראַכט מיט אירע פריינט, אָדער איינע אַליין געזונקען אין פאַרשיירענע רעיונות מכּוח טעאַטער צי מכּוח דעם, וואָס די יאָרן לויפן.

אין אָט־אָ דעם טאָג האָט זי אויך נאָך דער פאָרשטעלונג, ווי תמיד, אָפּגערוט אינם גראָט פון די נימפעס. זי האָט געקוקט אין שפּיגל, באַמערקט די ערשטע ירידה־שפּורן פון איר שיינקייט און מיט שרעק געטראַכט, אַז סוף כּל סוף וועט קומען די צייט פון קנייטשן און גרויע האָר. אומזיסט האָט זי געוואָלט זיך באַרויקן, געטראַכט זיך, אַז ס'איז פאַראַן אַ מיטל, ווי צו פאַרהיטן די פרישקייט פונם לייב, מ'דאַרף צוליב דעם בלויז פאַרברענען אַ פּאָר גראָזן, אָפּשפּרעכנדיק דערביי מיט אַ באַוווסטן שפּרוך. אַן אינעווייניקסטע אָנרחמנ'תדיקע שטים האָט איר געשריגן: „דו וועסט אַלט ווערן, טאַיִס, דו וועסט אַלט ווערן!“ און אַ פּחד־שווייס האָט פייכט געמאַכט איר שטערן. דערנאָכדעם האָט זי ווידער אַזוי צאַרט אַ קוק געטאָן אין שפּיגל און האָט געפונען, אַז זי איז נאָך אַ שיינע און, אַז זי איז ווערט צו זיין געליבט. זי האָט געשמייכלט צו זיך אַליין און האָט

געמורמלט: „אין גאַנץ אַלעקסאַנדריע איז ניטאָ אַ אײן פרוי, וואָס זאָל פאַרמאָגן אַזאַ שלאַנקן שטאַלט, אַזעלכע גראַציעזע באַוועגונגען, אַזעלכע פּראַכטפולע הענט. די הענט, אָ, מײן שפּיגל, דאָס זײנען אמתע קײטן פון ליבע!"

זײענדיק פאַרטראָגן אין די דאָזיקע רעיונות, האָט זי פּלוצים דערזען פאַר זיך אַן אומבאַקאַנטן מענטשן, אַ דאַרן, מיט ברענענדיקע אויגן, מיט אַ לאַנגער באָרד, אָנגעטאָן אין אַ רײכן אויסגענייטן בגד. זי האָט אַרויסגעלאָזן איר שפּיגל און האָט אַ געשריי געטאָן פון שרעק.

פּאַפנוטיוס איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, און, דערזעענדיק, אַז זי איז אַזאַ שײנע, האָט ער פון טיפן האַרצן אַ תּפלה געזאָגט:

— אָ גאָט, זאָל דאָס געזיכט פון דער דאָזיקער פרוי ניט אומברענגען מיך, דײן קנעכט, נאָר זאָל עס מיך, אדרבא, פאַרשטאַרקן.

ער האָט זיך געשטאַרקט און האָט אַרויסגעזאָגט:

— טאַיס, איך וווין אין אַ ווײט לאַנד, און דער שם פון דײן שײנקייט האָט מיך געבראַכט אַהער. מ'זאָגט, אַז דו ביסט די בעסטע פון אַלע שפּילערינס און די שענסטע פון אַלע פרויען. דאָס, וואָס מ'דערציילט מכּוח דײנע רײכקײטן און דײנע ליבעס, ווײזט אויס, ווי אַ שײנע מעשה און דערמאַנט אָן די וווּנדערלעכע דערציילונגען מכּוח דער אַלטער ראַדאָפּיס, וואָס אַלע שיפער פון ניִלוס קענען זײ אויף אויסנווייניק. אָט דערפאַר טאַקע האָב איך זיך אונטערגענומען זיך צו באַקענען מיט דיר. און איצט זע איך, אַז דער אמת שטײגט איבער די אַלע שמועסן. דו ביסט טויזנט מאָל שענער און קליגער אײדער מ'דערציילט. און איצט, בעת איך זע דיך, זאָג איך צו זיך אַליין: „ס'איז אוממעגלעך זיך גענענען צו דיר און ניט וואַקלען זיך דערבײ ווי אַ שכּורער".

די דאָזיקע ווערטער זײנע זײנען געווען פאַלשע, אָבער דער מאָנאַך איז געווען באַגײסטערט פון זײן געטלעכער שליחות און האָט גערעדט מיט אמתער התפּעלות. טאַיס האָט פונדעסטוועגן גאַנץ גוטמוטיק באַטראַכט אָט דעם מאָדנעם נפש, וואָס האָט זי געשראָקן. דער ווילדער און האַמעטנער אויסזען פון פּאַפנוטיוס, זײן בײזער פלאַמענדיקער בליק האָט זי איבערראַשט. זי איז אָבער געווען נײ-

געריק צו וויסן, ווער איז ער און ווי לעבט ער, אָט דער מענטש, וואָס איז אַזוי ניט ענלעך אויף די אַלע אירע באַקאַנטע. זי האט אים געענטפערט מיט אַ לייכטן שמייכל:

— דו ווערסט זייער גיך נתפעל, פרעמדער. היט זיך, מיינע בליקן זאָלן דיך ניט אָנצינדן ביז איןביין אַריין. היט זיך מיך ליב צו קריגן!

ער האָט איר געזאָגט:

— איך ליב דיך, טאַיס, איך ליב דיך שטאַרקער, ווי מיין לעבן, מער איידער זיך גופא. צוליב דיר האָב איך פאַרלאָזט מיין ליבן מדבר; מיינע ליפּן, פאַרמשפּטע אויף צו שטומען, האָבן צוליב דיר אָנגעהויבן רעדן וואָכעדיקע רייד; צוליב דיר האָב איך געזען דאָס, וואָס איך טאָר ניט זען, כ'האָב געהערט דאָס, וואָס איז מיר פאַרבאָטן צו הערן; איבער דיר איז מיין נשמה באַטריבט, מיין האַרץ האָט זיך אויפגעעפנט און ס'שפּריצן פון דאָרט געדאַנקען, ווי קלאָרע וואַסערן, פון וועלכע ס'טרינקען טויבן; צוליב דיר בין איך טאָג און נאַכט געגאַנגען איבער זאַמדן, וווּ ס'פּרוכפּערן זיך וואַמפּירן און פאַרזעענישן; צוליב דיר האָט מיין באָרוויסער פוס געטראָטן איבער שלאַנגען און עקדישן. יאָ, איך ליב דיך, אָבער ניט אַזוי, ווי אָט די אַלע מאַנסבילן, וואָס קומען צו דיר פאַרפלאַמטע פון קערפּערלעכע פאַרלאַנגען, ווי הונגעריקע וועלף, אָדער, ווי דערצאָרנטע אָקסן. די דאָזיקע האָבן דיך ליב, ווי דער וואָלף האָט ליב די גאַזעל. זייער מענטשן-פרעסערישע ליבע עסט אויף די נשמה, אָ, פרוי! איך האָב דיך ליב אין גייסט און אין אמת, איך האָב דיך ליב אין גאָט און אויף אייביק, אויף אייביק. דאָס, וואָס איך פיל אין האַרצן, איז אמתע באַגייסטערונג און גאָטס גענאָד. כ'זאָג דיר צו מער ווי דופּטיקע שכרות, מער ווי אַ טרוים פון אַ קורצער נאַכט. כ'זאָג דיר צו אַ הייליקן מאָלצייט און אַ הימלישע חופּה. די מזל-ברכה, וואָס איך ברענג דיר, וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיקן, זי איז אומערהערט און זי איז אייביק; ווען די גליקלעכע וואָלטן דאָ אויף דער וועלט געקאָנט כאָטש זען אַ שאָטן דערפון, וואָלטן זיי באַלד געשטאָרבן פאַרוווּנדערטע.

טאַיס האָט געצווייפלט און געשמייכלט:

— פריינט, — האָט זי געזאָגט, — ווייז מיר די דאָזיקע ווונדערלעכע ליבע. אייל זיך! צו לאַנגע שמועסן וועלן באַליידיקן מיין שיינקייט. לאָ׳מיר ניט פאַרלירן קיין איין רגע. איך בין אומגעדולדיק צו פאַרזוכן דאָס גליק, וואָס דו זאָגסט מיר צו, נאָר, איינדראמתן, האָב איך מורא, אַז איך וועל פון אים קיינמאָל ניט וויסן, און אַלע דיינע הבטחות זיינען בלויז פוסטע רייד. ס׳איז גרינגער צוזאָגן דאָס גליק איידער עס געבן. יעדערער האָט זיך זיין טאַלאַנט, כ׳גלויב, אַז דער דייניקער באַשטייט אין רעדן. דו רעדסט מכּוח עפּעס אַן אומבאַקאַנטער ליבע: מענטשן קושן זיך שוין אַזוי לאַנג, און ס׳וואָלט געווען אַ חדוש, באמת, ווען די ליבע וואָלט פאַרמאגן אַזעלכע סודות, וואָס זיינען נאָך ביז איצט ניט אַנטפּלעקט. אין דעם ענין ווייסן מער די, וואָס ליבן, איידער די מכשפים.

— טאַיס, לאַך מיך ניט אויס, כ׳ברענג דיר אַזאַ ליבע, וואָס דו ווייסט ניט פון איר.

— פריינט, דו קומסט צו שפּעט. כ׳ווייס פון אַלע ליבעס.

— די ליבע, וואָס איך ברענג דיר, איז אַ געבענטשטע, און די ליבעס, וואָס דו ברויכסט, ברענגען נאָר צו שאַנד.

טאַיס האָט אויף אים בייז אַ קוק געטאָן, אַ שאַרפער קנייטש האָט איבערגעשניטן איר קליינעם שטערן.

— דו ביסט צו דרייסט, פרעמדער, דו ביסט מיין גאַסט און דו באַליידיקסט מיך. טו אַ קוק אויף מיר און זאָג: בין איך פון די באַשעפעניש, וואָס זייער לעבן איז אַ חרפּה? ניין, איך פיל ניט קיין בזיון און די אַלע, וואָס טוען, ווי איך, פילן אויך ניט קיין שאַנד, הגם זיי זיינען ניט אַזוי רייך און ניט אַזוי שיין, ווי איך. אומעטום, ווו כ׳האָב געטראָטן, האָב איך געזייט גלוט און תאווה און דערמיט האָב איך אַ שם אויף דער גאָרער וועלט. כ׳האָב מער מאַכט איידער די מאַכטהאָבער פון דער וועלט. כ׳האָב זיי געזען ביי מיינע פיס. טו אַ קוק אויף מיר, קוק אָן די דאָזיקע קליינע פיס. טויזנטער מענטשן וואָלטן באַצאָלט מיט זייער בלוט פאַר דעם נחת זיי אַ קוש צו טאָן. איך בין ניט קיין גרויסע און פאַרנעם אַ קליינעם פלאַץ אויף דער ערד. פאַר די, וואָס קוקן אויף מיר פון דער הויך פון סעראַפּעום, בעת איך גיי איבער דער גאַס, פאַר יענע

ווייז איך זיך אויס ווי אַ גרייפּעלע פון רייז. אָבער דאָס דאָזיקע גרייפּעלע האָט פאַרשאַפט מענטשן אַזוי פיל טרויער, פאַרזייט אַזוי פיל יאוש, שנאה און פאַרברעכנס — אַ פולן גיהנום! ביסטו דען ניט משוגע, אַז דו רעדסט מיר פון מיין חרפּה, בעת אַלץ אַרום שאַלט מיר אַ לויבגעזאַנג?

— דאָס, וואָס מענטשן לויבן, איז אָפט פאַרהאַסט פון גאָט. אָ, פרוי, מיר האָבן זיך געשפּייזט מיט אַזעלכע פאַרשיידענע מיינונגען, אַז ס'איז באמת קיין חדוש ניט, וואָס מיר האָבן ניט איינע און די זעלבע שפּראַך, קיין איינע און די זעלבע געדאַנקען. אָבער גאָט איז מיין עדות, אַז איך וויל זיך צונויפרעדן מיט דיר און אַז כ׳האָב באַשלאָסן ניט פאַרלאָזן דיך, ביז וואַנען מיר וועלן ניט האָבן איינע און די זעלבע געפילן. ווער וועט, אָ, פרוי, באַגייסטערן מיך מיט פלאַמענדיקע רייד אַזוי, אַז דו זאָלסט צעשמאָלצן ווערן, ווי אַ וואַקס, פון מיין היציקן אָטעם, און אַז די פינגער פון מיינע פאַרלאַנגען זאָלן קאָנען דיך קנעטן לויט זייער ווילן? וואָס פאַר אַ קראַפט וועט דיך, די טייערסטע פון אַלע נשמות, אָפּגעבן אין מיינע הענט, כדי דער גייסט, וואָס באַלעבט מיך, זאָל דיך נאָך אַמאָל באַשאַפן, אַרייַנגעבן אין דיר אַ נייע שיינקייט און דו זאָלסט דערנאָכדעם מיט באַגייסטערטע טרערן אויסשרייען: „היינט, אָקאָרשט היינט בין איך געבוירן!" ווער וועט אַרויסשלאָגן פון מיין האַרצן דעם שטאַרקן קוואַל, אין וועלכן דו וועסט זיך אָפּטוקן און געפינען די ריינקייט פון דיין געבוירן? ווער וועט מיך פאַרוואַנדלען אין אַ ירדן, כדי דו זאָלסט זיך אָפּבאָדן אין מיינע וואַסערן און באַקומען דאָס אייביקע לעבן?

טאַיס איז שוין מער ניט געווען דערצאָרנט.

— אָט דער מענטש, — האָט זי געטראַכט, — רעדט פון אייביקן לעבן און אַלץ, וואָס ער רעדט, איז פאַרשריבן אויף אַ קמיע. ער איז אודאי אַ מכשף און האָט אַ סגולה פון עלטער און פון טויט.

זי האָט באַשלאָסן זיך אָפּגעבן אים.

און כלומרשט מורא האָבנדיק פאַר אים, האָט זי זיך דערווייטערט אויף אַ פּאָר טריט, אָפּגעגאַנגען טיף אין גראָט אַריין און געזעצט זיך אויפן ראַנד פון איר בעט, קינסטלעריש איינגעקליבן די

טוניִק אויפֿן בוזיִם, דערנאָך אַ שווייגנדיִקע, אַן אומבאַוועגלעכע מיִט אַראָפּגעלאָזטע אויגן געזעסן און געוואַרט. איִרע לאַנגע ברעמען האָבן אָנגעוואָרפֿן אַ צאַרטן שאָטן אויפֿן געזיִכט. איִר גאַנצער אויסזעען איִז געווען אַזאַ צניעותדיִקער, זיִ האָט געשאָקלט פּוילבלעך מיִט דיִ נאַקעטע פֿיִס און געווען ענלעך אויף אַ קיִנד, וואָס טרוימט ביים ברעג פֿון טייך.

אָבער פּאַפנוטיוס האָט זיִ באַטראַכט און ניִט גערירט זיִך פֿון אָרט. זיינע ציִטערנדיִקע קניִעס האָבן איִם מער ניִט אויפֿגעהאַלטן, דער צונג האָט איִם פּלוצים צוגעטריִקנט צום גומען, און איִן קאָפּ האָט געהערשט אַ מוראדיִקער טומל. זיין בליִק האָט זיִך מיִט־אַמאָל פֿאַרנעפּלט און ער האט געזען פֿאַר זיִך בלויז אַ געדיִכטן וואָלקן. אַ מחשבה איִז איִם אַדורך, אַז דאָס האָט יעזוס געלייגט איִם דיִ האַנט אויף דיִ אויגן, כדי צו פֿאַרשטעלן פֿון איִם דיִ דאָזיִקע פֿרוי. אויפֿגעמונטערט פֿון דער דאָזיִקער היִלף, פֿאַרזיִכערט און פֿאַרשטאַרקט, האָט ער שטרענג, וויִ ס׳פּאַסט פֿאַר אַ נזיר, געזאָגט:

— ווען דו וועסט זיִך מיִר אָפּגעבן, דעַנקסטו דען, אַז גאָט וועט דערפֿון ניִט וויִסן?

זיִ האָט געשאָקלט מיִטן קאָפּ.

— גאָט! ווער צוויִנגט איִם אויסקוקן תמיד אַלץ, וואָס ס׳קומט פֿאָר איִנם גראָט פֿון דיִ ניִמפֿעס? אויב מיִר באַליידיִקן איִם—זאָל ער ניִט קוקן! נאָר מיִט וואָס קאָנען מיִר איִם באַליידיִקן? דאָס האָט ער דאָך אונז באַשאַפֿן, קאָן ער ניִט ברוגז זיין און טאָר זיִך ניִט חדושן, וואָס מיִר זעען אויס אַזוי, וויִ ער האָט אונז באַשאַפֿן, און טוען אַלץ, וואָס אונזער טבע הייסט אונז טאָן. צו פֿיִל רעדט מען איִן זיין נאָמען און אָפֿט דערציילט מען פֿון זיינעטוועגן אַזוינע געדאַנקען, פֿון וועלכע ער האָט קיינמאָל ניִט געטראַכט. פֿרעמדער, דו אַליין, וויסטו דען זיין אמתן וועזן? ווער ביִסטו, וואָס דו רעדסט מיִר איִן זיין נאָמען?

אויף דער פֿראַגע האָט דער מאָנאַך פֿאַנאַנדערגעעפֿנט זיין אַנטליִענעם אויבערבגד, באַוויִזן זיין האָריִק לייבל און געזאָגט:

— איִך ביִן פּאַפנוטיוס,—דער גלח פֿון אַנטיִנאָע, און קומען קום איִך פֿונם הייליִקן מדבר. דיִ הענט, וואָס האָט אַרויסגעפֿיִרט אברהמען

פֿון כשדים און לוטן פֿון סדום, האָט מיך אָפּגעשיידט פֿון דער וועלט איך האָב ניט געלעבט מער צוליב מענטשן, אָבער דיין געשטאַלט. האָט זיך מיר באַוויזן אין מיין זאַמדיקן ירושלים און איך האָב זיך דערוווּסט, אַז דו ביכט פֿול מיט זינד און אַז אין דיר ליגט דער טויט. איך שטיי, פּרוי, פֿאַר דיר, ווי פֿאַר אַ קבר און שריי צו דיר: „טאַיס, שטיי אויף!“

ביי די דאָזיקע ווערטער פֿון פּאַפֿנוטיוס, דעם פּרוש און דעם גלח, איז זי בלייך געוואָרן פֿון פּחד. מיט פֿאַנאַנדערגעלאָזטע האָר און צוטויפֿגעלייגטע הענט האָט זי תיכּף אַ וויינענדיקע געוואָרפֿן זיך צו די פֿיס פֿונם הייליקן.

— טו מיר ניט קיין בייז! צו וואָס ביסטו געקומען? וואָס ווילסטו פֿון מיר? טו מיר ניט קיין שלעכטס! כ׳ווייס, אַז די הייליקע פֿון מדבר פֿאַרהאַסן די פֿרויען, וואָס זיינען, ווי איך, באַשאַפֿן געוואָרן אויף צו געפֿעלן ווערן. כ׳האָב מורא פֿאַר דיין שנאה, דו ווילסט מיר ברענגען שאָדן. גיי אַוועק! איך צווייפֿל ניט אין דיין מאַכט. אָבער ווייס, פּאַפֿנוטיוס, אַז מ׳דאַרף מיך ניט פֿיינט האָבן און מ׳דאַרף מיך ניט פֿאַרהאַסן. כ׳האָב קיינמאָל ניט אויסגעלאַכט, ווי אַלע, דיין אָרעמקייט, וואָס דו האָסט אויף זיך גענומען. און דו אויך, וואַרף מיר ניט אויס מיין עשירות. איך בין אַ שיינע און בין אַ געניטע שפּילערין. איך האָב זיך ניט אויסגעקליבן ניט מיין קערפּער, ניט מיין פֿאַך. איך טו דאָס, וואָס איך בין באַשאַפֿן צו טאָן. איך בין געבוירן אויף צו פֿאַנגען מאַנסבילן. דו אַליין האָסט נאָר וואָס געזאָגט, אַז דו ליבסט מיך. נוץ ניט אויס דיינע קענטענישן קעגן מיר. ברויך ניט קיין כּשוף-ווערטער, וואָס ווען מאַכן אַ תּל פֿון מיין שיינקייט, אָדער מאַכן פֿון מיר אַ שטיק זאַלץ. שרעק מיך ניט, איך בין אַן אָנגעשראָקענע פֿון לאַנג אָן. הרגע מיך ניט, איך האָב אַזוי מורא פֿאַרן טויט!

ער האָט אַ ווונק געטאָן, זי זאָל אויפֿשטיין און האָט געזאָגט:

— קינד, באַרויִק דיך. איך וועל אויף דיר ניט וואַרפֿן קיין האַס און קיין שאַנד. ס׳האָט מיך צו דיר געשיקט אָט-אָ דער, וואָס איז געזעסן ביים ברונעם און געטרונקען פֿונם קרוג, וואָס די פֿרוי פֿון שומרון האָט אים דערלאַנגט, און איינמאָל האָט ער באַזוכט

שמעונס מאַלציייט און צוגענומען די בשמים, וואָס מרים האָט אים געבראַכט. איך האָב אַליין געזינדיקט און טאָר ניט וואַרפן אין דיר דעם ערשטן שטיין. כ׳האָב אַליין אָפט מיסגעברויכט מיט גאָטס גרויסע חסדים. ניט דער צאָרן, נאָר דער רחמנות האָט מיך גענומען פאַר דער האַנט און געבראַכט מיך אַהער. כ׳דאַרף דיר ניט חנפענען, כ׳קאָן דיר פריי אַרויסזאָגן די ווערטער פון ליבע, ווייל דער חשק פון מיין האַרץ האָט מיך געפירט צו דיר. איך ברען מיטן פייער פון רחמים. דיינע אויגן זיינען געווייגט בלויז צו געמיינע קערפּערלעכע בילדער, און אויב דו וואָלסט געקאָנט זען אַלע זאַכן אין זייער מיסטישן שיין, וואָלט איך אין דיינע אויגן אויסגעזען, ווי אַ צווייג פון יענעם ברענענדיקן דאָרן, וואָס גאָט דער האַר האָט באַוויזן אויפן באַרג דעם אוראַלטן משהן און דאָרט אים געלערנט די אמתע ליבע, אָט די ליבע, וואָס צינדט אונז אָן און פאַרברענט אונז ניט, וואָס לאָזט ניט איבער נאָך זיך קיין קוילן און קיין אַש, אדרבא, זי זאַלבט מיט אירע אייביקייטס־בשמים אַלץ, וואָס האָט צו איר אַ שייכות.

— מאַנאַך, איך גלויב דיר און האָב קיין מורא ניט מער, אַז דו וועסט מיך פאַרכשופן און וועסט טאָן מיר שלעכטס. כ׳האָב אַ סך מאָל געהערט וועגן די נזירים פון טעבאַיד. די מעשיות, וואָס מ׳האָט מיר דערציילט פון אַנטאָניוסן און פּאַוולוסן, זיינען וווּנדערבאַר. דיין נאָמען איז מיר ניט געווען פרעמד און געזאָגט האָט מען מיר, אַז דו ביסט יונג און קאָנסט זיך שוין פאַרגלייכן אין מדות מיט אַלע אַלטע פרושים. תיכף, ווי איך האָב דיך דערזען, ניט געוווּסט נאָך וועך דו ביסט, האָב איך דערפילט, אַז דו ביכט ניט קיין געוויינלעכער מאַן. זאָג מיר, וואָלסטו געקאָנט טאָן צוליב מיר דאָס, וואָס ס׳האָבן ניט געקאָנט טאָן ניט די כהנים פון די געטער איזיס, הערמעס און יונאָ, ניט די שטערנזעער פון כשדים, ניט די מכשפים פון בבל? מאַנאַך, אויב דו ליבסט מיך, קאָנסטו פועלן איך זאָל ניט שטאַרבן?

— פרוי, לעבן וועט דער, וואָס וויל לעבן. אַנטלויף פון די נמאסע פאַרגעניגנס, מיט וועלכע דו שטאַרבסט אויף אייביק. רייס אויס ביים טייוול דיין גוף, ער וועט אים פאַרברענען, דיין גוף, וואָס

גאָט האָט אים אַליין אויסגעקנאָטן און אַריינגעבלאָזן אין אים זיין אָטעם. אַ מידע, אַן אויסגעמאַטערטע, קום אָפּפרישן זיך אין די געבענטשטע קוואַלן פון איינזאַמקייט. גיי אין מדבר טרינקען פון די באַהאַלטענע פאָנטאַנען, וואָס שפריצן אַרויף צו ביזן הימל. ציטערדיקע נשמה, קום און נעם, באַקום אַלץ, וואָס דו האָסט פאַרלאַנגט! הארץ, וואָס האָסט געדאַרשט נאָך פרייד, קום, פאַרזוך די אמתע שמחה, די שמחה פון אָרעמקייט, פון נויט, פון פאַרגעסן זיך אַליין, פון צונויפגיסן זיך מיט גאָט. דו, הייליקער פיינט פון יעזוס און זיין מאָרגנדיקע געליבטע, קום צו אים. קום, דו, וואָס זוכסט. דו וועסט זאָגן: „כ'האָב געפונען די ליבע!“

טאַיס האָט דערוויל באַטראַכט עפּעס אַ ווייטע אומגעזעענע זאַך.

— מאָנאַך,—האָט זי געפרעגט,—אויב איך וועל זיך אָפּזאָגן פון מיינע תענוגים, אויב איך וועל תשובה טאָן, וועל איך איבערראַמתן ווידער לעבעדיק ועין אויפן הימל מיט אַ ניט געריר־טן ניט־פאַרעגדערטן גוף, מיט מיין גאַנצער איצטיקער שיינקייט?

— טאַיס, איך ברענג דיר דאָס אייביקע לעבן. גלויב מיר, וויל אַלץ, וואָס איך זאָג, איז אמת.

— און ווער וועט מיר ערב זיין, אַז ס'איז אמת?

— דוד און די נביאים, די הייליקע שריפט און ד נסים, וואָס דו אַליין וועסט זען!

— מאָנאַך, כ'וואָלט וועלן דיר גלויבן. וויל איך בין מודה, אַז איך האָב דאָ אויף דער וועלט ניט געפונען קיין גליק. מיין מזל איז געווען אַ בעסערער איידער דער מזל פון אַ מלכה און ניט קוקנדיק דערויף האָט דאָס לעבן מיר פאַרשאַפט געגוג צער, גענוג עגמת נפש. אָט איצט בין איך מיד אָן אַ שיער. אַלע פרויען זיינען מיר מקנא מיין לעבן און מיר קומט אויס אָפט מקנא זיין אָט דער אַלטער אביונטע, וואָס האָט אַמאָל, בעת איך בין געווען אַ קינד, פאַרקויפט זיס געבעקס אונטער די טויערן פון שטאָט. איין רעיון קומט מיר שטענדיק אויפן זינען, אַז נאָר די אָרעמע מענטשן זיינען גוטע, גליקלעכע און געבענטשטע, און נחת־רוח האָבן די, וואָס פירן אַ קליין עניוותדיק לעבן. נזיר, דו האָסט אויפגערעגט די כוואַליעס פון מיין נשמה און אַרויפגעבראַכט אויף אויבן אַלץ, וואָס האָט געדרימלט

אין די טיפעניש. וועמען זאָל איך גלויבן, וועמען? וואָס וועט זיין מיט מיר? און וואָס איז אַזוינס לעבן?

בעת זי האָט אַזוי גערעדט, האָט זיך פּאַפּנוטיוס פֿאַרענדערט, אַ הימלישע פּרקיד האָט באַשטראַלט זיין געזיכט.

— הער מיך אויס, — האָט ער געזאָגט, — ניט איך אַליין בין אַריין אין דיין וווינונג. נאָך איינער אַ צווייטער האָט מיך באַגלייט אַהער, אַ צווייטער, וואָס שטייט אָט־אָ־דאָ נעבן מיר. דעם דאָזיקן קאָנסטו נאָך ניט זען, ווייל דיינע אויגן זיינען נאָך ניט ווערט זיי זאָלן קוקן אויף אים, אָבער אינגיכן וועסטו אים דערזען אין זיין גאַנצער פּראַכט און דו וועסט זאָגן: „אים איינעם קאָן מען ליבן!“ אָט נאָר וואָס, ווען ער וואָלט ניט געהאַט געלייגט זיין האַנט אויף מיינע אויגן, אָ, טאַיס, וואָלט איך צוזאַמען מיט דיר אַריינגעפאַלן אין אַ זינד, ווייל איך אַליין בין שוואַך און אומבאַהאָלפן. אָבער ער האָט אונז מציל געווען ביידן. ער איז פּונקט אַזוי גוט, ווי מעכטיק, און זיין נאָמען איז — ערלייזער. דוד און די סיבילער נביאה האָבן פֿאָרויסגעזאָגט, אַז ער וועט קומען אויף דער וועלט. אים האָבן זיך געבוקט די פּאַסטוכער און די שטערנזעער, די פּרושים האָבן אים געקרייצט. די הייליקע פֿרויען האָבן אים מקבר געווען, די אַפּאָסטאָלן האָבן אים אַנטפּלעקט און די מאַרטירער האָבן אים געהייליקט.

און אָט, דערוויסנדיק זיך, אַז דו האָסט מורא פֿאַרן טויט, אָ, פֿרוי, איז ער געקומען אין דיין הויז דיך ניט לאָזן שטאַרבן! אי, דאָס דען ניט אמת, יעזוס, אַז דו קומסט צו מיר אין אָט דער רגע אַזוי ווי דו ביסט געקומען צו די מענטשן פֿון גליל אין יענע וווּנדערלעכע צייטן, ווען די שטערן זיינען צוזאַמען מיט דיר אַראָפּ פֿון הימל, זיינען אַזוי נאָענט געווען צו דער ערד, און די הייליקע אומשולדיקע קינדער האָבן געקאָנט זיי דערלאַנגען מיט די הענטלעך, שפּילנדיק זיך אין די שויסן פֿון זייערע מוטערס אויף די דעכער פֿון בית־לחם. איז דאָס דען ניט אמת, יעזוס, אַז דו ביסט איצט מיט אונז דאָ און אַז דו ווייזט מיר דיין ליבן קערפּער? אָט איז דיין אמתער פּנים, און די טרער, וואָס רינט איבער דיין באַק, איז אַן אמתע טרער. יאָ, דער מלאך פֿון גערעכטיקייט וועט זי אויפֿזאַמלען און וועט מיט איר אויסקויפֿן די נשמה פֿון טאַיס. איז דאָס דען ניט

אמת, אַז דו בּיסט דאָ, יעזוס? אָ, מיין יעזוס, דיינע לִיפּן עפֿענען זיך, דו קאָנסט רעדן, רעד, איך הער דיך. און דו, טאַיִס, גליקלעכע טאַיִס, הער אויס, וואָס דער ערלייזער איז געקומען זאָגן צו דיר; דאָס רעדט ער און ניט איך. ער זאָגט: „כ'האָב דיך לאַנג געזוכט, אָ, מיין פאַרבלאָנזשעט שעפעלע, איך געפין דיך איצט. גיי ניט אַוועק פון מיר. לאָז נעמען דיך אויף די הענט און אָפּטראָגן דיך אויף מיינע פּלייצעס אינם הימלשן שאָף־שטאַל. קום, מיין טאַיִס, קום, מיין אויסדערוויילטע, קום וויינען צוזאַמען מיט מיר!"

און פאַפנוטיוס איז געפאַלן אויף די קני, די אויגן פול מיט באַגייסטערונג. דעמאָלט האָט טאַיִס אויפן געזיכט פונם הייליקן דערזען אַן אָפּשיין פונם לעבעדיקן יעזוס.

— אָ, די פאַרשוווּנדענע טעג פון מיין יוגנט!—האָט זי אויסגעשריגן וויינענדיק,—אָ, מיין ליבער פאָטער אַמעס! גוטער הייליקער טעאָדאָר, פאַרוואָס בין איך ניט געשטאָרבן אין דיין ווייסן מאַנטל אין יענעם פרימאָרגן, בעת דו האָסט מיך געטראָגן נאָך אַ פייכטע פון די וואַסערן, מיט וועלכע מ'האָט מיך געצלמט.

פאַפנוטיוס האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו איר מיט אַן אויסגעשריי:

— דו ביסט אַ געצלמטע! אָ, געטלעכער שׂכל! אָ, גאָטס האַנט! אָ, גוטער גאָט! איך ווייס איצט, וואָס פאַר אַ קראַפט ס'האָט מיך געצויגן צו דיר. כ'ווייס איצט, פאַרוואָס ביסטו מיר אַזוי ליב און טייער. די געבענטשטע טויף־וואַסערן האָבן געצוווּנגען מיך פאַרלאָזן גאָטס שאָטן, וואָס האָט מיך באַשיצט, און זוכן דיך אין דער פאַרכמטער לופט פון אָט דער וועלט. אַ טראָפּן, בלי שום ספק, אַ טראָפּן פון די וואַסערן, וואָס האָבן געוואַשן דיין קערפער, איז געפאַלן מיר אויפן שטערן. גענען זיך, מיין שוועסטער, און באַקום פון דיין ברודער דעם קוש פון שלום.

דער נזיר האָט באַריִרט מיט די ליפּן דעם שטערן פון דער פרוי. דערנאָך איז ער אַנטשוויגן געוואָרן, געטראַכט, אַז גאָט דאַרף איצט אַליין רעדן. אינם גראָט פון די נימפעס האָט זיך נאָר געהערט דער שטילער געוויין פון טאַיִס, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיטן גערויש פון די וואַסערקוואַלן.

זי האָט געוויינט, ניט אָפּווישנדיק די טרערן. ס'זיינען אַריין

צוויי שוואַרצע שקלאַפּינס, אָנגעלאָדן מיט קליידער, מיט זאַלבן און מיט קרענץ.

— ס׳איז גאָרניט די צייט איצט צו וויינען,—האָט זי געזאָגט, פּרווונדיק אַ שמייכל צו טאָן,—טרערן מאַכן רויט די אויגן און פטורן די פאַרב פון געזיכט, און איך מוז היינט בייגאַכט זיין אויף אַ מאָלצייט ביי מיינע פריינט און וויל זיין שיין, ווייל דאָרט וועלן זיין פרויען, וואָס וועלן זיין צופרידן, באַמערקנדיק, אַז מיין געזיכט איז שוין מיד. די דאָזיקע שקלאַפּינס זיינען געקומען מיך אָנצוטאָן. גיי אָפּ אויף אַ ווײַלע, פּאָטער, און זאָלן זיי טאָן זייערס. זיי זיינען געניטע און ערפאַרענע און כ׳האָב פאַר זיי טייער באַצאָלט. זעסטו אָט־אָ די, מיט די גרויסע גאָלדענע רינגען און מיט די ווייסע ציין. כ׳האָב זי אָפּגענומען ביים פּראָקאָנסולס פרוי.

פּאַפּנוטיוס האָט לכתחילה געטראַכט ניט לאָזן טאַיס גיין אויפן מאָלצייט. אָבער ער האָט באַשלאָסן צו זיין פאָרזיכטיק און האָט געפרעגט, וועמען וועט זי דאָרט באַגעגענען.

זי האָט געענטפערט, אַז חוץ דעם בעל־הבית דעם אַלטן קאָטאַ, דעם ממונה איבערן פלאָט, וועט דאָרט אויף דער שמחה זיין ניקיאַס און נאָך אַנדערע פילאָזאָפן, וואָס ווילן פירן וכוחים. דער דיכטער קאַליקראַטעס, דער גרויסער פריסטער פון סעראַפּיס, אַ פּאָר יונגע לייט, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דרעסירן פערד און דערצו נאָך פרויען, פון וועלכע ס׳איז לחלוטין ניטאָ וואָס צו זאָגן אויסער דעם, וואָס זיי זיינען יונגע. דער מאָנאַך איז פּלוצים באַגייסטערט געוואָרן און האָט געזאָגט:

— גיי אַהין, טאַיס, גיי! אָבער איך וועל דיך ניט אָפּלאָזן, איך גיי מיט דיר אויף דער שמחה און וועל זיצן נעבן דיר און שווייגן.

זי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. און בעת די צוויי שוואַרצע שקלאַפּינס האָבן זיך געדרייט אַרום איר, האָט זי אויסגעשריגן:

— וואָס וועלן זיי זאָגן, אַז זיי וועלן זען, אַז מיין געליבטער איז אַ מאָנאַך פון טעבאַיד?

In memory of dearly beloved
Geraldine (Gerry) Friedman
DONATED BY HER FATHER
TO THE
MOUNT SINAI SANATORIUM

III.

דער מאַלצייט.

בעת טאַיס איז צוזאַמען מיט פּאַפנוטיוסן אַריין אינם זאַל, ווו ס'איז פֿאָרגעקומען דער מאָלצייט, זיינען שוין דאָס רוב געסט געזעסן אָנגעלענט אויף די היסב־בעטן, ביי די האַלב־קיילעכדיקע טישן, וואָס זיינען געווען אָנגעשטעלט מיט שימערירנדיקן געפּעס. אין מיטן טיש איז געשטאַנען אַ זילבערנע וואַזע, מיט עטלעכע רינוועס, פון זיי האָט זיך געגאָסן אַ ראָסל, אין וועלכן ס'זיינען אומגעשווומען בעקאָכטע פיש. אַז טאַיס איז אַריין, האָבן זיך פון אַלע זייטן אויפגעהויבן אויסגעשרייען:

— זאָל לעבן די שוועסטער פון די כאַריטעס!

— זאָל לעבן די שווייגנדיקע מעלפּאָמענע, וואָס דערזעט אַלץ מיט אירע בליקן!

— זאָל לעבן די, וואָס גאָט און מענטשן האָבן ליב!

— זאָל לעבן די אויסדערוויילטע!

— זאָל לעבן די, וואָס פאַרשאַפט ליידן און פריידן!

— דער פערל פון ראַקאָטיס!

— די רויז פון אַלעקסאַנדריע.

זי האָט אָפּגעוואַרט אומגעדולדיק ביז דער שטראָם פון די באַגריסונגען איז אַריבער און האָט געזאָגט צום בעל־הבית:

— לוציוס, כ'האָב דיר געבראַכט צו פירן אַ מאָנאַך פון מדבר, פּאַפנוטיוסן, דעם גלח פון אַנטינאָע. ס'איז אַ גרויסער און הייליקער מאַן און זיינע ווערטער ברענען, ווי מיט פייער.

לוציוס אַורעליוס קאָטאַ, דער פּרעפעקט פון די שיפן, האָט זיך אויפגעהויבן:

— כ׳באַגריס דיך, פּאַפּנוטיוס, דיך, וואָס גלויבסט אין דער קריסט־לעכער אמונה. איך אַליין אַכט, אגב, דעם קולט, וואָס איז פון איצט אָן געוואָרן אַ מלוכהשער. דער געטלעכער קאָנסטאַנטינוס האָט דיינע גלויבנס־הברים געמאַכט פאַר די ערשטע פריינט פון דער מלוכה. די לאַטיינישע חכמים האָבן באמת באַדאַרפט אַריינגעמען דיין יעזוס אין זייער פּאַנטעאָן. אונזערע פאָטערס האָבן תמיד גע־האַלטן, אַז אין יעדן גאָט איז פאַראַן עפּעס געטלעכס. אָבער לאָמיר ניט רעדן דערפון. לאָמיר טרינקען און פריילעך זיין, כל זמן מיר האָבן צייט.

דער אַלטער קאָטאַ איז געווען קאָנטעט. ער האָט נאָר וואָס אויסגעשטודירט אַ נייען מאָדעל פון אַ שיף און פאַרענדיקט דאָס זעקסטע בוך פון זיין געשיכטע וועגן די קאַרטאַגענער. ער איז זי־כער געווען, אַז זיין צייט איז נישט געגאַנגען לאבוד און איז צו־פרידן געווען מיט זיך אַליין און מיט די געטער.

— פּאַפּנוטיוס,—האָט ער צוגעגעבן,—דו האָסט דאָ פאַר זיך מענטשן, וואָס זיינען ראוי מ׳זאָל זיי ליב האָבן: הערמאָדאָר דער גרויסער פּריסטער פון סעראַפּיס, די פילאָזאָפן ניקיאָס און זענאָטע־מיס, דער פּאָעט קאַליקראַטעס, דער יונגער כערעאָס און דער יונ־גער אַריסטאָבולאָס, צוויי זין פון מיינעם אַ יוגנט־פריינט. נעבן זיי פילינאַ און דראָזע, וואָס זיינען ווערט מ׳זאָל זיי לויבן פאַר זייער שיינקייט.

ניקיאָס איז צוגעגאַנגען, אַרומגענומען פּאַפּנוטיוסן און האָט אים געזאָגט אויפן אויער:

— איך האָב דיר, ברודער, פריער געזאָגט, אַז ווענוס איז מעכטיק. דאָס האָט איר צאַרטע קראַפט דיך אַראָפּגעבראַכט אַהער. הער, דו ביסט זייער אַ פרומער מאַן, אָבער אויב דו וועסט ניט מודה זיין, אַז זי איז די מוטער פון די געטער, וועסטו געוויס גיין צו גרונט. ווייס, אַז דער אַלטער מאַטעמאַטיקער מעלאַנטיוס פלעגט זאָגן: „אָן דער הילף פון ווענוס וואָלט איך ניט געקאָנט דערווייזן די אייגנשאַפטן פון אַ דרייעק“.

דאָריאָן, וואָס האָט אַ פּאָר רגעס באַטראַכט דעם ניי־אָנגעקומע־נעם, האָט פלוצים אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אויסגעשריגן:

— ס'איז ער, מיינע פריינט, זיין בליק, זיין באָרד, זיין טוניק, ס'איז ער אַליין! כ'האָב אים באַגעגנט אין טעאַטער, בעת אונזער טאַיִס האָט געוויזן אירע געטלעכע הענט. ער איז געווען אויפגערעגט און האָט גערעדט מיט צאָרן. ס'איז אַן ערלעכער מאַן, ער וועט פֿון אונז אַלעמען מאַכן אַ תל. ער איז אַ מוראדיקער רעדנער. אויב מאַרקוס איז דער פּלאַטאָן פון די קריסטן, איז פּאַפנוטיוס זייער דעמאָסטענעס. עפּיקורוס האָט ביי זיך אין גאָרטן קיינמאָל ניט געהערט אַזוינע רעדעס!

בעת מעשה האָבן פיליִנאַ און דראָזע געגעסן טאַיִס מיט די אויגן. אויף אירע בלאָנדע האָר האָט זי געטראָגן אַ קראַנץ פון בלאַסע פיילכן. יעדער בלימל האָט דערמאַנט אָן דער פאַרב פֿון אירע אויגן, מער ניִשט די בלומען זיינען געווען טונקעלער אַ ביסל, און ס'האָט זיך שוין געדאַכט, אַז די אויגן אירע זיינען ליכטנדיקע בלומען און די בלומען זיינען אויסגעלאָשענע בליקן. אויף דער פרוי האָט צַלץ געלעבט, זי איז געווען אַ גאַנצע האַרמאָנישע נשמה. איר בלאַס־בלוי קלייד, אויסגענייט מיט זילבער, האָט פאַרבאָרגן אין די לאַנגע פאַלדן עפּעס אַ מין צאַרטן אומעט און ס'האָבן אים ניט לעבעדיקער געמאַכט ניט די האַלזבאַנדן, ניט די בראַנזועלעטן, און דער גאַנצער גלאַנץ פון איר מלבוש איז באַשטאַנען בלויז אין די נאַקעטע אָרעמס. אירע צוויי פריינדינס זיינען ניט ווילנדיק געווען אין התפעלות פון איר אָנטאָן זיך, פון אים פאַרקעמען זיך, זיי האָבן אָבער מכוח דעם איר גאָרניִשט ניט געזאָגט.

— ס'אַראַ שיינע דו ביסט! — האָט איר געזאָגט פיליִנאַ. — בעת דו ביסט געקומען קיין אַלעקסאַנדריע, ביסטו ניט שענער געווען. מיין מוטער, וואָס געדענקט דיך פון דעמאָלט אָן, זאָגט, אַז ווייניק פרויען זיינען ווערט געווען מ'זאָל זיי פאַרגלייכן מיט דיר.

— ווער איז ער, — האָט געפרעגט דראָזע, — אָט דער נייער געליבטער, וואָס דו האָסט געבראַכט צו אונז? ער האָט אַ מאָדנעם אַ ווילדן אויסזען. ווען ביי עלפאַנטן וואָלטן געווען פריסטערס, וואָלטן זיי געוויס געווען ענלעך צו אים. ווו האָסטו געפונען, טאַיִס, אַזאַ ווילדן פריינט? אפשר צווישן די טראָגלאָדיטן, וואָס וווינען אונטער דער ערד און זיינען שטענדיק פאַרשמירט אין רויך?

פּילינאַ האָט געלייגט אַ פינגער דראָזען אויף די ליפּן:

— ווער אַנטשוויגן! סודות פון ליבע טאָר מען ניט אַנטפּלעקן, איך אַליין וואָלט בעסער מסכּים געווען זיך צו קושן מיטן פלאַמענ־דיקן באַרג עטנאַ, איידער באַקומען אַ קוש פון דעם דאָזיקן מענטשן. אָבער אונזער ווילדע טאַיס, וואָס איז שיין און ליב, ווי די געטינס, באַדאַרף, ווי די געטינס, אויסהערן אַלערליי תּפילות, און ניט, ווי מיר, וואָס הערן אויס נאָר פון יענע, וועלכע געפעלן אונז.

— היט זיך, איר ביידע, — האָט געענטפערט טאַיס,—ער איז אַ שטערנזעער און מכשף. ער הערט די סאַמע שטילסטע שמועסן און אפילו געדאַנקען. ווען איר וועט שלאָפן, וועט ער אייך אַרויסרייסן די הערצער און אויף זייער אָרט אַריינלייגן שוואָמען, און מאָרגן וועט איר טרינקען וואַסער און דערשטיקט ווערן.

זי האָט געזען, ווי זיי זיינען בלייך געוואָרן, געקערט זיך צו זיי מיט דער פּלייצע און געזעצט זיך אויפן געלעגער נעבן פּאַפּ־נוטיוסן. די וויכע און דאָך באַפוילנדיקע שטים פון גאָט האָט פּלוצים אָפּגעשטעלט די אַלע אינטים מורמלענדיקע שמועסן.

— פריינט! זאָל יעדערער פון אייך פאַרנעמען זיין פּלאַץ! קנעכט, גיסט אָן דעם האָניק־ווייַן!

דערנאָכדעם האָט דער בעל־הבית אויפגעהויבן זיין כּוס:

— לאָ'מיר טרינקען צום אַלעם ערשטן פאַרן געטלעכן קאָנ־סטאַנציוס און פאַרן זשעני פון דער מלוכה. דאָס פאָטערלאַנד דאַרף שטיין העכער פון אַלץ, אַפילו העכער פון די געטער, ווייל די גע־טער געהערן דעם פאָטערלאַנד.

אַלע אורחים האָבן צוגעטראָגן צו די ליפּן די פולע כּוסות.

איין פּאַפּנוטיוס האָט ניט געטרונקען, מחמת קאָנסטאַנציוס האָט פאַרפאָלגט דעם ניקעישן גלויבן, און ווייל דער קריסט האָט ניט קיין פאָטערלאַנד דאָ אויף דער ערד.

דאָריאָן האָט אויסגעטרונקען און געמורמלט:

— וואָס איז אַזוינס דאָס פאָטערלאַנד? אַ טייך, וואָס לויפט. ער בייט די ברעגן און באַנייט שטענדיק די כוואַליעס.

— כ'ווייס, דאָריאָן,—האָט אים געענטפערט דער בעל־הבית,— אַז דו ביסט ווייניק מקפּיד אויף בירגערלעכע ענינים און דו האַלטסט,

אַז דער אמתער חכם דאַרף בלייבן פרעמד די אַלע זאַכן. כ׳גלויב, להיפך, אַז אַן ערלעכער מאַן, באַדאַרף שטרעבן נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכע מלוכהשע אַרבעט, די מלוכה — ס׳איז אַ ווילער ענין!

הערמאָדאָר, דער גרויסער פּריסטער פון כעראָפּיס, האָט גע־נומען דאָס וואָרט:

— דאַריאַן האָט נאָר וואָס געפרעגט: וואָס איז אונדזער פאָטער־לאַנד? כ׳וועל אים ענטפערן: פאָטערלאַנד — דאָס זיינען די מזבחות פון די געטער און די קברים פון אונזערע עלטערן. מיר זיינען בירגער פון איין לאַנד דערפאַר, ווייל מיר האָבן שותפותע זכרונות און האָפענונגען.

דער יונגער אַריסטאָבולאָס האָט אים איבערגעריסן:

— כ׳שווער ביי קאַסטאָראָס, כ׳האָב היינט געזען אַ ציכטיקן פערד. ס׳איז דעמאָפאָנס פערד. אַ טרוקענער קאָפּ, ניט קיין גרויסער קין און אַ גראָבער רוקן. דעם האַלז האַלט ער הויך און שטאָלץ, ווי אַ האָן.

דער יונגער כערעאַס האָט אָבער געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ס׳איז כלל ניט אַזאַ ווילער פערד, ווי דו זאָגסט, אַריס־טאָבולאָס. ער האָט שמאָלע טלאָען, נידעריקע קני און וועט זיך באַלד זעצן אויף די פיס.

זיי האָבן זיך נאָך געאַמפּערט, בעת דראָזע האָט פּלוצים אויס־געשריגן:

— כ׳האָב שיער ניט איינגעשלונגען אַ ביינדל פון פיש, אַ דינס און אַ שאַרפס, ווי אַ מעסער. צום גליק האָב איך עס באַצייטנס אַרויסגעשלעפּט פון האַלז. די געטער האָבן מיך ליב! די געטער האָבן מיך ליב!

— דו זאָגסט, מיין דראָזע, אַז די געטער האָבן דיך ליב? — האָט שמייכלענדיק געפרעגט ניקיאַס, — הייסט דאָס, אַז זיי פאַרמאָגן אַלע שוואַכקייטן פון מענטשן. דער, וואָס לעבט איבער אַ ליבע, פילט אַן אינעווייניקסטע עלנדקייט. די ליבע, ס׳איז דעם מענטשנס שוואַכקייט. אויב די געטער האָבן דיך ליב, איז אַ סימן, אַז זיי זיינען ניט פולקום.

ניקיאַס ווערטער האבן אַריינגעבראַכט דראזע אין גרימצארן:

— דאס, וואס דו זאגסט, ניקיאַס, איז אומגעלומפערט און ס'איז סתם אין דער וועלט אַריין. דו האסט אבער אזא טבע ניט צו פאַרשטיין דאס, וואס מ'זאגט דיר, און ענטפערן מיט פראַזעס, וואס האבן קיין שום זין ניט.

ניקיאַס האָט אַ שמייכל געטאָן:

— רעד, רעד מיין דראַזע, אויף אַלץ, וואָס דו זאָלסט ניט זאָגן, דאַרף מען דיר מודה זיין באַלד, ווי דו עפנסט אויף דיין מויל, דו פאַרמאָגסט דאָך אַזעלכע שיינע ציין.

אין זאַל איז אין דער רגע מיט לאַנגזאַמע טריט אַריין אַ געערטער זקן מיט אַן אויפגעהויבענעם שטאָלצן קאָפּ, ער האָט מיט אַ רויקן בליק באַטראַכט די אַלע אורחים.

קאָטאַ האָט אים אַ ווונק געגעבן, ער זאָל פאַרנעמען אַ פּלאַץ נעבן אים אויף זיין אייגענעם היסבּ־בעט.

— עווקריט,—האָט ער צו אים געזאָגט, כ'באַגריס דיין קומען! דו האָסט דעם חודש אָנגעשריבן אַ נייעם באַנד פילאָזאָפיע. אויב איך האָב קיין טעות ניט, וועט דאָס זיין דאָס צוויי און ניינציקסטע בוך, וואָס גייט אַרויס פון אונטער דיין פעדער, וועלכן דו פירסט מיט דיין אַטישער האַנט.

עווקריט האָט געענטפערט, גלעטנדיק די זילבערנע באָרד:

— דער פויגל איז באַשאַפן אויף צו זינגען און איך בין באַשאַפן אויף צו לויבן די אומשטאַרבלעכע געטער.

דאָריאָן. לאָמיר אין געשטאַלט פון עווקריט באַגריסן דעם לעצטן פון די סטאָיקער. אַ שטרענגער און אַ גרייז־גרויער שטייט ער דאָ צווישן אונז, ווי אַ בילד פון אונזערע אבות! ער איז איינזאַם צווישן דעם המון פון מענטשן און האַלט רעדעס, וואָס קיינער באַנעמט ניט.

עווקריט. דו האָסט אַ טעות, דאָריאָן. די פילאָזאָפיע פון יושר איז נאָך ניט אָפּגעשטאָרבן דאָ אויף דער וועלט. כ'האָב אַ סך תלמידים אין אַלעקסאַנדריע, אין רוים, אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. צווישן קנעכט און צווישן די פריינט פונם קיסר זיינען נאָך פאַראַן אַזעלכע, וואָס קאָנען געוועלטיקן איבער זיך, לעבן פריי און האָבן אַן אומ־

באַגרענעצטע הנאה פון אַלע זאַכן, וואָס האָבן קיין שום שייכות ניט צו דער קערפּערלעכער וועלט. אין איינציקע פון זיי לעבט ווידער אויף עפּיקטעטאָס און מאַרקוס אַורעליוס. נאָר אויב ס׳איז טאַקע אמת, אַז דער יושר איז פאַרשוווּנדן דאָ אויף דער ערד — איז וואָס האָט דאָס פאַר אַ שייכות צו מיין גליק, וויבאַלד ס׳הענגט אָפּ ניט פון מיר עס זאָל יאָ זיין צי ניט? נאָר משוגעים, דאָריאַן, שטרעבן צום גליק, וואָס געפינט זיך אויסער זייער ממשלה. איך פאַרלאַנג גאָרניט, וואָס די געטער פאַרלאַנגען ניט, און פאַרלאַנג אַלץ, וואָס זיי פאַרלאַנגען. אַדאַנק דעם בין איך ענדלעך צו זיי און האָב אַ חלק אין זייער אומשולדיקער פרייד. אויב דער יושר שטאַרבט אָפּ, בין איך מסכים ער זאָל אָפּשטאַרבן און דער הסכם גופא פאַרשאַפט מיר פרייד, ווייל ער איז די העכסטע אָנגעשטרענגטסטע דערגרייכונג פון מיין געדאַנק, צי פון מיין מוט. מיין חכמה וועט כסדר גיין נאָך דער חכמה פון די געטער און דאָס נאָכגעמאַכטע וועט מער ווערט זיין איידער דאָס אמתע. עס קאָסט דאָך אַזוי פיל מי און דאגות.

ניקיאַס. כ׳פאַרשטיי דו פאַרייניקסט זיך מיט די געטער. נאָר אויב די רעכטפאַרטיקייט באַשטייט בלויז אין אָנשטרענגונג, עווקריט, בלויז אינם שטרעבן, און נאָר אויף אַזאַ אופן ווילן די תלמידים פון זענאָן גלייך זיין צו די געטער — דעמאָלט האָט דער פראָש, וואָס בלאָזט זיך אָן, כדי צו אויסגלייכן זיך מיטן אָקס, דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון סטאָיציזם.

עווקריט. ניקיאַס, דו שפּאָטסט און ווי תמיד געלינגט דאָס דיר, אָבער אויב דער אָקס, מכּוח וועלכן דו רעדסט, איז אַזאַ גאָט, ווי אַפּיס, צי ווי אָט־אָ דער אונטערערדישער אָקס, צו וועמען ס׳דינט דער גרויסער פּריסטער, וואָס איך זע דאָ, און אויב דעם באַגייסטערטן פראָש געלינגט אויסגלייכן זיך מיט אים אין חכמה, איז ער דען דעמאָלט באמת ניט העכער פונם אָקס און דען קאָנסטו פאַרבאָטן אונז באַוווּנדערן אַזאַ שטאָלץ בריאהלע?

פיר דינער האָבן דערלאַנגט צום טיש אַ געבראָטענעם ווילדן חזיר. ס׳האָבן אים אַרומגערינגלט קליינע חזירימלעך, געקנאָטענע פון טייג, וואָס זיינען, כלומרשט, גרייט געווען אים צו זויגן — אַ סימן, אַז דער חזיר איז געווען אַ „זי".

זענאָטעמיס האָט, ווענדנדיק זיך צום מאָנאַך, געזאָגט:

— פרײַנט, איין אורח איז צו אונז היינט אַליין געקומען, דער באַוווסטער פּאַפנוטיוס, וואָס פירט אין מדבר אַ וווּנדערפול לעבן, איז היינט ביי אונז אַן אומדערוואַרטעטער גאַסט.

קאָטאַ. זאָג בעסער, זענאָטעמיס, אַז אים קומט דאָס ערשטע אָרט, ווייל ער איז געקומען ניט קיין איינגעלאַדענער.

זענאָטעמיס. אָט דערפאַר, ליבער לוציוס, דאַרפן מיר אים באַזונדערס פריינטלעך מקבל פנים זיין און גרייט זיין פֿאַרשאַפן אים וואָס מער באַקוועמלעכקייטן. ס'איז פֿאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ מענטש, ווי ער, שמעקט ווייניקער דער ריח פֿון געבראָטנס, איידער דער דופט פון שיינע געדאַנקען. מיר וועלן אָן ספק פֿאַרשאַפן אים פֿאַרגעניגן, אויב מיר וועלן שמועסן פֿון דער לערע פונם געקרייצטן יעזוס, פון דער לערע, אין וועלכער ער גלויבט. פֿון מיין צד וועל איך גערן נעמען אָנטייל אין אַזאַ מין שמועס, די לערע גייט מיר מער אָן, ווייל ס'איז אין איר פֿאַראַן אָן אַ צאָל פֿאַרשיידנאַרטיקע אַלעגאָריעס. ווען מ'זאָל טרעפן די כּוונה, וואָס ליגט דאָרט באַהאַלטן אין יעדן אות, וואָלט מען זען, אַז די לערע איז פול מיט אמת. און כ'גלויב, אַז די קריסטלעכע ביכער זיינען רייך מיט געטלעכע אַנטפּלעקונגען. אָבער איך קאָן, פּאַפנוטיוס, דעם זעלבן ווערט ניט געפינען אין די יידישע ספרים. די דאָזיקע האָבן באַקומען זייער השפעה ניט פֿון גאָט, ווי זיי זאָגן, נאָר פונם טייוול. יהוה, וואָס האָט זיי באַשאַפן, איז געווען איינער פון די גייסטער, וואָס באַזעצן די אונטערערדישע וועלט, און וואָס פֿאַרשאַפן אונז אָט די אַלע שלעק, פֿון וועלכע מיר ליידן. אָבער ער, יהוה, האָט זיי אַלעמען איבערגעשטייגט מיט זיין אומוויסנהייט און רשעות. און, אדרבא, פֿאַרקערט, דער שלאַנג מיט די גאָלדענע פליגלען, וואָס האָט אַרומגעוויקלט זיינע גאָלדענע רינגען אַרום דעם עץ הדעת, ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט ליכט און מיט ליבע. אויף אַזאַ אופֿן האָט געמוזט פֿאָרקומען אַ קאַמף צווישן די ביידע קרעפטן, איינע אַ שטראַלנדיקע און די צווייטע — אַ פינסטערע. דער קאַמף האָט אויסגעבראָכן אין די ערשטע טעג, ווען די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן-

גאָט האָט אָקאָרשט גענומען רוען פון זיין אַרבעט, אדם און חוה, דער ערשטער מאַנסביל און די ערשטע פרוי, האָבן געלעבט גליקלעכע און נאַקעטע אין גן־עדן, און גאָט האָט, צום אומגליק, פאַרטראַכט געוועלטיקן איבער זיי און אָנפירן מיט די דורות, וואָס חוה האָט שוין געטראָגן אין אירע פראַכטפולע געדערים. אָן אַ קאָמפּאַס, אָן אַ לירע, ניט זיינענדיק באהבנט ניט אין דער וויסנשאַפט, וואָס באַפוילט, ניט אין קונסט, וואָס איבערצייגט, האָט ער בלויז געשראָקן די אָרעמע צוויי באַשעפענישן מיט זיין אומגעלומפערטן באַווייזן זיך, מיט די פחדים און דונערן. אדם און חוה האָבן געפילט אויף זיך זיין שוואַרצן שאָטן און נאָך ענגער געדריקט זיך איינער צום צווייטן: דער שלאַנג האָט אויף זיי רחמנות געהאַט און באַשלאָסן אויפקלערן זיי, כדי די וויסנשאַפט זאָל זיי העלפן גובר זיין די פאַלשקייט. דאָ האָט מען באַדאַרפט זיין פאָרזיכטיק און די ערשטע מענטשלעכע פאָר איז געווען אָנמעכטיק ביז גאָר. דער ווילער שטן האָט אָבער געפרווט טאָן דערינען, אַז יהוה האָט אַלעמען איינגעשמועסט, אַז ער גיט, כלומרשט, אַכטונג אויף אַלץ, אינדערעמתן אָבער האָט ער ווייניק וואָס געזען. און אָן זיין וויסן האָט דער שלאַנג גענענט זיך צו די צוויי באַשעפענישן און זיי באַצױבערט מיטן גלאַנץ פון זיין פאַנצער און מיטן בליץ פון זיינע צוויי פליגלען. דערנאָכדעם האָט ער זיי באַוויזן פאַרשיידענע געאָמעטרישע פיגורן, וואָס ער האָט געמאַכט מיט זיין קערפער: אַ ראָד, אַן עליפס, אַ ספּיראַל, אָט די אַלע פיגורן, וואָס די גריכן האָבן שפעטער אָנערקענט און אויסגעלערנט אַלע זייערע וווּנדערלעכע אייגנשאַפטן. אדם האָט בעסער פון חוהן פאַרשטאַנען די דאָזיקע פיגורן. אָבער בעת דער שלאַנג האָט אָנגעהויבן רעדן און מאַכן זיי באַקאַנט מיט די העכערע אמתן, וואָס מ'קאָן זיי ניט דערווייזן, האָט ער דערזען, אַז אדם, וואָס איז באַשאַפן פון ליים, איז זייער מגושמדיק און איז ניט מסוגל צו פאַרשטיין דעם איידעלן ענין, און חוה, אדרבא, איז צאַרטער און פילבאַריקער און קאָן אַלץ באַנעמען. אָט דערפאַר האָט ער מיט איר פאַרבראַכט דעמאָלט, ווען דער מאַן איז ניט געווען מיט איר צוזאַמען, כדי זי זאָל די ערשטע ווערן אויפגעקלערט...

ד אָ ר י אָ ן. דערלויב, זענאָטעמיס, אָפשטעלן דיך דאָ. קודם כל

האָב איך איינגעזען אין דער מעשה, וואָס דו דערציילסט אונז, איינע אַ געשעעניש, וואָס האָט געטראָפן מיט פּאַלאַסאַטענע, בעת דער מלחמה מיט די ריזן. יהוה איז זייער ענלעך צו טיפּאָנען, און פּאַלאַס ביי די אַטענער האָט אַ שלאַנג ביי דער זייט. אָבער דאָס, וואָס דו האָסט נאָר וואָס געזאָגט, האָט מיך אַריינגעבראַכט אין ספק, צי איז באמת דער שלאַנג, מכּוח וועלכן דו דערציילסט, געווען אַ קלוגער און אַן אויפריכטיקער? ווען ער וואָלט טאַקע געווען אַ חכם, צי וואָלט ער פאַרגלויבט דען זיין חכמה דעם קליינעם פּרויען־קאָפּ, וואָס איז ניט פעיק זי אַריינצונעמען? כ׳דענק, אַז דער שלאַנג איז פּשוט געווען אַזאַ עם־הארץ און ליגנער, ווי יהוה, און אויסגעקליבן האָט ער חוהן דערפאַר, ווייל ער איז אויסן געווען זי פאַרפירן און ווייל ער האָט געמיינט, אַז אדם פאַרמאָגט מער שׂכל און מער רעפלעקסן.

זענאָטעמיס. זאָלסט וויסן, דאָריאָן, אַז די סאַמע ריינסטע און העכסטע אמתן באַנעמט מען ניט מיטן געדאַנק און שׂכל נאָר מיטן געפיל. די פרויען דענקען ווייניקער פון די מאַנסבילן, אָבער זיי פילן מער. און אָט דערפאַר קומט זיי אָן גרינגער אויפצוהויבן זיך צו די העכסטע געטלעכע אמתן. זיי פאַרמאָגן נביאישע פעיקייטן און ניט אומזיסט זיינען אַפּאָלאָ, סיטאַרעד און יעזוס פון נוצרת פאַרגעשטעלט אָפטמאָל, ווי פרויען אָנגעטאָן אין לאַנגע קליידער. מעגסט זאָגן וואָס דו ווילסט, דאָריאָן, דער שלאַנג האָט זייער קלוג געטאָן, וואָס ער האָט, אָנשטאָט דעם מגושמדיקן אדם אויסגעקליבן חוהן, וואָס איז געווען ווייסער פון מילך און פון די הימל־שטערן. זי האָט אים געהערט און געלאָזט זיך פירן צום בוים פון וויסנשאַפט, וועמענס צווייגן ס׳האָבן דערגרייכט ביז צום הימל און זיינען געווען באַדעקט מיט גאָטס גייסט, ווי מיט טוי. די בלעטער פון דעם דאָזיקן בוים האָבן גערעדט אויף די לשונות פון די קומענדיקע מענטשן און, פאַרייניקנדיק אַלע שטימען, פלעגן זיי שאַפן אַ וווּנדערבאַרע האַרמאָניע. די, וואָס פלעגן זיך שפּייזן פון אַלע זיינע פרוכטן, פלעגן באַקומען וויסן וועגן מעטאַלן, שטיינער, געוויקסן, וועגן פיזישע און מאָראַלע געזעצן. אָבער די פירות זיינען געווען פייערדיקע און דער, וואָס האָט מורא געהאַט פאַר טויט און פאַר ליידן,

האָט קיין העזה ניט געהאַט זיי נעמען צו די ליפּן. חוה האָט אויסגעהערט מיט קאָפּ די רייד פֿונם שלאַנג, האָט אָפּגעוואָרפֿן דעם אומזיסטיקן פּחד און פֿאַרגלוסט פֿאַרזוכן די פּרוכטן, וואָס גיבן די וויסנשאַפֿט פֿון גאָט. זי האָט אָבער ליב געהאַט אדמען און ניט געוואָלט ער זאָל שטיין נידעריקער פֿון איר, האָט זי אים גענומען פֿאַר אַ האַנט און צוגעפֿירט צום וווּנדערבאַרן עץ־הדעת.

זי האָט אַראָפּגעריסן אַ פֿייערדיקן עפּל, אַ ביס געטאָן און איבערגעגעבן אדמען. צום אומגליק האָט יהוה דעמאָלט געשפּאַצירט איבערן גאָרטן. ער האָט זיי געכאַפּט און דערזעענדיק, אַז זיי באַקומען וויסן פֿון גוטס און שלעכטס, איז ער שטאַרק אין כּעס געוואָרן. ער האָט געדונערט מיט כּוחות, אויפֿגעהויבן אַ מוראדיקן שטורעם אין דער אונטערערדישער לופֿט און שטאַרק דערשראָקן די ביידע שוואַכע באַשעפֿענישן. די פּרוכט איז אַרויסגעפֿאַלן פֿון אדמס הענט און חוה איז אַרויפֿגעפֿאַלן דעם אומגליקלעכן אויפֿן האַלדז און האָט אים געזאָגט: „איך וויל בלייבן אין אומוויסנהייט און ליידן מיט דיר צוזאַמען“. דער זיגער יהוה האָט געהאַלטן אין פּחד אדם מיט חוהן און געוועלטיקט איבער זיי און איבער זייערע קינדער. ער האָט געוווּסט די קונסט, ווי צו מאַכן גרויסע מעטעאָרן און האָט גובר געווען דעם שלאַנג, וואָס האָט געקאָנט מוזיק און געאָמעטריע. ער האָט אָנגעפֿילט די ערד מיט אומרעכט. ער האָט פֿאַרפֿאָלגט קינען און זיינע זין דערפֿאַר, ווייל זיי זיינען געווען הענדלער און ערפֿינדער און האָט פֿאַרטיליקט די פּלישתּים, ווייל זיי האָבן געשריבן אָרפֿישע פּאָעמעס און משלים, ווי עזאָפּוס. ער האָט תּכלית שנאה פֿיינט געהאַט וויסנשאַפֿט און שיינקייט, און מענטשן האָבן אין משך פֿון דורות מיט בלוט און מיט טרערן געמוזט אויסקויפֿן די מפּלה פֿונם שלאַנג. צום גליק האָבן זיך צווישן די גריכן געפֿונען אַזוינע איידעלע מענטשן, ווי פּיטאַגאָר און פּלאַטאָן און זיי האָבן מיט זייער גאָונישער קראַפֿט ווידער ערפֿונדן די פֿיגורן און געדאַנקען, וואָס יהוהס שׂונא האָט געפּרוווט דערווייזן דער פֿרוי. דער גייסט פֿונם שלאַנג האָט געלעבט אין זיי: אָט דערפֿאַר האָבן די אַטענער, ווי דאָריאָן האָט געזאָגט, געאַכטעט דעם שלאַנג. און גאָר ניט לאַנג האָבן זיך אינם מענטשלעכן געשטאַלט באַוויזן דריי הימלישע גייס-

טער, יעזוס פון גליל, באַזיליד און וואַלענטינוס, וועמען ס'איז געלונגען אַראָפּרייסן די סאַמע בעסטע פּרוכט פונם עץ־הדעת, פונם בוים, וואָס זיינע וואָרצלען זיינען אַריינגעגראָבן טיף אין דער ערד און די קרוין דערלאַנגט ביזן הימל. מיט דעם האָב איך געוואָלט פאַרטיידיקן די קריסטן, אויף וועלכע מ'וואַרפט אָפּט אַרויף די חסרונות פון די יידן.

דאָריאָן. אויב איך האָב דיך גוט פאַרשטאַנען, זענאָטעמיס, האָבן דריי וואונדערבאַרע מענטשן: יעזוס, באַזיליד און וואַלענטינוס — אַנטפּלעקט די סודות, וואָס זיינען געבליבן פאַרבאָרגן פאַר פּיטאַגאָר און פּלאַטאָן, פאַר אַלע גריכישע פילאָזאָפן, אפילו פאַרן געטלעכן עפּיקורוס, וואָס האָט באַפרייט דעם מענטשן פון אַלע נאַרישע פּחדים. דו וועסט אונז טאָן אַ טובה, אַז דו וועסט אונז זאָגן, ווי אַזוי האָבן די דריי שטערבלעכע דערגרייכט די וויסנשאַפטן, וואָס זיינען געווען פאַרהילט פאַרן געדאַנק פון די געלערנטע.

זענאָטעמיס. דאַרף מען דען דיר איבערחזרן, דאָריאַן, אַז די וויסנשאַפט און דער שכל זיינען נאָר די ערשטע שטופּעס פון וויסן און די התלהבות נאָר פירט צו די אייביקע אמתן.

הערמאדאר. אמת, זענאָטעמיס, די נשמה שפּייזט זיך מיט גייסטלעכע התפּעלות. אָט אַזוי ווי דער היישעריק מיט טוי נאָר לאָמיר זאָגן פיינקטלעכער: בלויז דער געדאַנק איז פעיק באַהעפטן זיך מיט גאָטהייט פון אַ גשמיותדיקן קערפּער, פון אַן איידעלער נשמה, וואָס איז פאָרט נאָך אַ גשם פון אַן אומשטערבלעכן געדאַנק. דער געדאַנק פאַרלאָזט דעם גוף, דעם פּלוצים שטיל און פוסט געוואָרענעם פּאַלאַץ, שניידט דורך, אינם פליען, די גאָרטנס פון זיין נשמה, באַהעפט זיך מיט גאָט און פילט די הנאה פון פריצייטיקן טויט, אָדער ריכטיקער, פונם קומענדיקן לעבן, ווייל שטאַרבן־הייסט לעבן און אין אָט דעם צושטאַנד, וואָס האָט אַ נאָענטע שייכות צו דער געטלעכער פולקומענהייט, פאַרמאָגט ער מיט אַמאָל אי די אומענדלעכע פרייד, אי די אַבסאָלוטע וויסנשאַפט. ער באַהעפט זיך מיט דער אייביקייט, וואָס איז בעצם אַלץ, ער איז פולקום.

ניקיאַס. דאָס איז פּראַכטפול. אָבער, באמת געזאָגט, הערמאָדאָר, זע איך ניט קיין גרויסן חלוק צווישן אַלץ און גאָרניש.

מיר דאַכט, אַז ס׳פעלן אונז אפילו די ווערטער אויף אויסצודריקן אָט דעם אונטערשייד. די אומענדלעכקייט איז מוראדיק ענלעך אויפן גאָרנישט—זיי ביידע זיינען אומדערגרייכבאַר פאַרן געדאַנק. ווי איך מיין, קאָסט די פולקומענהייט צו טייער: מ׳צאָלט פאַר איר מיטן גאַנצן וועזן, און כּדי צו דערגרייכן זי, דאַרף מען אויפהערן עקזיסטירן. גאָט אַליין איז ניט פּטור געוואָרן פון אָט־אָ־דער אומאָנגענעמלעכקייט, זינט די פילאָזאָפן האָבן זיך גענומען מאַכן אים פולקום. און נאָך דעם אַלעמען, איז ווײַבאַלד מיר ווייסן ניט, וואָס הייסט „ניט זיין“, ווייסן מיר, ממילא ניט, וואָס איז „זיין“. מיר ווייסן גאָרנישט. זאָגן זאָגט מען, אַז מענטשן זיינען ניט מסוגל צו פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן און אָט, ניט קוקנדיק אויף אונזערע טומלדיקע וכּוחים, דענק איך להיפּך, אַז סוף כּל סוף וועלן אַלע מענטשן מוזן מסכּים זיין איינער מיטן אַנדערן, בשעת זיי וועלן ליגן באַגראָבן אונטער די בערג פון ווידערשפּרוכן, וואָס זיי האָבן אָנגעוואָרפן, ווי פעליאָן אויף אָסאַ.

ק אָ ט אַ. כ׳האָב ליב זייער די פילאָזאָפיע און איך לערן זי אין מיינע פרייע שעהן. אָבער כ׳פאַרשטיי זי גוט בלויז פון ציצעראָס ביכער. קנעכט, גיסט אָן די בעכער מיט ווייַן!

ק אַ ל י ק ר אַ ט ע ס. אָט אַ מאָדנע זאַך! בשעת איך בין הונגעריק טראַכט איך מכּוח יענער צייט, ווען די טראַגישע דיכטער זיינען געזעסן ביי די גוטע טיראַנען אויף מאָלצייטן, און ס׳רינט מיר מיין שפּייעכץ פון מויל. אָבער, ווי נאָר איך פאַרזוך פונם דופּטיקן וויין, וואָס דו גיסט פון דער ברייטער האַנט, ווילער לוציוס, הויב איך אָן טרוימען בלויז פון בירגער־קריג און העלדישע מלחמות. כ׳ווער רויט פון בושה, דענקענדיק, אַז מיר וווינען אין אַזאַ צייט, וואָס האָט זיך ניט מיט וואָס צו באַרימען. כ׳רוף די פרייהייט און שטעל זיך פאָר אין טרוים, אַז כ׳פאַרגיס מיין בלוט צוזאַמען מיט די לעצטע רוימער אויף די שלאַכטפעלדער פון פיליפּ.

ק אָ ט אַ. בשעת די רעפּובליק איז אונטערגעגאַנגען, זיינען מיינע אבות אומגעקומען פאַר דער פרייהייט צוזאַמען מיט ברוטן, אָבער ס׳איז אַ סברה, אַז פרייהייט פונם רוימישן פאָלק האָט ביי זיי געהייסן בעצם ווערן אַליין בעלי־בתּים איבער אים. כ׳לייקן ניט, אַז

די פרייהייט איז דאָס העכסטע גליק פאַר דער אומה. אָבער וואָס מער איך לעב, אַלץ מער קום איך צו דער איבערצייגונג, אַז נאָר די שטאַרקע מאַכט קאָן די איינציקע פאַרזיכערן די פרייהייט. כ'האָב אין משך פון פערציק יאָר פאַרנומען פאַרשיידענע הויכע שטעלעס אין דער מלוכה און מיין לאַנגע ערפאַרונג האָט מיר באַוויזן, אַז דאָס פאָלק איז אונטערדריקט נאָר דעמאָלט, בעת די רעגירונג איז אַ שוואַכע. און יענע, וואָס ווילן, ווי דאָס רוב פון די רעטארישע רעדנער, אָפּשוואַכן די מאַכט, באַגייען זיי טאַקע אַ מוראדיקן פאַרברעך. איידער דער גרויסער רוימישער שלום האָט באַהערשט די וועלט, זיינען די פעלקער גליקלעך געווען נאָר דעמאָלט, ווען איבער זיי האָבן געוועלטיקט קלוגע דעספּאָטן.

הערמאָדאָר. וואָס איז שייך צו מיר, לוציוס, דענק איך, אַז ס'איז נאָר ניט במציאות קיין גוטע רעגירונגס־פאָרם, און ס'איז אוממעגלעך זי צו געפינען, וויבאַלד די קלוגע גריכן, וואָס האָבן ערפינדן אַזוי פיל גליקלעכע פאָרמען, האָבן אַזוי לאַנג געזוכט און סוף כל סוף גאָרניט ניט געפונען. פון איצט אָן איז שוין ניטאָ אויף וואָס צו האָפן. מיר האָבן קלאָרע באַווייזן, אַז די וועלט האַלט ביי אונטערגיין אין אומוויסנהייט און ווילדקייט. ס'איז אונז באַשערט, לוציוס, זיין ביי דער מוראדיקער גסיסה פון דער ציוויליזאַציע. פון אַלע פאַרגעניגנס, וואָס האָבן אונז פאַרשאַפט דער געדאַנק, די וויסנשאַפט און דער יושר איז אונז פאַרבליבן נאָר איין אכזריותדיקע פרייד—זען, ווי מיר שטאַרבן.

קאָטא. ס'איז אמת, אַז דער פאָלקס־הונגער און די העזה פון די באַרבאַרן קאָנען אַלץ פאַרטיליקן, אָבער מיט אַ גוטן פּלאַט, מיט אַ גוטער אַרמיי, מיט גוטע פינאַנסן.

הערמאָדאָר. צוליב וואָס זאָלן מיר זיך נאַרן? די באַרבאַרן חלשן באַרויבן די שטאַרבנדיקע מלוכה, די שכורע ווילדע וועלן איינגיכן פאַרניכטן און אַראָפּטראָגן די שטעט, וואָס דער עלענישער גייסט און דער רוימישער געדולד האָבן אויסגעבויט. די וועלט וועט ניט פאַרמאָגן מער ניט קיין קונסט, ניט קיין פילאָזאָפיע. די בילדער פון די געטער וועט מען אויסראָטן פון די טעמפּלען און פון די הערצער, ס'וועט אָנקומען אַ נאַכט פאַרן געדאַנק און אַ טויט

פֿאַר דער וועלט. איִז שייך דעם גלויבן באמת, אַז די טאַרמאַטן וועלן ווען עס איִז פֿאַרנעמען זיִך מיִט גייסטלעכער אַרבעט, אַז די גערמאַניִשע פֿעלקער וועלן אַנטוויִקלען די מוזיִק, די מאַרקאָמאַנען און די קוואַדן וועלן ליב באַקומען די אומשטאַרבלעכע געטער? גיין, אַלץ פֿאַלט און גייט צו גרונט. אָט דאָס אַלטע מצרים, וואָס איִז געווען די וויִג פֿון דער וועלט, וועט זיין איִר קבר. די שטאַרבלעכע בוקן זיִך צום לעצטן מאָל צו סעראַפּיִס דעם גאָט פֿון טויט, און איִך בין דער לעצטער כהן פֿונם לעצטן גאָט.

איִן דער רגע האָט עפּעס אַ מאָדנע געשטאַלט אונטערגעהויבן דעם טיִר־פֿאָרהאַנג און די געסט האָבן דערזען פֿאַר זיִך אַ קליינוויִנקיִקן הויקערדיִקן מאַן מיִט אַ פֿאַרשפּיִצטן פֿליִכיִקן קאָפּ. אָנגעטאָן איִז ער געווען אויפֿן אַזיאַטיִשן שטייגער איִן אַ לאַזור־מאַנטל און אויף די פּיִס האָט ער, ווי אַלע באַרבאַרן, געטראָגן רויטע הויזן, באַפּוצט מיִט גאָלדענע שטערן. פּאַפּנוטיוס האָט איִן איִם תיכּף דערקענט דעם אַריער מאַרקוס, און מורא האָבנדיִק, אַז אַ דונער וועט באַלד פֿאַלן פֿון הימל, האָט ער אויפֿגעהויבן די הענט איִבערן קאָפּ און איִז בלייך געוואָרן פֿון פּחד. ניִט די לעסטערונגען פֿון די געצנדיִנער אויף דעם דאָזיִקן טייוולשן מאָלצייט, ניִט די שרעקלעכע טעותן פֿון די פֿיִלאָזאָפֿן האָבן ניִט געוויִרקט אַזוי אויף פּאַפּנוטיוסן, ווי דאָס קומען פֿון דעם דאָזיִקן אפּיקורס. פּאַפּנוטיוס האָט געוואָלט אַנטלויפֿן, אָבער זיין אויג האָט באַגעגנט דעם בליִק פֿון טאַיס און ער האָט זיִך באַרויִקט. ער האָט דורכגעלייענט איִן איִר נשמה און פֿאַרשטאַנען, אַז אָט זי, וועמען ס׳איִז באַשערט צו ווערן אַ הייליִקע, היִט איִם שוין אָפּ. ער האָט זיִך אָנגעכאַפּט אָן דעם זוים פֿון איִר לאַנגן קלייד און האָט איִן געדאַנק תּפֿלה געטאָן צו יעזוס קריִסטוס.

אַ חניפֿה־מורמל האָט באַגריִסט אָט דעם, וועלכן מ׳האָט גערופֿן דער פּלאַטאָן פֿון די קריִסטן. הערמאדאר האָט זיִך צו איִם געווענדעט דער ערשטער:

— באַריִמטער מאַרקוס, מיִר אַלע זיינען צופֿריִדן, וואָס מיִר זעען דיִך דאָ צוויִשן אונז, און קומען פּונקט צו דער צייט. פֿון דער קריִסטלעכער תּורה ווייסן מיִר נאָר דאָס, וואָס מ׳לערנט אָפּן פֿאַר אַלעמען. ס׳איִז קלאָר, אַז אַזאַ פֿיִלאָזאָף, ווי דו, קאָן ניִט

דענקען אַזוי, ווי ס'דענקט דער פּראָסטער המון, און מיר זיינען נייגעריק צו וויסן דיין מיינונג מכּוח די הויפּט־סודות פון דער אמונה, אין וועלכער דו גלויבסט. אונזער ליבער זענאָטעמיס, וואָס האָט שטאַרק ליב סימבאָלן, ווי ס'איז דיר באַוווסט, האָט נאָר וואָס געפרעגט דעם באַרימטן פּאַפּנוטיוסן מכּוח די ביכער פון די יידן. אָבער פּאַפּנוטיוס האָט אים דערויף קיין שום ענטפער ניט געגעבן, און זאָל דאָס אונז ניט חדושן, אונזער גאַסט האָט דאָך גענומען אויף זיך אַ נדר צו שווייגן און גאָט האָט אים אין דער מדבר פאַרחתמעט זיין צונג. אָבער דו, מאַרקוס, דו טרעטסט אַרויס אויף די קריסטלעכע אספות, אפילו אויף די פאַרזאַמלונגען פונם געטלעכן קאָנסטאַנטינוס, דו קאָנסט בפירוש באַפרידיקן אונזער נייגעריקייט. אַנטפּלעקן אונז די פילאָזאָפישע אמתן, וואָס ליגן באַהאַלטן אין די קריסטלעכע משלים, דער ערשטער פון אָט די אמתן איז דאָך דער, אַז ס'איז פאַראַן אַן איינציקער גאָט, און וועלכן איך פון מיין צד גלויב אויף זיכער.

מאַרקוס. יאָ, חשובע ברודער, איך גלויב אין דעם איינציקן גאָט, אין דעם, וואָס איז קיינמאָל ניט געבוירן, דעם איינציק־אייביקן, דעם אָנהויב פון אַלע אָנהויבן.

ניקיאס. מיר ווייסן, מאַרקוס, אַז דיין גאָט האָט באַשאַפן די וועלט. ס'איז געוויס געווען דער גרעסטער איבערברוך אין זיין לעבן. ער האָט עקסיסטירט אודאי אין משך פון אַן אייביקייט, איידער ער האָט זיך באַשלאָסן דאָס צו טאָן. אָבער איך וויל זיין אויפריכטיק און מודה זיין, אַז זיין לאגע איז געווען זייער אַ שווערע. כּדי צו זיין פולקום, האָט ער באַדאַרפט בלייבן אומטעטיק, אָבער ער האָט געמוזט עפּעס טאָן, כּדי דערווייזן זיך גופא, אַז ער איז פאַראַן. דו פאַרזיכערסט, אַז ער איז געווען טעטיק. כ'וויל דיר גלויבן. הגם אַ פולקומענעם גאָט קאָן מען אַזאַ אומפאָרזיכטיקייט ניט מוחל זיין. אָבער זאָג אונז, מאַרקוס, ווי האָט זיך אים איינגעגעבן צו באַשאַפן די וועלט?

מאַרקוס. אַזעלכע לייט, ווי הערמאַדאָר און זענאָטעמיס, וואָס זיינען ניט קיין קריסטן, אָבער זיינען דאָך באַקענט מיט די עיקרים פון דער וויסנשאַפט, — ווייסן, אַז גאָט האָט ניט באַשאַפן די וועלט

אומטײַטלבער אָן א צוויִשנקראַפט. ער האָט געבוירן זיין אייגנאייגענציִקן זון און יענער האָט אַלץ באַשאַפן.

הערמאָדאָר. דו זאָגסט אמת, מאַרקוס. און דעם דאָזיקן זון פאַרגעטערט מען אונטער פאַרשיידענע נעמען: הערמעס, מיִטראַדאָניִס, אַפּאָלאָ און יעזוס.

מאַרקוס. כ'וואָלט לגמרי ניִט געווען קיין קריִסט, אויב כ'וואָלט איִם געהערט, אַנדערש: פאַר מיִר טראָגט ער דעם נאָמען פון יעזוס, פון קריִסטוס, פון ערלייזער. ער איִז דער אמתער זון פון גאָט, אָבער ער איִז ניִט אייביִק, ווייל ער האָט אַן אָנהויב. וואָס איִז שייך צו דער מיינונג, אַז ער האָט עקסיִסטיִרט איידער ער איִז געבוירן געוואָרן — איִז דאָס אַ נאַרישקייט, וואָס פּאַסט פאַר די ניקעיִשע אייזלען, פאַרן פאַרעקשנטן מויל־אייזל, דעם פאַרפלוכטן אַטאַנאַזוס, וואָס האָט געוועלטיִקט אַזוי לאַנג איִבער אַלעקסאַנדריער קלויסטער.

דערהערנדיִק דאָס דאָזיִקע, איִז פּאַפנוטיוס בלייך געוואָרן, באַגאָסן זיך מיִט קאַלטן שווייס, זיך איִבערגעצלמט און ווידער געזעסן און פאַרעקשנט געשוויגן.

מאַרקוס האָט ווייטער גערעדט:

— ס'איִז קלאָר, אַז דער ניִקעיִשער סימבאָל פאַרמיִנדערט די גרויסקייט פונם אייגנאיינציִקן גאָט, ווייל ער צווינגט איִם צו טיילן זיין אומטיילבאַרן מהות מיִט זיין אייגענעם זון, דורך וועלכן אַלץ איִז געווען באַשאַפן. ניִקיאַס, געבנוג שוין די אויסצולאַכן דעם אמתן גאָט פון די קריִסטן. ווייס, אַז ער איִז געגליִכן צו די פעלד־ליליען, ער אַרבעט ניִט און שפּיִנט ניִט. ניִט ער איִז דער אַרבעטער, נאָר זיין אייגנאייגנציִקער זון יעזוס, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט און איִז שפּעטער געקומען פאַרריִכטן זיין אַרבעט. ווייל דאָס באַשאַפענע האָט ניִט געקאָנט זיין פולקום און דאָס שלעכטס האָט זיך צוזאַמענגעמיִשט מיִט דאָס גוטס.

ניִקיאַס. וואָס איִז אַזוינס גוטס און וואָס איִז שלעכטס?

אויף אַ רגע איִז שטיל געוואָרן. הערמאָדאָר האָט אויסגעצויגן די האַנט איִבערן טיִשטוך און האָט אָנגעוויִזן אויף אַ קליינעם אייזל פון קאָריִנטיִשן מעטאַל, וואָס איִז געווען אָנגעלאָדן מיִט צוויי קאָרבן — איינער אַן אָנגעפּיִלטער מיִט שוואַרצע איילבערטן, דער צווייטער — מיִט ווייסע.

— איר זעט אָט די איילבירטן,-האָט ער געזאָגט-אונזער בליק האָט הנאה פון די צוויי פאַרשיידענע פאַרבן און ס'איז אונדז געפעלן, וואָס אָט די איילבירטן זײַנען דווקא ווײַסע און יענע שוואַרצע. אָבער, ווען די איילבירטן וואָלטן געקאָנט פאַרשטיין און דענקען, וואָלטן די ווײַסע געזאָגט: ס'איז גוט, ווען אַן איילבירט איז ווײַס, און שלעכט, ווען ער איז שוואַרץ, און דאָס פאָלק פון די שוואַרצע איילבירטן וואָלט פײַנט געקראָגן דאָס פאָלק פון די ווײַסע איילבירטן. מיר אָבער דענקען בעסער פון זיי מכּוח דעם ענין, ווײַל מיר שטייען העכער פון זיי אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל די געטער שטייען העכער פון אונז. פאַרן מענטשן, וואָס זעט נאָר איין טייל פון אַלע זאַכן, איז דאָס שלעכטס-שלעכטס. פאַר גאָט אָבער, וואָס פאַרשטייט אַלץ, איז דאָס שלעכטס-גוטס. דאָס העסלעכע איז אָן ספק העסלעך און ניט שיין, אָבער, אויב אַלץ וואָלט געווען שיין, וואָלט דאָס גאַנצע ניט געווען שיין. הייסט עס, אַז ס'איז גוט, וואָס ס'איז פאַראַן שלעכטס, ווי ס'האָט שוין דערוויזן דער צווייטער פלאַטאָן, וואָס איז גרעסער פונם ערשטן.

ע ו ק ר י ט. לאָ'מיר רעדן מיט מער ערנסט. דאָס שלעכטס איז שלעכט ניט פאַר דער וועלט: איר קאָן גאָרניִשט שאַטן, ווײַל די האַרמאָניע קאָן ניט חרוב ווערן. דאָס שלעכטס שאַדט בלויז דעם שלעכטן, וואָס טוט עס און וואָס האָט געקאָנט עס ניט טאָן.

ק אָ ט אַ. איך שווער בײַ יופּיטער, ס'איז אַ גוטער געדאַנק!

ע ו ק ר י ט. די וועלט איז אַ טראַגעדיע פון אַ גלענצענדן דיכטער. גאָט, וואָס האָט זי באַשאַפן, האָט יעדן פון אונדז אָנגעמערקט זײַן ראָל. אויב ער וויל, דו זאָלסט זײַן אַן אָרעמאַן, אַ מלך אָדער אַ הינקעדיקער, פיל אויס וואָס בעסער די ראָל פון דער פּערזאָן, וואָס דיר איז אויסגעקומען צו שפּילן.

נ י ק י אַ ס. בכּן, דאַרף דער הינקעדיקער אין דער טראַגעדיע הינקען, ווי העפעסטאָס. זאָל דער משוגענער זײַן משוגע, ווי אַיאַקס, יאָל די פאַרשייטע פרוי באַנייען דעם פאַרברעך פון פעדראַ, דער פאַררעטער דאַרף פאַררעטן, דער רמאי—שווינדלען, דער גזלן—הרגענען; און בעת די פּיעסע וועט זײַן אויסגעפירט ביזן סוף, וועלן די אַלע אַרטיסטן: מלכים, צדיקים, בלוטיקע טיראַנען, הייליקע

בתולות, פֿאַרשייטע נקבות, גרויסמויִקע בירגער און שענדלעכע מערדער–זיי אַלע וועלן באַקומען פֿונם דיכטער אַ גלייכן דאַנקבאַרן חלק.

ע ו ו ק ר י ט. דו מאַכסט אַ תּל פֿון מיין געדאַנק, ניקיאַס, און פֿאַרוואַנדלסט אַ שיין מיידל אין אַ מאוסער גאָרגאָנע. ס׳פֿאַרדריסט מיך אויף דיר, וואָס דו פֿאַרשטייסט ניט דעם עצם מהות פֿון די געטער, דו ווייסט ניט די אייביקע געזעצן.

ז ע נ אָ ט ע מ י ס. און איך, מיינע פֿריינט, איך גלויב, אַז ס׳איז טאַקע פֿאַראַן שלעכטס און גוטס ממש. אָבער כ׳בין איבערצייגט, אַז יעדער מענטשלעכער טאַט, אפֿילו דער קוש פֿון יהודה פֿון קאַריאָט פֿאַרמאָגט אין זיך אַ קערנדל אַזוינס, וואָס קאָן קריגן תּיקון. דאָס שלעכטס ברענגט צו דער ענדגילטיקער רעטונג פֿון דער מענטשהייט. אין דעם זינען שטאַמט עס פֿון גוטס און פֿאַרמאָגט דיזעלבע מעלות. די קריסטן האָבן דאָס אַזוי שיין אויסגעדריקט אין דער מעשה מכּות אָט דעם רויטהאָריקן מאַן, וואָס האָט פֿאַרראַטן זיין האַר און גע-געבן אים אַ קוש, און מיט דעם טאַט האָט ער פֿאַרזיכערט די רע-טונג פֿון די מענטשן. איך דענק, אַז אייביקע פֿון פּאַוולוסעס תּלמידים פֿילן צום אומגליקלעכסטן פֿון יעזוסעס שלוחים אַן אומגערעכטע און אומזיסטע שנאה, זיי נעמען ניט אין אַכט, אַז דעם קוש פֿון יהודה האָט אַליין יעזוס פֿאָרויסגעזאָגט און לויט זייער אייגענער לערע איז אָט דער קוש זיי נויטיק אויף אויסצולייזן די מענטשן. און אויב יהודה וואָלט ניט געווען באַקומען דעם בייטל מיט די דריי-סיק זילבערנע שקלים, וואָלט גאָטס חכמה געווען אָפּגעלייקנט, זיינע כּוונות וואָלטן פֿאַרפֿאַלן גיין און די וועלט וואָלט זיך אומקערן צום שלעכטס, צו אומוויסנהייט, צום טויט.

מ אַ ר ק ו ס. גאָטס חכמה האָט פֿאָרויסגעזען, אַז יהודה, וואָס איז געווען פֿריי צו געבן אָדער ניט געבן דעם פֿאַררעטערישן קוש, וועט אים פֿאָרט געבן. און יהודהס פֿאַרברעך איז אויף אַזאַ אופֿן געוואָרן דער ווינקלשטיין פֿאַרן וווּנדערבאַרן בנין פֿונם תּיקון פֿאַר דער וועלט.

ז ע נ אָ ט ע מ י ס. כ׳האָב נאָר וואָס מיט דיר גערעדט, מאַרקוס, גלייך, ווי איך גופֿא וואָלט געגלויבט, אַז די גאולה פֿון דער מענטש-

הייט איז פאָרגעקומען אַ דאַנק דעם געקרייצטן יעזוס. אינדערעמתן אָבער האָב איך מסכּים געווען מיטן קריסטלעכן געדאַנק, נאָר כּדי בעסער צו באַווייזן דעם טעות פון די יעניקע, וואָס גלויבן, אַז יהודה איז אויף אייביק פאַרמשפּט. יאָ. אין מיינע אויגן איז יעזוס בלויז דער פאָרלויפער פון באַזיליד און וואַלענטינוס און וואָס איז שייך דעם סוד פון תּיקון, וועל איך, טייערע פריינט, אויב איר זיינט נייגעריק צו הערן, דערציילן, ווי דאָס איז אינדעראמתן פאָרגעקומען אויף דער ערד.

די יעסט האָבן מסכּים געווען אויפן ווונק.

איך זאַל זיינען אַריין צוועלף וונגע מיידלעך. ווי די אַטענער בתולות מיט די הייליקע קאָרבן פון דער געטין צערעס—האָבן זיי געטראָגן אויף די קעפּ קאָרבן מיט מילגרוימען און עפּל. זיי זיינען אַריין מיט לייכטע טריט, באַגלייט פון קלאַנגען פון אַן אומגעזעענער פלייט. זיי האָבן אַוועקגעשטעלט די קאָרבן אויפן טיש, די פלייט איז אַנטשוויגן געוואָרן, און זענאָטעמיס האָט ווידער גערעדט:

— בעת די עוונאָיע, גאָטס געדאַנק, האָט באַשאַפן די וועלט, האָט זי אָפּגעגעבן די מלאכים, זיי זאָלן געוועלטיקן איבער דער ערד. די דאָזיקע האָבן אָבער ניט געהיט די ריינקייט, וואָס פּאַסט פאַר רעגירער. די טעכטער פון די מענטשן זיינען געווען שיינע, מלאכים האָבן זיי דערזען, באַפאַלן זיי און באַהעפט זיך מיט זיי. פון די חתונות איז געבוירן געוואָרן אַ בייזע אומה, וואָס האָט באַדעקט די ערד מיט אכזריותדיקע און אומגערעכטיקע מעשׂים און דער שטויב פון די וועגן האָט געטרונקען דאָס אומשולדיקע בלוט. עוונאָיע, גאָטס געדאַנק, האָט דאָס אַלץ געזען, זי האָט זיך באַטראַכט און ס'האָט זי באַפאַלן אַ שווערער אומעט:

— אָט דאָס האָב איך אָפּגעטאָן!—האָט זי געזיפצט, אַראָפּקוקנדיק אויף דער ערד.—איך בין שולדיק, וואָס מיינע אָרעמע קינדער מוזן פירן אַזאַ ביטערן לעבן. זייערע ליידן איז מיין פאַרברעך און איך וועל עס אויסקויפן. אַליין גאָט, וואָס דענקט בלויז דורך מיר, וואָלט ניט ביכולת געווען צו אומקערן זיי זייער ערשטע ריינקייט. דאָס, וואָס איז אָפּגעטאָן, איז פאַרפאַלן, די שאַפונג בלייבט שוין אויף אייביק ניט קיין געלונגענע. אָבער איך, לכל הפּחות, וועל שוין

ניט פאַרלאָזן מיינע באַשעפעניש. אויב איך קאָן ניט מאַכן, זיי זאָלן זיין גליקלעך, ווי איך, קאָן איך אָבער זיין אומגליקלעך, ווי זיי. כ׳בין באַגאַנגען אַן עולה, וואָס איך האָב זיי פאַרקערפּערט אין נידעריקע גופים, וועל איך זיך אויך פאַרקערפּערן אין אַזאַ גוף און וועל גיין לעבן צווישן זיי.

נאָכדעם איז עוונאָיע אַראָפּ אויף דער ערד און האָט זיך פאַרקערפּערט אין די געדערים פון אַן אַרגיענישער פרוי. זי איז געבוירן געוואָרן אַ קליינע און אַ שוואַכע און האָט געקראָגן דעם נאָמען: „העלענאַ״. זי איז אינגיכן אויסגעוואַקסן, איז געוואָרן ליב און שיין און האָט געוועקט ליידנשאַפטלעכע פאַרלאַנגען מער פון אַלע פרויען, ווייל אַזוי האָט זי געוואָלט, אַז איר שטאַרבלעכער גוף זאָל אַליין איבערלעבן די שענדלעכסטע לוסט. זי איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון פאַרדאָרבענע און אויסגעלאַסענע מענטשן. זי האָט געטאָן אַלע מאוסטע עבֿרות און גוואַלדיקע פאַרברעכנס, כּדי אויסצוקויפן די חטאים פון אַלע אויסגעלאַסענע און פאַרפירטע. מיט איר שיינקייט האָט זי חרובֿ געמאַכט פעלקער, כּדי גאָט זאָל קאָנען מוחל זיין די זינד פון דער וועלט. און קיינמאָל איז דער הימלישער געדאַנק, קיינמאָל איז עוונאָיע ניט געווען אַזוי באַליבט, ווי אין יענע טעג, ווען אין געשטאַלט פון אַ פרוי האָט זי געזיניקט מיט העלדן און מיט פאַסטוכער. די דיכטער האָבן געפילט איר געטלעכקייט, דערפאַר פלעגן זיי זי מאָלן אַזאַ רויִקע, דערהויבענע און פאַטאַלע, דערפאַר פלעגן זיי צו איר אויסרופן: „רויִקע נשמה, ווי רויִקער ים!״

אויף אַזאַ אופן האָט עוונאָיע פון רחמנות וועגן איבערגעלעבט לייד און פּיין. זי איז געשטאָרבן. און די איינוווינער פון אַרגאָס באַווייזן אַלעמען איר קבֿר. זי האָט באַדאַרפט וויסן פון טויט נאָך אַ לעבן, וואָס איז פול געווען מיט הנאה, און באַדאַרפט האָט זי פאַרזוכן די ביטערע פרוכט, וואָס זי האָט פאַרזייט. אָבער נאָך דעם, ווי זי האָט זיך אַרויסגעריסן פונעם צעפוילטן גוף, וואָס האָט געהייסן „העלענאַ״, האָט זי זיך פאַרקערפּערט אין געשטאַלט פון אַן אַנדער פרוי און ווידער זיך מקריבֿ געווען אויף שאַנד און באַליידיקונגען. און וואַנדלענדיק אַזוי פון גוף צו גוף, נעמט זי אויף זיך די זינד

פון דער וועלט. און אַט דעם קרבן ברענגט זי ניט אומזיסט. זי איז פאַרבונדן מיט אונז קערפּערלעך, זי האָט ליב און זי פּלאָגט זיך צוזאַמען מיט אונז, וועט זי אויסלייזן אי זיך אי אונז, און אויף איר ווייסער ברוסט וועט זי אונז ברענגען בשלום צום הימל, וואָס וועט אויפּסניי באַזיגט ווערן.

הערמאָדאָר. די מעשה איז מיר נישט אומבאַקאַנט. ס'געדענקט זיך מיר, מ'האָט דערציילט, אַז אין איינע פון אירע איבערוואַנדלונגען האָט די געטלעכע העלענאַ געלעבט ביים שטערנזעער סימאָן, בעת טיבעריוס איז געווען קיסר, נאָר כ'האָב תּמיד געטראַכט, אַז זי האָט געזינדיקט ניט ווילנדיקערהייט און, אַז די מלאָכים האָבן זי אַריינגעצויגן אין זייער חטא.

זענאָטעמיס. הערמאָדאָר, ס'איז אמת, מענטשן, וואָס זיינען ווייניק באַקאַנט מיט די מיסטעריען-סודות, מיינען, אַז די אומעטיקע עוונאָיע האָט ניט מסכּים געווען זינדיקן. אָבער, אויב דאָס וואָלט געווען, ווי זיי מיינען, וואָלט עוונאָיע ניט געווען קיין זינדיקע ערלייזערין, דער קרבן, וואָס איז באַדעקט מיט אונזער שמוץ, דער ברויט, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט וויין פון אונזער שאַנד, די אָנגענעמע מתּנה, דער באַדייטנדיקער געשאַנק, דער פייער-קרבן, וואָס טראָגט זיינע רויכן צו גאָט. ווען זיי וואָלטן ניט געווען קיין פריייווייליקע, אירע זינד, וואָלטן זיי ניט געקאָנט זיך פאַרוואַנדלען אין מעשים-טובים.

קאַליקראַטעס. צי ווייסט מען ניט, זענאָטעמיס, אין וועלכן לאַנד, אונטער וועלכן נאָמען, אין וועמעס ליבן געשטאַלט לעבט איצט אָט די דאָזיקע העלענאַ, וואָס ווערט תּמיד ווידער געבוירן.

זענאָטעמיס. אַנטפּלעקן דעם דאָזיקן סוד קאָן נאָר דער חכם, קאַליקראַטעס, און די חכמה געהערט ניט צו דיכטער, זיי לעבן אין דער פּשוטער וועלט פון פאָרמען און האָבן הנאה, ווי קינדער, פון קלאַנגען און נאַרישע בילדער.

קאַליקראַטעס. באַליידיק ניט די געטער, זענאָטעמיס, זיי האָבן ליב דיכטער. די ערשטע געזעצן האָבן אַליין די אומשטאַרבלעכע פאָרגעלייענט אין ליד, און די נביאות פון די געטער-דאָס זיינען פּאָעמען. די דיכטערישע הימנען קלינגען אָנגענעם פאַר די

הימלשע אויערן. און ווער ווייסט דאָס ניט, אַז די דיכטער זיינען טרעפער און ס'איז פון זיי גאָרנישט ניט פאַרהוילן. איך אַליין בין אַ דיכטער, אַ געקרוינטער מיט די לאָרבער פון אַפּאָלאָ, און איך וועל אַלעמען אַנטפּלעקן די לעצטע פאַרקערפּערונג פון הילענאַ. די אומשטאַרבלעכע איז געבן אייך: זי זעט אונז און מיר זעען זי. באַטראַכט אָט די פרוי, וואָס האָט זיך אָנגעלענט אויף די קישנס פון איר בעט, אַזאַ שיינע און פאַרטרוימטע, אירע אויגן זיינען פול מיט טרערן און די ליפּן וואַרטן אויף קושן. ס'איז זי! שיין ווי אין די צייטן פון פּריאַמוס, אין די צייטן פון דער בליענדיקער אַזיע. עוונאָיע טראָגט איצט דעם נאָמען טאַיס.

פּילינאַ. וואָס זאָגסטו, קאַליקראַטעס, אונזער טאַיס האָט געקענט פּאַריסן, מענעלאַאָס און די אַכעער, וואָס האָבן מלחמה גע־האַלטן ביי איליאָן? זאָג, טאַיס, דער טראָיאַנער פערד איז געווען אַ גרויסער?

אַריסטאָבולאָס. ווער רעדט דאָ פון פערד?

— כ'האָב זיך אָנגעזויפט, ווי אַ פּראַקיער! — האָט אויסגעשריגן בּערעאָס.

און ער איז אַרונטערגעפאַלן אונטערן טיש.

קאַליקראַטעס האָט אויפגעהויבן זיין כּוס:

— אויב מיר וועלן טרינקען פון יאוש, וועלן מיר שטאַרבן אָן נקמה.

דער אַלטער קאָטאַ איז געשלאָפן און זיין הוילער קאָפּ האָט זיך לאַנגזאַם געשאָקלט איבער זיינע ברייטע אַקסלען.

דאָריאָן איז פון אַ צייט געווען שוין, דאַכט זיך, אויפגערעגט, ניט קוקנדיק אויף זיין פילאָזאָפישן מלבוש. וואַקלענדיק האָט ער זיך גענענט צום געלעגער פון טאַיס:

— טאַיס, איך האָב דיך ליב, הגם ס'איז נידעריק פאַר מיר צו ליבן אַ פרוי.

טאַיס. פאַרוואָס האָסטו מיך ביז אַהער ניט געליבט?

דאָריאָן. וויל איך בין געווען ניכטער.

טאַיס. אָבער איך, מיין פריינט, האָב נאָך אויסער וואַסער,

גאָרנישט ניט געגומען אין מיין מויל, דערלויב מיר דעריבער דיך ניט ליב האָבן.

דאָריאָן האָט אָבער מער גאָרנישט ניט געוואָלט הערן, ער איז אַוועק צו דראָזע, וואָס האָט אים גערופן מיטן בליק, געוואָלט אים אָפנעמען ביי איר חברטע. זענאָטעמיס האָט פאַרנומען דאָס באַפרייטע פלאַץ און האָט אַ קוש געטאָן טאַיס אין די ליפן.

טאַיס. כ'האָב געמיינט, אַז דו ביסט חשובער.

זענאָטעמיס. איך בין פולקום און די פולקומע ווייסן ניט פון קיין געזעצן.

טאַיס. דו האָסט דען קיין מורא ניט טמא מאַכן די נשמה אין די אָרעמס פון אַ פרוי?

זענאָטעמיס. דער גוף קאָן פאָלגן דעם פאַרלאַנג און די נשמה קאָן בלייבן אומבאַריִרט.

טאַיס. אַוועק פון מיר! כ'וויל מ'זאָל מיך ליב האָבן מיטן גוף און מיט דער נשמה. אָט די אַלע פילאָזאָפן זיינען אמתע בעק!

די לאָמפן האָבן זיך אויסגעלאָשן איינס נאָכן אַנדערן. דער בלייכער טאָג וואָס איז דורכגעדרונגען דורך די שפאַלטן פון די פאָרהאַנגען, האָט באַשיינט די בלאַס-בלויע פנימער און די אָנגע-שוואָלענע אויגן פון די געסט. אַריסטאָבולאָס איז מיט צוזאַמענגע-דריקטע פויסטן אַנידערגעפאַלן נעבן כערעאַסן און האָט אין שלאָף געזידלט זיינע פערד-יונגען. זענאָטעמיס האָט אַרומגענומען די צע-שויבערטע פילינאַ. דאָריאָן האָט אויפן נאַקעטן האַלז פון דראָזע געגאָסן טראָפנס ווין. ווי רוביִנען האָבן זיי זיך אַראָפגעקייקלט פון דער ווייסער ברוסט, וואָס האָט זיך געוויגט פון געלעכטער, און דער פילאָזאָף האָט זיי געשלונגען גלייך פונם פייכטן לייב. עווקריט האָט זיך אויפגעהויבן, אַנידערגעלייגט די האַנט ניקיאַסן אויף דער פלייצע און אַוועקגעפירט אים ווייט אין זאַל.

— פריינט,—האָט ער אים שמייכלענדיק געזאָגט,—אויב דו טראַכסט עפעס, זאָג, מכוח וואָס טראַכסטו?

— איך טראַכט, אַז די ליבע פון אַ פרוי איז דער גאָרטן פון אַדאָניס.

— וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן?

— ווייסטו דען ניט, עווקריט, אַז די פּרויען פלאַנצן אַלע יאָר קליינינקע גאָרטנס אויף זייערע טעראַסעס און אין וואַזאַנעס, אָנגע־פילטע מיט ליים, זעצן זיי צווייגן לכּבוד דעם געליבטן פון ווענוס? די דאָזיקע צווייגן גרינען אַביסל צייט און דערנאָכדעם וועלקן זיי.

— וואָס מאַכט עס אויס, ניקיאַס, ס'איז אַ משוגעת זיין צוגע־בונדן צו דעם, וואָס פאַרשווינדט.

— אויב די שיינקייט איז בלויז אַ שאָטן, איז דער פאַרלאַנג — אַ בליץ. און וואָס פאַר אַ משוגעת איז צו פאַרלאַנגען די שיינקייט? איז דען ניט בעסער, אדרבא, דאָס פאַרבייגייענדיקע זאָל אַוועקגיין צו דעם, וואָס דויערט ניט, און דער בליץ זאָל איינשלינגען דעם לויפנדיקן שאָטן?

— ניקיאַס, מיר דאַכט, אַז דו ביסט אַ קינד, וואָס שפּילט אין ביינדלעך. גלויב מיר: זיי פריי! נאָר אויף אַזאַ אופן קאָן מען זיין אַ מענטש.

— ווי אַזוי קאָן דער מענטש זיין פריי, עווקריט, בעת ער האָט אַ קערפּער?

— ווערסט דאָס תּיכּף זען, מיין זון. דו וועסט באַלד זאָגן: עווקריט איז געווען אַ פרייער מענטש.

דער אַלטער האָט גערעדט, אָנלענענדיק זיך אויף אַ זייל פון פּאָרפיר, און זיין געזיכט איז געווען איינגאַנצן באַלויכטן מיט די ערשטע באַגינען־שטראַלן. הערמאָדאָר און מאַרקוס האָבן זיך גענענט צו זיי, געשטעלט זיך נעבן ניקיאַסן און ניט אַכטונק געבנדיק אויף די אַרומיקע געשרייען און געלעכטער, האָבן זיי זאַלבאַפערט גע־שמועסט וועגן געטלעכע ענינים. עווקריט האָט גערעדט אַזוי קלוג, אַז מאַרקוס האָט אים געזאָגט:

— דו ביסט ראוי צו דערקענען דעם אמתן גאָט.

עווקריט האָט געענטפערט:

— דער אמתער גאָט איז ביים חכם אין האַרצן. דערנאָכדעם האָבן זיי גערעדט וועגן טויט.

— איך וויל, — האָט געזאָגט עווקריט, — אַז דער טויט זאָל מיך טרעפן, בעת איך פאַרריכט אַלע מיינע פעלערן און בין אויפמערק־זאַם צו אַלע מיינע פליכטן. איך וועל אויפהויבן צום הימל מיינע

ריינע הענט און וועל זאָגן צו די געטער: „אייערע בילדער, געטער, וואָס איר האָט געשטעלט אין מיין נשמה, האָב איך ניט פאַרשוועכט. כ׳האָב זיי באַהאַנגען מיט מיינע געדאַנקען, ווי מיט קרענץ, גירלאַנדעס און קרוינען. כ׳האָב געלעבט אין הסכם מיט אייער ווילן. כ׳האָב גענוג געלעבט".

און רעדנדיק אַזוי, האָט ער געהויבן די הענט צום הימל און זיין געזיכט האָט געשטראַלט אַ באַלויכטנס.

אויף אַ ווײַלע האָט ער זיך פאַרטראַכט. דערנאָכדעם ווידער אָנגעהויבן צו רעדן מיט גרויסער שמחה:

— רייס זיך אָפּ פון לעבן, עווקריט, ווי אַ רייפער איילבירט, וואָס פאַלט פון בוים, דאַנקענדיק דעם בוים, וואָס האָט אים געטראָגן און די ערד, וואָס האָט אים געשפייזט.

ביי די רייד האָט ער אַרויסגעצויגן פון אונטערן קלייד אַ בלויזן מעסער און אַריינגעשטאָכן זיך אין ברוסט אַריין.

די, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, האָבן אַלע צוזאַמען געכאַפּט אים פאַר דער האַנט, אָבער דער שאַרף פונם מעסער האָט דורכגעשטאָכן דאָס האַרץ. עווקריט איז געווען אין דער אייביקער רו. הערמאָדאָר און ניקיאַס האָבן אָפּגעטראָגן דעם בלאַסן און פאַרבלוטיקטן קערפּער און אַוועקגעלייגט אים אויף איינעם פון די היסבעטן, בעת די שאַרפע אויסגעשרייען פון די פרויען, דעם געמורמל פון די אויפגעוועקטע געסט און די תאוהדיקע זיפצן, וואָס האָבן זיך געשטיקט אין די שאָטנס פון די טעפּיכער. דער אַלטער קאָטאַ, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין גרינגן זעלנערישן שלאָף, איז שוין געשטאַנען נעבן בר־מנן, באַטראַכט די וווּנד און געשריגן:

— זאָל מען אַ רוף טאָן מיין מעדיקער אַריסטעוס!

ניקיאַס האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— עווקריט איז שוין ניטאָ מער. ער האָט געוואָלט שטאַרבן, אַט ווי אַנדערע ווילן לעבן. ער האָט אַזוי, ווי מיר אַלע, געפאָלגט זיין שטאַרקן פאַרלאַנג. און איצט איז ער שוין געגליכן צו די געטער, וואָס האָבן קיין שום פאַרלאַנג ניט.

קאָטאַ האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן איבערן שטערן:

— שטאַרבן! נעמען און פֿאַרוועלן שטאַרבן דעמאָלט, בעת מ׳קאָן נאָך צו נוץ קומען דער מלוכה, ס׳אַראַן אומזין!

טאַיִס און פּאַפֿנוטיוס זײַנען בעת מעשה געשטאַנען די גאַנצע צײַט אײנס נעבן אַנדערן אומבאַוועגלעכע, שטומע, די הערצער פֿול מיט עקל, פּחד און האָפֿענונג.

פּלוצים האָט דער מאָנאַך אָנגעכאַפּט די שפּילערין פֿאַר דער האַנט און, טרעטנדיק מיט איר איבער די שכּורע, וואָס האָבן זיך דאָ געוואַלגערט, איבער די אײַנגעליבטע פּאָרלעך, מיט די פֿיס אין ווײַן און בלוט, זי אַרויסגעפֿירט אויף דער גאַס.

איבער דער שטאָט איז אויפֿגעגאַנגען אַ ראָזער טאָג. אויפֿן אײַנזאַמען וועג זײַנען פֿון בײדע זײַטן געשטאַנען שטאָלצע זײַלן און אין דער ווײַט האָט איבער אַלץ געהערשט דער גלאַנצנדיקער קײַלעך פֿון אַלעקסאַנדערס קבר. אויף די גראַניט־טראָטואַרן האָבן זיך דאָ און דאָרט געוואַלגערט אָפּגעפּליקטע קרענץ און אויסגעלאָשענע פֿאַקעלן. אין דער לופֿט האָט זיך געפֿילט דער פֿרישער אָטעם פֿונם ים. פּאַפֿנוטיוס האָט מיט עקל אַראָפּגעריסן פֿון זיך די רײַכע בגדים און געטראָטן מיט די פֿיס די אַראָפּגעפֿאַלענע שמאַטעס.

— האָסט געהערט, וואָס זיי רעדן, מײַן טאַיִס,— האָט ער אויסגעשריגן,— זיי האָבן אויסגעשפּיגן אַלע זײערע משוגעתן און אומווירדיקײטן. זיי האָבן דעם געטלעכן שעפֿער פֿאַרשלעפּט צום שטן אין גיהנום אַרײַן, אומפֿאַרשעמט אָפּגעלײקנט גוטס און שלעכטס, געלעסטערט יעזוסן און געלויבט יהודהן פֿון קאַריאָט. און דער אומווירדיקסטער פֿון זיי אַלע, דער שאַקאַל פֿון די פֿינסטערנישן, די פֿאַרשמעקטע חיה, דער אַריער, וואָס איז פֿול מיט שימל און טויט, האָט אויפֿגעעפֿנט דאָס מויל, ווי אַ קבר. מײַן טאַיִס, דו האָסט געזען, ווי די עקלדיקע ווערעם זײַנען געקראָכן צו דיר און דיך פֿאַרומרײניקט מיט זײער קלעפּיקן שווייס; דו האָסט געזען, ווי די מנוולים זײַנען אײַנגעשלאָפֿן בײַ די פֿיס פֿון זײערע קנעכט; דו האָסט זיי געזען, די בהמות, ווי זיי האָבן זיך געפּאָרט אויף די טעפּיכער, וואָס זײַנען געווען אײַנגעשמירט פֿון מײקענען; האָסט געזען, ווי דער אַלטער חסר־דעה האָט פֿאַרגאָסן זײַן בלוט, וואָס איז נמאס פֿונם ווײַן, וועלכער האָט זיך געגאָסן בעתן מאָלצײַט; האָסט געזען,

ווי ער האָט שכורעריייט זיך געוואָרפן נאָך דער אָרגיע אין די אָרעמס פון יעזוס קריסטוס. זאָל זיין געלויבט גאָטס נאָמען! דו האָסט דערזען די זינד און דו האָסט זיך דערוווּסט, אַז זי איז אומווירדיק. טאַיִס, טאַיִס, טאַיִס! דערמאָן דיך אָן די משוגעתן פון די דאָזיקע פילאָזאָפן און זאָג: ווילסטו דען ווילדעווען מיט זיי צוזאַמען? דערמאָן זיך די אָנבליקן, די תנועות, דעם געלעכטער פון זייערע חשובע חבריטעס, אָט די צוויי אויסגעלאַסענע און שלעכטע מאַלפּעס, דערמאָן זיך און זאָג: ווילסטו בלייבן אָט אַזאַ ווי זיי?

טאַיִס האָט מיט אַ האַרץ פול מיט עקל צו דער דאָזיקער נאַכט דערפילט די גלייכגילטיקייט און די געמיינקייט פון די מאַנסבילן, די רשעות פון די פרויען, די שווערקייט פון אָט די שעהן, און געזאָגט זיפצנדיק:

— איך בין שטאַרבלעך מיד, מיין פאָטער! ווו זאָל איך געפינען רו? כ׳פיל, אַז ס׳ברענט מיר דאָס געזיכט, דער קאָפּ איז פוסט, די הענט זיינען מיר אַזוי מיד, און כ׳וואָלט קיין כוחות ניט געהאַט צו נעמען דאָס גליק, אויב מ׳וואָלט דערצו באַדאַרפט בלויז אויסשטרעקן די האַנט.

פּאַפנוטיוס האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מיט רחמנות:

— זיי מוטיק, מיין שוועסטער, די שעה פון רו קומט פאַר דיר, אַ ליכטיקע, אַ ריינע, ווי די נעפּלען, וואָס הויבן זיך איבער די גאָרטנס און די וואַסערן.

זיי האָבן געגענט זיך צום הויז פון טאַיִס און געזען שוין די שפּיצן פון די קאַשטאַנען און טערפּענטין־ביימער, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם גראָט פון די נימפעס. פון אונטער די ווענט האָבן די ביימער געגלאַנצט, באַדעקטע מיט טוי, און געציטערט פון פרימאָרגנדיקן ווינטל. דער ליידיקער פּלאַץ, ווו זיי זיינען איצט געשטאַנען, איז געווען אַרומגערינגלט מיט סטאַטועס און זיילן; אין די עקן זיינען אין אַ האַלבקיילעך געשטאַנען דאָרט בענק פון מאַרמאָר. טאַיִס איז אַ מאַטע אַנידערגעפאַלן אויף איינער פון די בענק. דערנאָכדעם האָט זי, אויפהויבנדיק אויפן מאָנאַך איר אומרויִקן בליק, געפרעגט:

— וואָס דאַרף מען טאָן?

— מ׳דאַרף,—האָט געענטפערט דער מאַנאַך,—גיין מיט דעם, וואָס איז געקומען נאָך דיר. ער רייסט דיך אָפּ פון דער וועלט, ווי דער ווייַנגערטנער רייסט אָפּ דאָס הענגל ווייַנטרויבן, וואָס וואָלט פוילן אויפן בוים, און טראָגט עס אונטערן פרעס, כדי צו פאַרוואַנ־דלען אים אין דופטיקן וויין. הער: צוועלף שעה גאַנג פון אַלעקסאַנ־דריע צו מעריב צו, ניט ווייט פונם ים, איז פאַראַן אַ נזירים־הויז פאַר פרויען. די תקנות פון יענעם הויז זייַנען מוסטערהאַפט, ס׳וואָלט געווען אַ מצוה איבערלייגן זיי אויף לידישע לידער און זיי זינגען אונטער דער באַגלייטונג פון האַרפעס און טאַמבורינען. מ׳קאָן זיכער זאָגן, אַז די פרויען, וואָס פאָלגן יענע תקנות, טרעטן אויף דער ערד און דערגרייכן מיטן קאָפּ צום הימל. זיי פירן אויף דער וועלט אַ לעבן פון מלאכים. זיי ווילן זיין אָרעם, כדי יעזוס זאָל זיי ליב האָבן, עניוותדיק—כדי ער זאָל קוקן אויף זיי, און אומשולדיק—כדי ער זאָל זיי נעמען פאַר כלות. ער באַזוכט זיי יעדן טאָג אין גע־שטאַלט פון אַ גערטנער מיט באָרוויסע פיס, מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס, אָט אַזוי, ווי ער האָט זיך באַוויזן דער הייליקער מרים אויפן וועג צום קבר. און אָט וועל איך דיך היינט טאַקע אָפּפירן אין יענעם נזירים־הויז, מיין טאַיס, דו וועסט זיין צוזאַמען מיט די דאָזיקע הייליקע מיידלעך און דו וועסט פירן מיט זיי אַ הימליש לעבן. זיי וואַרטן אויף דיר, ווי אויף אַ שוועסטער. אויף דער שוועל פון קלויסטער וועט די פרומע אַלבינאַ, זייער מוטער, געבן דיר דעם קוש פון שלום און וועט דיר זאָגן: „זיי באַגריסט, מיין טאָכטער!“

די שפילערין האָט אַ געשריי געטאָן אַ פאַרחדושטע:

— אַלבינאַ, די טאָכטער פון די צעזאַרס, דאָס אייניקל פון קיסר קאַרוס!

— יאָ, זי! אַלבינאַ, וואָס איז געבוירן אין פורפור און האָט אָנגעטאָן איצט אַ האָריקן לייבל. זי, די טאָכטער פון מלאכים, האָט זיך דערהויבן צו זיין די דינסט פון יעזוס קריסטוס. זי וועט זיין דיין מוטער.

טאַיס איז אויפגעשטאַנען און האָט געזאָגט:

— טאָ פיר מיך אין הויז פון אַלבינאַ.

און פאַפנוטיוס האָט, פאַרענדיקנדיק זיין נצחון, געזאָגט:

— געוויִס וועל איִך דיִך אָפּפיִרן אַהיִן און דיִך פֿאַרשפּאַרן איִן אַ קאַמער, ווו דו וועסט באַוויינען דיינע זיִנד. ווייל ס'פּאַסט ניִט דו זאָלסט דיִך צוזאַמענמיִשן מיִט די טעכטער פֿון אַלביִנאַ, איידער דו וועסט אָפּוואַשן דיין גאַנצן שמוץ. איִך וועל פֿאַרחתמענען דיין טיִר און אַ גליִקלעכע וועסטו איִן דיין געפענגעניִש וואַרטן מיִט טרערן, אַז יעזוס אַליין זאָל קומען צעברעכן די חתימה, וואָס איִך וועל לייגן. דאָס וועט זיין אַ סימן, אַז ער האָט דיִר מוחל געווען. צווייפל ניִט, ער וועט קומען, טאַיִס. און מיִט וואָס פֿאַר אַ צאַפּל וועט צאַפּלען דיין נשמה, ווען דו וועסט דערפֿיִלן, אַז זיין שטראַלנדיִקע האַנט האָט אָנגערירט דיינע אויגן אויף אויסצוטריִקענען זייערע טרערן!

טאַיִס האָט וויִדער איִבערגעחזרט:

— פֿיִר מיִך, מיין פֿאָטער, איִן הויז פֿון אַלביִנאַ.

מיִט אַ פֿרייִלעך האַרץ האָט פּאַפֿנוטיוס זיִך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן און דערלויבט זיִך הנאה האָבן פֿון גאָטס באַשעפֿעניִשן. זיינע אויגן האָבן מיִט פֿאַרגעניִגן געטרונקען גאָטס ליִכט און עפּעס אַזעלכע נייע ווינטעלעך האָבן געפֿאָכעט איִם איִן פּנים אַריין. פּלוצים האָט ער אויף איינעם פֿון די פּלאַץ-וויִנקלען דערקענט די קליינע טיִר, וואָס האָט געפֿיִרט צו טאַיִס איִן הויז אַריין. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אָט די שפּיִצן פֿון די ביימער, וואָס געפֿעלן איִם איִצט אַזוי, באַשיינען דעם גאָרטן פֿון דער קורטיִזאַנקע, און ער האָט זיִך פֿאָרגעשטעלט די אַלע אומריינע מעשים, וואָס האָבן דאָרט מטמא געמאַכט די גריִנגע און ריינע לופֿט, און זיין נשמה איִז פֿול געוואָרן מיִט יאוש, און ביִטערע טרערן האָבן זיִך אַ גאָס געטאָן פֿון זיינע אויגן.

— טאַיִס,—האָט ער געזאָגט,—לאָמיִר אַנטלויפֿן, ניִט אַרומקוקן זיִך אַפֿילו. נאָר מיִר טאָרן ניִט לאָזן נאָך זיִך די מכשירים, די עדות, וואָס האָבן אָנטייל גענומען איִן דיינע פֿריִערדיִקע פֿאַרברעכנס: די דאָזיקע דיִקע פֿאָרהאַנגען, די בעטן, די טעפּיִכער, די אורנעס מיִט בשמים, די לאָמפּן, וואָס שרייען וועגן דיינע עולות. וויִלסטו, אַז די ניִט-גוטע, די בייזע רוחות, וואָס געפֿיִנען זיִך איִן זיי, זאָלן אויפֿהויבן און אַוועקטראָגן אָט די אַלע פֿאַרברעכעריִשע כּלים, און

זיי זאָלן לויפֿן נאָך דיר ביז אין מדבר אַריין? ס'איז קיין ספֿק ניט, אַז די שדים נוצן אויס די אַלע שענדלעכע טישן און אומריינע געלעגערס, מענטשן זעען דעמאָלט, ווי זיי באַוועגן זיך, רעדן, לויפֿן איבער דער ערד און פֿליען אין דערלופֿטן. זאָל פֿאַרטיליקט ווערן דאָס, וואָס איז געווען אַן עדות פֿון דיין שאַנד. אייל זיך, טאַיִס, כּל זמן די שטאָט שלאָפֿט, באַפֿויל דיינע קנעכט, זיי זאָלן אויף דער מיט פֿון אָט דעם פּלאַץ פֿאַנאַנדערלייגן אַ פֿלאַקער, אויף וועלכן מיר וועלן פֿאַרברענען אַלע אומווירדיקע רייכקייטן, וואָס דיין הויז פֿאַרמאָגט.

טאַיִס האָט מסכּים געווען.

— טו וואָס דו ווילסט, מיין פֿאָטער, — האָט זי געזאָגט. — כ'ווייס, אַז אין די אומבאַוועגלעכע זאַכן, אין די דוממים, לעבן אָפֿט פֿאַרשיידענע רוחות. אייניקע פֿון די כּלים רעדן ביינאַכט, קלאַפּן פֿון צייט צו צייט אָדער שיינען אָפּ מיט אַ קליינעם ליכט, ווי סיגנאַלן־פֿייערלעך. ס'איז נאָך אָבער גאָרניש! האָסט, מסתּמא, באַמערקט, פֿאָטער, ביים אַריינגאַנג אין גראָט אויף רעכטס אַ סטאַטוע פֿון אַ נאַקעטער פֿרוי, וואָס קלייבט זיך באָדן. האָב איך איינמאָל מיט מיינע אייגענע אויגן געזען, ווי די סטאַטוע האָט, ווי אַ לעבעדיקע, אַ קער געטאָן דעם קאָפּ און באַלד ווידער געשטעלט זיך ווי תּמיד. כ'בין פֿאַרגליווערט געוואָרן פֿון שרעק. כ'האָב דערציילט ניקיאַסן פֿון אָט דעם נס, האָט ער געלאַכט, ס'איז זיכער אָבער, אַז עפּעס אַ כּישוף ליגט באַהאַלטן אין אָט דער סטאַטוע, ווייל איינער אַ דאַלמאַטער האָט געפֿילט צו איר אַ גלוטיקן חשק, בעת צו מיר, צו מיין שיינקייט, איז ער געווען גלייכגילטיק. אודאי האָב איך געלעבט צווישן פֿאַרכּישופֿטע זאַכן און בין געווען אין אַ גרויסער סכּנה, ווייל אָט האָבן אַלע געזען די אייזערנע סטאַטועס, וואָס האָבן דערשטיקט מענטשן אין זייערע אָרעמס! און דאָך איז אַן עבֿרה צו פֿאַרניכטן אַזוי פֿיל טייערע ווערק, וואָס זיינען אַזוי קונציק געמאַכט געוואָרן, און אויב מ'וועט פֿאַרברענען מיינע גאַרדינען און טעפּיכער, וועט עס זיין אַ גרויסער שאָדן. פֿאַראַן צווישן זיי זעלטענע שיינקייטן־וווּנדערלעכע פֿאַרבן. די, וואָס האָבן זיי מיר געשענקט, האָבן געוויס זייער טייער פֿאַר זיי באַצאָלט. איך האָב אויך בעכערלעך,

סטאַטועס און בילדער, וואס קאסטן אומגעהייער פיל. איך מיין, אַז מע טאר זיי ניט פאַרניכטן. אבער דיר איז קלאר, וואס ס'איז נוי־טיק צו טאן, טו, וואס דו ווילסט, פאטער.

רעדנדיק אַזוי, איז זי נאכגעגאַנגען נאכן מאנאַך ביז אין דער קליינער טיר, ווו ס'פלעגן תמיד הענגען אַזוי פיל גירליאַנדעס און קרענץ. געעפנט די טיר האט זי געהייסן דעם וועכטער צונויפרופן פון הויז אַלע קנעכט. פיר אינדיאַנער, אנפירער פון די קיכן, האבן זיך באַוויזן די ערשטע. אַלע פיר זיינען געוועזן געל און בלינד אויף איין אויג. טאַיס האט געהאַט פיל פאַרגעניגן, וואס איר האט זיך איינגעגעבן צוקלייבן אַלע פיר קנעכט פון איין ראַסע און מיט איין און דעם זעלבן מום; איר האט עס געקאסט פיל מי. יעדער מאל, וואס זיי האבן דערלאַנגט צום טיש, האבן זיי אַרויסגערופן נייגעריקייט ביי די געסט, דערביי פלעגט זיי טאַיס נויטן צו דער־ציילן זייער לעבנס־געשיכטע. איצט האבן זיי געוואַרט און געשוויגן. נאך זיי זיינען באַלד געקומען זייערע געהילפן. דערנאכדעם זיינען געקומען די דינער פון די פערדשטאַלן, די יעגער, די טרעגער, די פוסגייער מיט די אייזערנע מוסקלעס, צוויי גערטנער, באַוואַק־סענע מיט האר, ווי פריאַפּאַס, זעקס נעגערס, דריי קנעכט פון גרי־כנלאַנד: איינער פון זיי איז אַ גראַמאַטיקער, דער צווייטער—אַ דיכ־טער, דער דריטער—אַ זינגער. זיי אַלע האבן זיך בעשטעלט אין אַ שורה אויפן פלאַץ, ביז ס'זיינען אונטערגעקומען די נייגעריקע נע־גערינס מיט די גרויסע קיילעכדיקע אויגן און ברייטע אפענע מיי־לער. צום סוף האבן זיך באַוויזן פינף שיינע שקלאַפינס, זיי זיינען געגאַנגען אומצופרידן, פאַרריכט די דעקטיכער און לאַנגזאַם גע־שלעפט די פיס, וואס זיינען געווען פאַרשמידט אין דינע גאלדענע קייטן. נאך דעם, ווי זיי האבן זיך אַלע פאַרזאַמלט, האט זיי טאַיס אנגעוויזן אויף פאַפנוטיוסן און געזאגט:

— טוט אַלץ, וואס דער מענטש וועט אייך באַפוילן, ווייל גאטס גייסט רוט אויף אים, און אויב איר וועט אים ניט פאלגן וועט איר אלע פאַלן טויטע.

זי האט באמת געגלויבט, אַז די הייליקע פון מדבר זיינען בכח שפאַלטן די ערד און אַריינטרייבן די זינדיקע אין אפגרונט.

פאפנוטיוס האט אפגעשיקט די פרויען און צוזאמען מיט זיי די גריכישע קנעכט, וואס זיינען ענלעך געווען צו פרויען, און האט זיך געווענדעט צו די אלע איבעריקע:

— ברענגט האלץ אהער אויף דער מיט פלאץ, לייגט פאנאנדער א גרויסן פלאקער און ווארפט אריין ניט-איבערגעקליבענערהייט אלץ, וואס ס'געפינט זיך אין שטוב און אין גראט.

פארחדושטע האבן זיי זיך ניט גערירט פון ארט, און מיטן בליק זיך אנגעפרעגט ביי זייער הארין, זי האט אבער געשוויגן. און זיי האבן זיך צוזאמענגעדריקט, געשטאנען הארט איינער נעבן אנדערן און געצווייפלט, געטראכט, אז ס'איז א שפאס.

— טוט וואס מ'הייסט אייך, — האט געזאגט דער מאנאך.

אייניקע פון זיי זיינען געווען קריסטן, זיי האבן פארשטאנענדעם זינען פונם באפעל און זיינען אוועק אין הויז נאך האלץ און נאך פאקעלן. די איבעריקע האבן מיט פארגעניגן געטאן דאס, וואס יענע טוען, וויל, זייענדיק ארעם, האבן זיי פיינט געהאט עשירות און געהאט אן איינגעווייניקסטע נטיה אויף הרוב צו מאכן. ווען זיי האבן שוין פאנאנדערגעלייגט דעם פלאקער, האט פאפנוטיוס געזאגט צו טאיס:

— כ'האב איין רגע, פרוי, געטראכט צו אנרופן א נאמען פון א וואסער ניט איז אלעקסאנדריער קלויסטער (אויב ס'איז דא בכלל פאראן כאטש איינער, וואס איז נאך ניט פארשוועכט געווארן דורך די ווילדע אריער און איז ווערט צו טראגן דעם נאמען קלויסטער) און אפגעבן אים דיין גוטס, ער זאל עס צעטיילן פאר אלמנות, און דער פארברעכערישער פארמעגן זאל פארוואנדלט ווערן אין א צדקה. אבער דער געדאנק איז געווען ניט פון גאט און כ'האב אים אפגעשטויסן, וויל די געליבטע פון יעזוס קריסטוס וועלן זיין באליידיקט, אז מ'וועט זיי אפשענקען דאס אומריינע האב און גוטס. טאיס, אלץ צו וואס דו האסט זיך צוגערירט, דארף אומקומען אויפן פייער ביזן לעצטן שנירל. די אלע מאנטלען, דעקטיכער, וואס האבן געזען מער קושן איידער קנייטשן אויפן אויבערפלאך פונם ים, וועלן איצט א דאנק דעם אויבערשטן, דערפילן, ווי ס'קושט זיי בלויז דער פייער-פלאם. איילט זיך, קנעכט! נאך מער האלץ! נאך מער פייער!

און דו, פרוי, גיי אַריין אין דיין הויז, טו אויס דיינע אומריינע קליידער און בעט אויס, ווי אַ נדבה, ביי אייג פון דיינע שקלאַפינס אָט די טוניק, וואָס יענע טוט אָן, בעת זי רייניקט די דילן.

טאַיס האָט געפאָלגט. בעת די אינדיאַנער זיינען געשטאַנען אויף די קני און געבלאָזן אויף די קוילן, האָבן די נעגערס געוואָרפן אין פלאַקער קאַסטנס פון עלפאַנטביין, פון מוטערפערל און פון טענענבוים, פון וואַנען עס זיינען געפאַלן קרוינען, גירליאַנדעס און דיאַדעמעס. דער רויך האָט זיך אויפגעהויבן צום הימל מיט אַ טונקעלן זייל, פונקט ווי דער רויך פון אַמאָליקע מזבחות. דערנאָכדעם האָט דער פייער זיך פאַנאַנדערגעברומט, ווי אַ ווילדע חיה, און די פלאַמען האָבן אָנגעהויבן פרעסן דאָס טייערע גוטס. די דינער האָבן נאָך דרייסטער געאַרבעט. זיי האָבן צופרידענע געטראָגן אַהער די רייכע טעפיכער, די מיט זילבער אויסגענייטע דעקטיכער, די טייערע גאַרדינען, געשלעפט די שווערע טישן, שטולן, קישנס, די בעטן מיט די גאָלדענע צוקאָפנס. דריי געזונטע עטיאָפן זיינען געקומען צו לויפן, טראָגנדיק אין די אָרעמס די געאַרבעטע סטאַטועס פון די נימפעס, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס האָבן דריי גרויסע מאַלפעס געפאַנגען לעבעדיקע פרויען. און בעת די נאַקעטע שיינע פאָרמען פון די נימפעס האָבן זיך צעבראָכן אויף שטיקלעך, אַרויספאַלנדיק פון די הענט פון די דאָזיקע ברואים, האָט זיך פון ערגעץ דערהערט אַ זיפץ.

אין דער זעלבער רגע איז אַריין טאַיס. אירע צעלאָזטע האָר זיינען אַראָפגעפאַלן, ווי לויפנדיקע שטראָמען, זי איז געווען באָרוויס, אָנגעטאָן אין אַ מאוסער גראָבער טוניק, וואָס האָט באַרירט בלויז איר קערפער און דערפון אַליין שוין געווען אָנגעזאַפט מיט געטלעכע ליידנשאַפטן. הינטער איר איז געגאַנגען אַ באַבערדיקטער גערטנער. ער האט געטראגן אַן עלפאַנטביינערנעם עראָס, וואס האט זיך פאַרפלאנטערט אין זיין צעלאזטער בארד.

טאַיס האט אַ ווונק געטאן צום דינער ער זאל זיך אפשטעלן, צוגעגאַנגען צו פאַפנוטיוסן און האט אים אנגעוויזן אויפן קליינעם געטל:

— מיין פאטער,—האט זי געפרעגט,—דאַרף מען אים אויך אַריינ-

וואַרפֿן אין פֿייער? ס'איז אַן אַלטע אַנטיק=אַרבעט און קאַסט אויף גאָלד הונדערט מאָל מער, איידער עס וועגט. ס'איז אַן עבֿרה עס זאָל גיין לאיבוד, ווײַל ס'וועט קיינמאָל אויף דער וועלט ניט זײַן קיין קינסטלער, וואָס זאָל זײַן בּיכולת מאַכן אַזאַ שיינעם עראָס. נעמט אין אַכט, פֿאָטער, אַז דאָס דאָזיקע קינד איז די ליבע און מ'דאַרף מיט דעם ניט באַגיין זיך שלעכט. גלויב מיר: ליב האָבן איז אַ מיצווה, און אויב איך האָב געזינדיקט, איז דאָס ניט דורך דער ליבע, נאָר קעגן איר, כ'וועל קיינמאָל ניט באַדויערן די מעשׂים, וואָס זי האָט געצוווּנגען מיך צו טאָן, אַדרבא, איך באַוויין דאָס, וואָס איך האָב געטאָן קעגן איר ווילן. די ליבע דערלויבט ניט דער פֿרוי אָפּגעבן זיך דעם, וואָס קומט ניט אין איר נאָמען. אָט דערפֿאַר דאַרף מען זי ערן. קוק, פּאַפֿנוטיוס, ווי שיין דער קליינער עראָס איז, ווי ליב ער באַהאַלט זיך בײַם גערטנער אין באָרד. איינמאָל האָט ניקיאַס, וואָס האָט מיך דעמאָלט געליבט, אים מיר געבראַכט און געזאָגט: „ער וועט דיר דערציילן פֿון מיר“. אָבער ער, דער שטיפֿער, האָט מיר דערציילט גאָר פֿון איינעם אַ יונגן מאַן, וואָס איך האָב געקענט אין אַנטיאָכיע און דווקא קיין וואָרט מיר ניט געזאָגט וועגן ניקיאַסן. פֿאָטער, גענוג רײַכקייטן זײַנען שוין אויף דעם דאָזיקן פֿלאַקער. פֿאַרהיט דעם דאָזיקן עראָס און גיב אים אָפּ ערגעץ אין אַ קלויסטער. די, וואָס וועלן אים דערזען, וועלן אומקערן זייער האַרץ צו גאָט, ווײַל די ליבע האָט אַ טבֿע צו דערהויבן זיך ביז צו הימלשע געדאַנקען.

דער גערטנער האָט שוין געטראַכט, אַז דער קליינער עראָס איז ניצול געוואָרן, האָט ער צו אים געשמייכלט, ווי צו אַ קינד. אָבער פּאַפֿנוטיוס האָט אַרויסגעריסן די סטאַטוע בײַם קנעכט פֿון די הענט, אַ שלײַדער געטאָן זי אין פֿײַער אַרײַן און אויסגעשריגן:

— ער איז געווען בײַ ניקיאַסן אין די הענט, דאָס אַליין איז גענוג, ער זאָל אַלץ אַרום פֿאַרסמען.

דערנאָכדעם האָט ער אָנגענומען פֿולע הענט מיט טײַערסטע קליידער, פּורפּור=מאַנטלען, גאָלדענע סאַנדאַליעס, קאַמען, באַרשטן, שפּיגלען, לאָמפּן, האַרפֿן און לירעס און האָט אַלץ געוואָרפֿן אויפֿן פֿלאַקער, וואָס איז געווען מוראדיקער איידער דער שײַטערהויפֿן פֿון

סאַרדאַנאפּאַל, בעת מעשה האָבן די קנעכט, שוין פאַרשכּורטע פון דער פריילעכער צעשטערונגס־אַרבעט, מיט געשרייען און ברומערייען געטאַנצט דאָ אַרום אונטערן רעגן פון אַש און פונקען.

איינע נאָך די אַנדערע האָבן די אויפגעוועקטע שכנים געעפנט די פענסטער, זיך געריבן די אויגן און געוואָלט זיך דערוויסן פון וואַנען גייט דאָס אַזאַ רויך. האַלב נאַקעט זיינען זיי אַרויס אויפן פּלאַץ און גענענט זיך צום פלאַקער.

— וואָס קאָן דאָס באַדייטן?—האָבן זיי געטראַכט.

צווישן זיי זיינען געווען סוחרים, וואָס טאַיס פלעגט ביי זיי קויפן כּסדר אירע שטאָפן און פאַרפומען, די דאָזיקע האָבן איצט אויסגעצויגן זייערע טרוקענע און געלע קעפּ און געוואָלט פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר. אויסגעלאַסענע יונגען, וואָס האָבן זיך צוריק־געקערט פון נאַכט־שמחות, זיינען געגאַנגען פאַרביי מיט זייערע קנעכט. מיט די קרענץ אויף די קעפּ אָנגעטאָן, אין די ברייטע מאַנטלען, האָבן זיי זיך איצט דאָ אָפּגעשטעלט און פאַרהדושטע הויך געשריגן. דער נייגעריקער המון, וואָס האָט געהאַלטן אין וואַקסן, האָט זיך אײנגיכן דערוווסט, אַז טאַיס, אונטער דער ווירקונג פונם גלח פּאַפנוטיוס, פאַרברענט איר רייכן פאַרמעגן און קלייבט זיך אַוועק־גיין אין אַ נזירים־הויז.

די סוחרים האָבן געטראַכט:

— טאַיס פאַרלאָזט די שטאָט, מיר וועלן איר מער גאָרנישט ניט קאָנען פאַרקויפן. ס׳איז אַ מוראַ! וואָס וועט זיין מיט אונז, אַז זי וועט אַוועק? דער דאָזיקער מאָנאַך האָט איר פאַרדרייט דעם קאָפּ. ער מאַכט אונז חרוב. פאַרוואָס דערלויבט מען אים טאָן, וואָס ער ווילו? ס׳זיינען דאָך פאַראַן געזעצן. צי ס׳זיינען ניטאָ מער קיין שופטים אין אַלעקסאַנדריע? די דאָזיקע טאַיס האָט קיין רחמנות ניט, ניט אויף אונז, ניט אויף אונזערע אָרעמע ווייבער און קינדער. דאָס, וואָס זי טוט, איז אַן עולה. מ׳דאַרף זי צווינגען בלייבן דאָ אין שטאָט.

די יונגע לייט פון זייער זייט האָבן געטראַכט:

— אויב טאַיס זאָגט זיך אָפּ פון ליבע און שפּילערייען, איז אַ סוף צו אונזערע סאַמע טייערסטע פאַרגעניגנס. זי איז געווען דער

שענסטער כבוד, דאָס גליק פון אונזער טעאַטער. זי איז געווען די פרייד אַפילו פון די, וואָס האָבן זי איין מאָל ניט געליבט. די מאַנסבילן האָבן זי ליב געהאַט אינם געשטאַלט פון אַנדערע פרויען. אין אַלע קושן איז געווען טאַיס, ווייל זי איז די ליידנשאַפט פון אַלע ליידנשאַפטן, און דער איינער געדאַנק בלויז, אַז זי עטעמט, איז דאָ צווישן אונז, האָט אונז דערוועקט צו פאַרגעניגנס.

אזוי האָבן געטראַכט די יונגע, און איינער פון זיי, וואָס האָט געהייסן קעראָן און געהאַלטן אַמאָל טאַיס אין זיינע אָרעמס, האָט איצט געוואָלט געשריגן און געלעסטערט דעם גאָט יעזוס קריסטוס. דער גאַנצער המון האָט גערעכנט, אַז טאַיס טוט אַן עולה.

— ס'איז שענדלעך אַנטלויפן!

— אַ מאוסער פאַרראַט!

— זי נעמט ביי אונז אָפּ דעם ביסן ברויט!

— זי טראָגט אַוועק מיט זיך דעם נדן פון אונזערע טעכטער.

— זאָל זי, לכל הפחות, באַצאָלן פאַר די דיאַדעמעס, וואָס כ'האָב איר פאַרקויפט!

— און די זעכציק בגדים, וואָס זי האָט ביי מיר באַשטעלט!

— זי איז אַלעמען אַ בעל־חוב!

— ווער וועט אָן איר שפּילן איפיגעניאַן, עלעקטראַן און פּאָליקסענאַן. דער שיינער פּאָליביאָס אַפילו וועט זיך ניט פאַרגלייכן מיט איר.

— ס'וועט ווערן אומעטיק צו לעבן, ווען אירע טירן וועלן זיין פאַרשלאָסן.

— זי איז געווען דער העלער שטערן, די ליבע לבנה פונם אַלעקסאַנדריער הימל.

די באַוווסטע בעטלער פון שטאָט, בלינדע, הינקעדיקע און פּאַראַליטיקער האָבן זיך פאַרזאַמלט אויפן פּלאַץ און געקלאָגט:

— ווי אַזוי וועלן מיר לעבן, ווען טאַיס וועט אונז ניט שפּייזן מער. מיט די ברעקלעך פון איר טיש האָבן זיך גענערט יעדן טאָג צוויי הונדערטס אומגליקלעכע, און אירע געליבטע, וואָס פלעגן אַרויסגיין פון איר באַפרידיקטע, פלעגן אונז וואַרפן פאַרבייגייענדיק גאַנצע הויפנס מיט געלט.

די גנבים, וואָס זיינען געווען דאָ צווישן עולם, האָבן געברומט

און געשריגן, געשטויסן זייערע שכנים, געשאַפן וואָס מער אומאָרד־נונג, כּדי צו קאָנען אין טומל אַריינגנבנען עפּעס פון די טייערע חפצים.

נאָר דער אַלטער טאַדעוס, וואָס האָט געהאַנדלט מיט וואָל פון מילעטאָס און מיט ליין פון טאַרענט און וואָס טאַיס איז אים שולדיק געווען אַ סך געלט, בלויז ער איז געשטאַנען אַ שטילער און קוקנדיק אַזוי אָן אַ זייט, האָט ער געגלעט זיין ציגן־בערדל און, דאַכט זיך, מכּוח עפּעס געטראַכט. לסוף איז ער צוגעגאַנגען צום יונגן קעראָן, אַ צי געטאָן אים פאַרן אַרבל און אים געזאָגט:

— דו, דער אויסדערוויילטער פון טאַיס, שיינער האַר, באַוויז זיך און דערלאָז ניט, אַז אַ מאָנאַך זאָל זי ביי דיר אָפּנעמען.

כ׳שווער ביי פּאָלוקס און זיין שוועסטער, ער וועט דאָס ניט טאָן,—האָט אויסגעשריגן קעראָן,—כ׳וועל באַלד רעדן מיט טאַיס. כ׳וועל זיך ניט באַרימען, איך דענק, זי וועט מיך בעסער פאָלגן איידער אָט דעם בופלאַק, וואָס איז אויסגעשמירט אין פעך. לאָזט אַ וועג, אַ וועג, איר, מנוולים!

און אָפּשטויסנדיק מיטן פויסט די מאַנסבילן, אומוואַרפנדיק די אַלטע פרויען, טרעטנדיק מיט די פיס די קליינע קינדער, האָט ער דערגרייכט ביז צו טאַיס און אָפּגעפירט זי אָן אַ זייט.

— דו, שיינע,—האָט ער צו איר געזאָגט,—קוק מיך אָן, דערמאָן זיך און ענטפער מיר, זאָגסט זיך דען באמת אָפּ פון ליבע?

פאַפנוטיוס האָט אָבער זיך געוואָרפן צווישן טאַיס און קעראָן.

— אומריינער,—האָט ער אויסגעשריגן,—האָב מורא פאַרן טויט! אויב דו וועסט זי אָנרירן, וועסטו שטאַרבן. זי איז אַ הייליקע, זי געהערט שוין צו גאָט!

— אַוועק פון דאַנען, בופלאַק,—האָט אים געענטפערט דער דערצאָרנטער יונגער מאַן,—לאָז מיך רעדן מיט מיין פריינט, ווען ניט, כאַפּ איך פאַר דער באָרד דיין מאוסן גוף און שלעפּ אים אין פייער אַריין, וווּ כ׳וועל דיך אָפּבראָטן, ווי אַ וווּרשט.

און ער האָט אויסגעצויגן זיין האַנט צו טאַיס.

אָבער פאַפנוטיוס האָט אים אָפּגעשטויסן מיט אַן אומדערוואַרטער קראַפט, אַזוי, אַז ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און איז אַנידערגעפאַלן האַרט ביים פלאַקער אויף די אַרומיקע קוילן.

בעת מעשה איז טאַדעוס אומגעגאַנגען פון איינעם צום צווייטן, געצויגן די קנעכט ביי די אויערן, געקושט די הענט ביי די הערן און אַלעמען אָנגערייצט אויף פּאַפּנוטיוסן. ער האָט שוין צוזאַמענגעקליבן אַ קליינע מחנה מענטשן, וואָס זיינען פּעסט געגאַנגען אויפן מאָנאַך. קעראָן האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד. זיין געזיכט איז געווען שוואַרץ, די האָר אויסגעברענט און ער האָט זיך געשטיקט פון רויך און פון כעס. לעסטערנדיק די געטער, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צוזאַמען מיט דער מחנה, הינטער זיי האָבן זיך געשלעפּט די בעטלערס, וואָס האָבן געשראָקן מיט זייערע שטעקנס. פּאַפּנוטיוסן האָט מען תיכף אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט אויסגעשטרעקטע פויסטן, מיט אויפגעהויבענע שטעקנס און מיט ווילדע אויסגעשרייען:

— צו די ראָבן דעם מאָנאַך, צו די ראָבן!

— ניין, וואַרפט אים אין פייער, בראָט אים אַ לעבעדיקן!

פּאַפּנוטיוס האָט געכאַפּט טאַיס, זיין טייער געווינס, און זי געדריקט צום האַרצן.

— אומריינע נפשות — האָט ער געדונערט מיט זיין שטים, — דערוועגט זיך ניט אַרויסצורייסן די טויב ביי גאָטס אָדלער. טוט בעסער דאָס, וואָס די דאָזיקע פרוי טוט, און בייט אויס אייער שמוץ אויף גאָלד. זאָגט זיך אָפּ, ווי זי, פון די פאַלשע גיטער, איבער וועלכע איר געוועלטיקט כלומרשט, וואָרים, אין דער אמתן, געוועלטיקן זיי איבער אייך. איילט זיך! דער טאָג איז נאָנט און גאָטס געדולד ווערט שוין מיד. האָט חרטה, טוט תשובה, וויינט און בעט גאָט. בייט אין די וועגן פון טאַיס. פאַרהאַסט אייערע עבֿרות, וואָס זיינען אַזוי גרויס ווי אירע. ווער פון אייך, אַן אָרעמער, צי אַ רייכער, אַ סוחר, אַ זעלנער, אַ קנעכט, צי אַ באַוווסטער בירגער האָט די העזה זאָגן פאַר גאָט, אַז ער איז בעסער פון אַן אויסגעלאַסענער פרוי? איר אַלע זיינט ניט מער, ווי לעבעדיקער שמוץ און נאָר דורך אַ נס אַ דאַנק גאָטס חסד ווערט איר פלוצים אָט־דאָ ניט פאַרוואַנדלט אין קיין ברודיק־קויטיקע בלאָטעס.

בעת ער האָט גערעדט, האָבן פלאַמען געשפּריצט פון זיינע אויגן. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז הייסע פייער־פונקען האָבן זיך געשאָטן

פון זיין מויל. און די, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, האָבן, ניט ווילנדיק, אים געמוזט הערן.

אָבער דער אַלטער טאַדעוס האָט ניט געפּטרט קיין צייט אומזיסט. ער האָט אָנגעקליבן שטיינער און מושלען פון אויסטערן און באַהאַלטן אין די פאַלדן פון זיין קלייד. ניט האָבנדיק קיין, העזה ווארפן אַליין, האָט ער בשתיקה זיי צעטיילט די בעטלערס. באַלד האָבן אָנגעהויבן פליען שטיינער און איין מושל האָט פאַרוואונדעט פּאַפּנוטיוסן אין שטערן. דאָס בלוט, וואָס איז גערונען איבערן ברוינעם געזיכט פונם קדוש, איז, ווי נייע טויף־וואַסער, געפאַלן טראָפּנווייז אויפן קאָפּ פון דער פרוי דער בעל־תשובה. און דער מאָנאַך האָט געדריקט טאַיס אין זיינע אָרעמס, איר צאַרטע הויט האָט זיך געריבן אָן זיין האַרטהאָריקן לייבל און געפילט האָט זי, ווי ס׳לויפט איר דורך איבערן לייב אַ ציטער פון שרעק און כּחד.

אין דער זעלבער רגע האָט אַ פיין געקליידטער מאַן מיט אַ לאָרבער־קראַנץ אויפן שטערן דורכגעריינקט זיך אַ וועג צווישן דעם אויפגערודערטן המון און האָט געשריגן:

— באַרויקט אייך, באַרויקט אייך, דער מאָנאַך איז מיינער אַ ברודער.

דאָס איז געווען ניקיאַס. ער האָט נאָר וואָס פאַרמאַכט די אויגן דעם פילאָזאָף עווקריט, און גייענדיק איצט אַהיים, האָט ער באַמערקט דעם פלאַקערנדיקן שייטער, טאַיס, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ גראָבן וואָלענעם מאַנטל, און דעם שיער ניט פאַרשטייגערטן פּאַפּנוטיוסן.

— גענוג, זאָג איך אייך, האָט רחמנות אויף מיין אַלטן חבר. —

אָבער ניקיאַס, וואָס איז געוויינט געווען צו פירן איידעלע פילאָזאָפישע געשפּרעכן, האָט ניט פאַרמאָגט דעם מעכטיקן אימפּעט, וואָס קאָן אָפּשטעלן דעם המונישן גייסט. מ׳האָט אים לחלוטין ניט געהערט. אַ האָגל פון שטיינער און מושלען איז געפאַלן אויפן מאָנאַך, וועלכער האָט צוגעדעקט טאַיס מיט זיין קערפּער און געלויבט דעם חסד פון גאָט, וואָס גלעט אים מיט די דאָזיקע ווונדן. ניקיאַס האָט פאַרלוירן די האָפענונג איינצושטילן דעם עולם און מציל צו זיין זיין פריינט מיט קראַפט אָדער מיט רייד. און ער האָט געהאַט באַשלאָסן

לאָזן די געטער, ווען ער האָט אַזוי ווייניק געגלויבט, זיי זאָלן טאָן ווי זיי ווילן. תיכּף אָבער איז אים אַרויף אויפֿן זינען אויסנוצן אַ המצאה, צו וועלכער ער האָט זיך דערטראַכט בלויז דערפֿאַר, ווייל ער האָט געקוקט אויף מענטשן פֿון אויבן אַראָפּ.

ער האָט אָפּגעבונדן פֿונם גאַרטל דעם בייטל, וואָס איז געווען אויפֿן ותרנישן שטייגער אָנגעפּילט מיט גאָלד און זילבער, געלאָזט זיך לויפֿן צו די, וואָס האָבן געוואָרפֿן די שטיינער, און געקלונגען מיט די מטבעות פֿאַר זייערע אויערן. דערצאָרנטע האָבן זיי לכתחילה גאָרנישט ניט באַמערקט, אָבער ביסלעכווייז האָט דער קלאַנג פֿונם גאָלד אָפּגעווענדט זייערע בליקן און זייערע אָפּגעשוואַכטע הענט האָבן אויפֿגעהערט צו דראָהען פּאַפּנוטיוסן. דערזעענדיק, אַז ער האָט צוגעצויגן זייערע אויגן און זייערע נשמות, האָט ניקיאַס אויפֿגעעפֿנט זיין בייטל און גענומען וואַרפֿן אין עולם גאָלדענע און זילבערנע מטבעות. די סאַמע להוטע האָבן אָנגעהויבן זיי אונטערצוקלייבן. דער פֿילאָזאָף איז געווען גליקלעך פֿון זיין ערשטן ערפֿאָלג און האָט אָנגעהויבן צו וואַרפֿן אויף לינקס און אויף רעכטס דינארס און דראַכמעס. די מטבעות האָבן געקלונגען אויפֿן ברוק און דער המון האָט זיך אַלאָז געטאָן זיי כאַפּן. בעטלערס, קנעכט און סוחרים האָבן איינס איבערן אַנדערן געפּויזעט איבער דער ערד, בעת די פּאַטריציער, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום קעראָנען, האָבן אָנגעקוקט די שפּיל און שיער ניט געשטאָרבן פֿאַר געלעכטער. קעראָן גופֿא האָט פֿאַרגעסן זיין גאַנצן צאָרן, זיינע חברים האָבן געררייצט דעם המון, וואָס איז אומגעקראָכן איבער דער ערד, געגאַנגען אין געוועט, אָנגעמערקט גבורים, און ביי יעדן געשלעג אָנגערייצט די אומגליקלעכע, ווי הינט, איינעם אויפֿן צווייטן. ווען איינעם אַ הינקעדיקן האָט געלונגען כאַפּן אַ דראַכמע, האָבן פֿרייליכע אויסגעשרייען געהילכט ביז אין הימל אַריין. די יונגע מענטשן גופֿא האָבן גענומען וואַרפֿן געלט און אינגיכן איז דער גאַנצער פּלאַץ געווען באַדעקט בלויז מיט אַן אומגעהייערער צאָל פּלייצעס, וואָס האָבן אונטערן רעגן פֿון מטבעות זיך צוזאַמענגעשטויסן, ווי כוואַליעס פֿון אַ ברויזנדיקן ים. פּאַפּנוטיוסן האָט מען אינגאַנצן פֿאַרגעסן.

ניקיאַס איז צוגעלאָפֿן צו אים, צוגעדעקט אים מיט זיין מאַנטל

און אים צוזאַמען מיִט טאַיִס אָפּגעפיִרט איִן אַ היִנטערגעסל, ווו קיי־
נער האָט זיי ניִט פֿאַרפֿאָלגט. אַ שטיִק צייט זיינען זיי געלאָפֿן שוויי־
גנדיִק־שטיִל, דערנאָכדעם, אַז דיִ סכנה איִז איִנגאַנצן אַריִבער, האָבן
זיי אָנגעהויבן גיין לאַנגזאַמער און ניִקיִאַס האָט זיִך געווענדעט צו
זיי מיִט אַן אומעטיִק־שמייכלענדיִקער שטיִם:

— הייסט דאָס, אַ סוף. פּלוטאָן נעמט איִן געפענגעניִש פּראָ־
זערפּיִנאַן, און טאַיִס איִז גרייט אַוועקגיין ווייט פֿון אונז מיִט מיין
שטרענגן פריינט.

— ס׳איִז אמת, ניִקיִאַס, — האָט געענטפערט טאַיִס, — איִך ביִן מיִד
און קאָן מער ניִט לעבן מיִט אַזוינע מענטשן, וויִ דו, שמייכלענדיִקע,
פּאַרפומיִרטע, ליִבלעכע און זעלבסטצופריִדענע. כ׳ביִן מאַט פֿון אַלץ,
וואָס איִך ווייס, און איִך גיי זוכן דאָס אומבאַוווּסטע. כ׳האָב דער־
פיִלט, אַז דיִ פרייד איִז קיין פרייד ניִט און אָט־אָ דער מענטש
לערנט מיִך, אַז דיִ אמתע פרייד איִז איִן ליידן. כ׳גלויב איִם, ווייל
ער פֿאַרמאָגט דעם אמת.

— און איִך, פריינדלעכע נשמה, — האָט געענטפערט ניִקיִאַס,
שמייכלענדיִק, — איִך פֿאַרמאָג דיִ אמתן. ער האָט בלויז איין אמת —
איִך האָב אַלע. איִך ביִן רייכער פֿון איִם, נאָר בעצם ביִן איִך דער־
פֿון ניִט געוואָרן ניִט תקיפֿער און ניִט גליִקלעכער.

און, זעענדיִק, אַז דער מאָנאַך וואַרפט אויף איִם פלאַמענדיִקע
בליִקן, האָט ער געזאָגט:

— טייערער פּאַפנוטיוס, מיין ניִט, אַז איִך קוק אויף דיִר, וויִ
אויף אַ מאָדנעם צו איִנגאַנצן זיִנלאָזן מענטשן. און ווען איִך פֿאַר־
גלייך מיין לעבן מיִט דיינעם, ווייס איִך ניִט וועמעס איִז בעסער.
אָט באַלד וועל איִך נעמען אַ באָד, וואָס קראָביִלע און מיִרטאַלע
וועלן מיִר צוגרייטן, כ׳וועל איִבערבייסן מיִט אַ פליִגל פֿון אַ פֿאַזאַן,
דערנאָכדעם וועל איִך צום הונדערטן מאָל דורכלייענען אַ וואָסער
ניִט איִז מעשה פֿון אַפּוליעוס, צו אַ טראַקטאַט פֿון פּאָרפֿיִריוס. און דו,
דו וועסט זיִך צוריִקקערן איִן דיין קאַמער, וועסט קניִען, וויִ אַ גע־
האָרכזאַמער קעמל און איִן אָוונט וועסטו איינשליִנגען אַ פּאָר טרוקע־
נע קרייטעכצער אָן אייל. נו, איִז וואָס, מיין ליִבער! טוענדיִק אונ־
זערע פֿאַרשיידענע, כלומרשט, אַרבעטן, פֿאָלגן מיִר ביידע איינעם און

דעם זעלבן געפיל, דעם איינציקן כוח, וואָס באַוועגט מיט אַלע מענטשלעכע מעשים; מיר ביידע זוכן פאַרגעניגן און האָבן אין זינען איינעם און דעם זעלבן ציל–גליק, דאָס אוממעגלעכע גליק! כ׳וואָלט דעריבער שלעכט געהאַנדלט, ווען איך וואָלט געזאָגט, אַז דו ביסט אומגערעכט און אַז איך בין גערעכט.

און דו, מיין טאַטע, גיי און האָב הנאה. זאָלן דיר, אויב ס׳איז מעגלעך, די תעניתים און תשובות געבן דאָס גליק, וואָס דו האָסט ניט געפונען אין רייכקייט און פאַרגעניגנס. נאָך אַלעמען מיין איך, אַז מ׳מעג דיר מקנא זיין. ווארים, אויב איך מיט פאַפנוטיוסן האָבן, לויט אונזער טבע, אַ גאַנץ לעבן געזוכט בלויז איין מין באַפרידיגונג, האָסטו, טייערע טאַטע, פאַרזוכט פון אַזוינע פאַרשיידנאַרטיקע תענוגים, וואָס גיבן זיך אַזוי זעלטן איין און דעם זעלבן מענטשן. באמת, וואָלט איך, לכל הפחות אויף איין שעה, געוואָלט זיין אַזאַ מין הייליקער, ווי אונזער ליבער פאַפנוטיוס. נאָר איך טאָר דאָס דאָך ניט טאָן. זיי געזונט, טאַטע. גיי אַהין, וווהין ס׳ציט דיך דיין נאַטור און דיין מזל. גיי און טראָג אַוועק אין דער ווייט אַריין די ווונטשן פון ניקיאַס. איך ווייס, אַז זיי זיינען גאָרנישט ניט ווערט. נאָר וואָס קאָן איך דיר געבן מער פונם פרוכטלאָזן באַדויערן און אומזיסטע ווונטשן פאַר די ציכטיקע טרוימען, וואָס האָבן מיך אַמאָל פאַרוויגט אין דיינע אָרעמס, און פון וועלכע ס׳איז מיר געבליבן בלויז אַ שאָטן. זיי געזונט, מיין גוטע טאַטע. זיי געזונט, גוטסקייט, וואָס ווייסט אַליין פון זיך ניט, געהיימניספולע קראַפט, דער נחת-רוח פון מענטשן! זיי געזונט, דו ווונדערבאַרסטער פון אַלע בילדער, וואָס די נאַטור האָט געוואָרפן אין אונזער תהו-ובהו-וועלט, ווער ווייס צוליב וואָסערע צילן!

בעת ער האָט אַזוי גערעדט, האָט אַ שוואַרצער צאָרן געטליעט ביים נזיר אין האַרצן. און ער האָט אויסגעבראָכן מיט קללות.

— אַוועק, פאַרפלוכטער! כ׳האַס דיך און פאַראַכט דיך, אַוועק, דו זון פון גהינום, דו ביסט טויזנט מאָל פאַרדאָרבענער פון די אָרעמע פאַרבלאָנזשעטע, וואָס האָבן נאָר וואָס מיך געזידלט און פאַרוואָרפן מיט שטיינער. זיי האָבן ניט געוווסט, וואָס זיי טוען, און גאָטס חסד וועט ווען עס איז אַראָפנידערן צו זיי אין די הערצער. אָבער

דו, פאַרהאַסטער ניקיאַס, דו ביסט אַ פאַררעטעריִשער סם, אַ גיפט, וואָס טויט אויפן אָרט. דיין מויל עטעמט מיט יאוש און טויט. מיט איין שמייכל מיט דיינעם טוסטו לעסטערן גאָט מער, איידער דער שטן מיט זיינע פלאַמענדיקע ליפּן אין משך פון דורות. אַוועק רשע!

ניקיאַס האָט געוואָרפן אויף אים אַ צאַרטן בליק.

— זיי געזונט, מיין ברודער,—האָט ער אים געזאָגט,—כ'ווינטש דיר ביזן סוף פון דיינע טעג פאַרהיטן די אוצרות פון דיין גלויבן, פון דיין האַס און פון דיין ליבע. זיי געזונט, טאַיס! אויב דו וועסט מיך פאַרגעסן, וועל איך דיך אָבער האַלטן אין זכרון.

און פאַרלאָזנדיק זיי, איז ער אַ פאַרטראַכטער אַוועק מיט די קרומע געסלעך, וואָס רינגלען אַרום דעם גרויסן אַלעקסאַנדריער בית-עולם. דאָרט זיינען געזעסן די טעפּער, וואָס אַרבעטן אויס לוויי-מענע ווערק פאַר לויהס. זייערע געוועלבלעך זיינען פול געווען מיט די העל-געפאַרבטע ליימענע פיגורן פון געטער, געטינס, שפּילערינס, פרויען און באַפליגלטע מלאכים, וואָס מ'פלעגט געוויינלעך לייגן אין קבר צוזאַמען מיט די טויטע. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז איינע, צו גלויבן, פון אָט-אָ די סטאַטועס, וועט אים באַגלייטן אין זיין אייביקער רו, און אויסגעגעבן האָט זיך אים, אַז איינער אַ קליינער עראָס, וואָס האָט אונטערגעהויבן זיין טוניק, קוקט אויף אים און לאַכט אים אויס. אים איז געווען שווער צו טראַכטן מכּוח זיין אייגענער לויה, וואָס ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. כּדי פּטור צו ווערן פונם אומעט, האָט ער אַ פּרווו געטאָן פילאָזאָפירן, און האָט אויס-געבויט אַזאַ מין געדאַנק:

— געוויס,—האָט ער זיך געזאָגט,—די צייט איז ניט קיין ממשותדיקע זאַך, ס'איז בלויז אַ ריינע פאָרשטעלונג פון אונזער שכל. נו, און אויב קיין צייט איז ניטאָ, היינט, ווי קאָן זי מיר ברענגען דעם טויט?... הייסט דאָס דען אָבער, אַז איך וועל אייביק לעבן? ניין. נאָר דערפון איז געוויס געדרונגען, אַז מיין טויט איז געווען ביז איצט, איז פאַראַן היינט און וועט זיין תּמיד. איך פיל אים ניט, אָבער ער איז שוין דאָ, און איך דאַרף פאַר אים קיין מורא ניט האָבן, ווייל ס'וואָלט געווען אַ משוגעת מורא צו האָבן פאַרן קומען פון דעם, וואָס איז שוין געקומען. דער טויט עקסיסטירט, ווי

דיִ לעצטע זייטלעך פֿון דעם בוך, וואָס איִך לייען און וואָס איִך האָב נאָך ניִט פֿאַרענדיִקט.

אָט דער געדאַנק האָט איִם פֿאַרנומען אַ גאַנצן וועג, ער האָט אָבער ניִט פֿאַרטריִבן זיין אומעט. אויפֿן האַרצן האָט זיִך ביי איִם געטאָן חושך, און בעת ער האָט געזעגנט זיִך צו דער שוועל פֿון זיין הויז, האָט ער דערהערט דעם היִלכיִקן געלעכטער פֿון קראָביִלע און מיִרטאַלע, וואָס האָבן, וואַרטנדיִק אויף איִם, זיִך געשפּיִלט מיִט אַ באַל.

פֿאַפֿנוטיוס און טאַיס זיינען אַרויס פֿון שטאָט דורך דיִ טויערן פֿון דער לבנה און זיינען אַוועק מיִטן ברעג ים.

— פֿרוי,—האָט געזאָגט דער מאָנאַך,—אָט דער גאַנצער בלויער ים איז ניִט ביכולת אָפּוואַשן דיין טומאה.

ער האָט גערעדט צו איִר מיִט צאָרן און פֿאַראַכטונג.

— ביִסט מאוסער פֿון דיִ צויגן און פֿון דיִ חזריִם, האָסט אַוועק־געגעבן דיין גוף צו דיִ געצנדיִנער און רשעים, דיין גוף, דעם בית־המקדש, וואָס דער אייביִקער האָט פֿאַר זיִך באַשאַפֿן. ביִסט אַזוי אומריין, אַז איִצט, בעת דו ווייסט דעם אמת, קאָנסטו ניִט אַ ריִר טאָן מיִט דיִ ליִפּן, ציִ, צונויפֿלייגנדיִק דיִ הענט, ניִט דערפֿיִלן טיִף איִן האַרצן אַן עקל צו זיִך אַליין.

זיִ איִז פֿאָלגעוודיִק געגאַנגען נאָך איִם איִבער דיִ שלעכטע קרומע וועגן אונטער דיִ שטראַלן פֿון דער פֿלאַמענדיִקער זון. איִרע קניִ האָבן זיִך איִר אונטערגעבראָכן פֿון מיִדקייט און דער דאָרשט האָט איִר געבערנט דעם אָטעם. אָבער פֿאַפֿנוטיוס איִז ווייט געווען פֿון דעם רחמנות, וואָס מאַכט שוואַך דאָס האַרץ פֿון וועלטלעכע מענטשן. אדרבא, ס'האָבן איִם געפֿרייט דיִ אויסלייזונגס־יסורים פֿון דעם דאָזיִקן גוף, וועלכער האָט אַזוי פֿיִל געזיִנדיִקט. פֿון הייליִקן איִמפּעט און התלהבות איִז ער גרייט געווען צעשניִדן מיִט ריִטער דעם דאָזיִקן קערפּער, וואָס האָט נאָך פֿאַרהיִט זיין שיינקייט, ווי אַן עדות פֿון זיין שאַנד. זיינע רעיונות האָבן געשטיִמט מיִט זיין פֿרומען צאָרן, און דערמאָנענדיִק זיִך, אַז ניקיאַס איִז געווען ביי טאַיס איִן בעט, האָט עס זיִך איִם פֿאָרגעשטעלט אַזוי העסלעך, אַז דאָס האַרץ איִז איִם פֿאַרלאָפֿן מיִט בלוט און שיִער ניט צעריִסן זיִך. אָנשטאָט

די קללות, וואָס ער האָט דערשטיקט אין האַלז, האָט ער געקריצט מיט די ציין. ער האָט אַ שפּרונג געטאָן, געשטעלט זיך נעבן איר אַ בלייכער, אַ מוראדיקער, פול מיט גאָטס צאָרן, דורכגענומען זי מיט זיין בליק און אַ שפּיי געטאָן איר גלייך אין פּנים אַריין.

זי האָט רויק אָפּגעווישט דאָס געזיכט, ניט אָפּשטעלנדיק זיך אפילו. איצט איז ער נאָכגעגאַנגען נאָך איר, געקוקט ווי אין אַ תהום, ניט אַראָפּנעמענדיק פון איר קיין אויג. ס'האָט אין אים געברענט אַ הייליקער צאָרן. ער האָט געטראַכט נקמה צו נעמען פאַר יעזוס כריסטוס, כדי יעזוס גופא זאָל ניט נעמען קיין נקמה. פּלוצים האָט ער דערזען אַ טראָפּן בלוט, וואָס איז אַראָפּגערונען פון טאַטס פאַרווונדעטן פוס. און דערפילט האָט ער, ווי אַ מחיהדיקער פרישער אָטעם פילט אָן זיין אפן האַרץ. טרערן האָבן אים געשטיקט, ער האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט, געפאַלן צו אירע קני, גערופן זי „שוועסטער“, און געקושט די פאַרבלוטיקטע פיס אירע. ער האָט צום טויזנטן מאָל איבערגעחזרט:

— שוועסטער מיינע, שוועסטער מיינע, מוטער מיינע, הייליקע!

ער האָט תפלה געטאָן:

— מלאכים פון הימל, קלייבט אונטער דעם דאָזיקן טייערן טראָפּן און טראָגט אים אָפּ צום כסא=הכבוד. און דאָ אויפן זאַמד, וווּ ס'איז געפאַלן דאָס בלוט פון טאַטס, זאָל אויפבליען אַן אַנעמאָנע, און אַלע, וואָס וועלן עס זען, זאָלן באַקומען אַ ריין האַרץ און אַ ריין געוויסן. אָ, הייליקע, הייליקע טאַטס!

בעת ער האָט מתפלל געווען און אַזוי נביאות געזאָגט, איז איינער אַ ייִנגל דורכגעפאָרן פאַרביי אויף אַן אייזל. פּאַפּנוטיוס האָט אים געהייסן אַראָפּקריכן, אַוועקגעזעצט טאַטס אויפן אייזל, גענומען דעם צוים אין האַנט און געגאַנגען זיך ווייטער זיין וועג. צו פאַרנאַכט=צו זיינען זיי אָנגעקומען צו אַ טייכל, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט גרויסע ביימער. פּאַפּנוטיוס האָט צוגעבונדן דעם אייזל צו אַ פייגנבוים, געזעצט זיך אויף אַ מאָך=באַוואַקסענעם שטיין און צוזאַמען מיט טאַטס אונטערגעלענט דאָס האַרץ מיט ברויט און זאַלץ. זיי האָבן געטרונקען פרישע וואַסער פון דער האַנט און געשמועסט מכּוח דער אייביקייט. טאַטס האָט געזאָגט:

— כ'האָב נאָך קיינמאָל ניט געטרונקען אַזאַ קלאָר וואַסער און ניט געשמעקט מיט אַזאַ פרישער לופט. כ'פיל, אַז גאָט שוועבט אום אין דעם ווינטל, וואָס לויפט פאַרביי.

פאַפנוטיוס האָט געענטפערט:

— איצט איז נאָך נאַכט, שוועסטער, די בלויע נאַכט־שאָטנס דעקן צו די בערג. אָבער אינגיכן וועסטו זען די אוצרות פון לעבן בליען און די שטראַלן פונם באַגינען. באַלד וועסטו זען, ווי ס'צינדן זיך אָן די רויזן פונם אייביקן פרימאָרגן.

אַ גאַנצע נאַכט זיינען זיי געגאַנגען און, בעת די לבנה האָט געגלעט די באַזילבערטע וואַלן, האָבן זיי געזונגען הייליקע מזמורים און געזאַנגען. ווען די זון איז אַרויס, איז פאַר זיי געלעגן אויסגע־צויגן דער מדבר, ווי אַ גרויסע פעל פון אַ לייב, וואָס איז אויסגע־שפרייט איבער דער ליוושער ערד. ביים זוים פונם זאַמד אונטער די פאַלעמס האָבן זיך ביי דער שיין פון באַגינען באַוויזן ווייסע שטיבלעך.

— פאָטער,—האָט געפרעגט טאַיס,—אָט־אָ דאָרט זיינען די אוצרות פון לעבן?

— דו האָסט געטראָפן, טאָכטער און שוועסטער, דאָס איז דאָס הויז פון דיין גאולה, ווו כ'וועל דיך פאַרשליסן מיט מיינע אייגענע הענט.

אינגיכן האָבן זיי דערזען פרויען, וואָס האָבן פון אַלע זייטן געשפאַרט זיך אַרום די נזירים־שטיבלעך, ווי בינען אַרום דעם בינ־שטאָק. אייניקע פון זיי האָבן געבאַקן ברויט, געגרייט גרינס, די אַנדערע האָבן געשפונען לייַן, און דער שיין פונם הימל האָט, ווי גאָטס אַ שמייכל, באַשטראַלט זייערע פנימער. אַנדערע זיינען געזעסן פאַרטראַכטע אין די שאָטנס פון דיביימער. זייערע ווייסע הענט האָבן ניט געוווסט פון קיין אַרבעט, ווייל זיי זיינען פול געווען מיט ליבע און האָבן זיך אויסגעקליבן דאָס לעבן פון מאַגדאַלענע. זיי האָבן גאָרניט ניט געטאָן, פאַרבראַכט די צייט בלויז אין תפלות, דבקות און התלהבות. אָט דערפאַר טאַקע האָט מען זיי גערופן „מרים“ און אָנגעטאָן זיינען זיי געווען אין ווייסן. און די, וואָס האָבן געאַרבעט מיט די הענט, האָט מען גערופן „מאַרטאַ“ און זיי־

האָבן געטראָגן בלויע קליידער. זיי אַלע האָבן געטראָגן דעקטיכער, נאָר ביי די סאַמע יונגע האָבן זיך אַרויסגעגליטשט אַ פּאָר ביינטלעך האָר אויפן שטערן, מסתּמא האָבן זיי דאָס ניט באַמערקט, ווייל לויטן מנהג איז דאָס געווען פאַרבאָטן. אַ הויכע גרויע אַלטע זקנה איז אומגעגאַנגען פון קאַמער צו קאַמער, אָנגעלענט אויף אַ שווערן שטעקן. פּאַפנוטיוס האָט מיט אַ יראת הכּבוד זיך צו איר גענענט, אַ קוש געטאָן דעם זוים פון איר דעקטוך און געזאָגט:

— גאָטס שלום איז מיט דיר, חשובע אַלבינאַ. דיר, דער מלכּה פונם בינשטאָק, ברענג איך אַ בין, וואָס איך האָב געפונען אַ פאַרבלאָנזשעטע אויפן וועג, ווו ס׳זיינען ניטאָ קיין בלומען. כ׳האָב זי גענומען אין האַנט און דערוואַרעמט מיט מיין אָטעם. כ׳גיב זי דיר אָפּ.

און ער האָט מיטן פינגער אָנגעוויזן אויף דער שפּילערין, וואָס האָט איצט געקניט פאַר דער טאָכטער פון צעזאַר. אַלבינאַ האָט געוואָרפן אַ שטרענגן בליק אויף טאַיס, געהייסן איר אויפשטיין, אַ קוש געטאָן זי אין קאָפּ און געווענדעט זיך צום מאָנאַך:

— מיר וועלן איר געבן אַן אָרט צווישן די, וואָס רופן זיך מרים.

פּאַפנוטיוס האָט דאַן דערציילט איר, ווי אַזוי טאַיס איז אָנגעקומען אַהער און געבעטן אַן ערלויבעניש צו פאַרשפּאַרן זי קודם כּל אין אַ קאַמער. די נזירה האָט מסכּים געווען און אָפּגעפירט די בעל־תּשובה אין אַ ביידל, וואָס איז געבליבן ליידיק נאָכן טויט פון דער הייליקער בתולה לעטאַ. אינם קליינעם געצעלט איז בלויז געשטאַנען אַ בעט, אַ טיש און אַ קרוג, און טאַיס איז מיט גרויס שמחה אַריבערגעטראָטן די שוועל פונם קאַמער.

— איך וויל, — האָט געזאָגט פּאַפנוטיוס, — אַליין פאַרשליסן די טיר און לייגן אַ חתימה, וואָס יעזוס קריסטוס וועט קומען שפּעטער אויפברעכן מיט זיינע הענט.

ער איז אַוועק צום פאָנטאַן, אָנגענומען דאָרט אַ הויפן ליים, פאַרקנאָטן מיט אַ דאָר פון קאָפּ און פאַרקלעפּט דערמיט דעם שפּאַלט פון טיר. ער איז צוגעגאַנגען דערנאָכדעם צום פענסטער, ווו טאַיס איז געשטאַנען אַ רויקע און צופרידענע. געשטעלט זיך אויף

די קני, דריי מאָל דערמאָנט גאָטס נאָמען און אויסגעשריגן:

— ווייל איז דער, וואָס גייט אין די וועגן פון לעבן, ווי שיין ס'זיינען אירע טריט און איר שטראַלנדיק געזיכט!

ער איז אויפגעשטאַנען, אַראָפּגעלאָזן דעם קאַפּטער איבער די אויגן און איז אַוועק מיט לאַנגזאַמע טריט.

אַלבינאַ האָט אַ רוף געטאָן איינע פון אירע נזירות.

— טאָכטער, —האָט זי צו איר געזאָגט, —טראָג אַוועק טאַיס אַלץ, וואָס זי באַדאַרף: ברויט, וואַסער און אַ פּלייט מיט דריי לעכלעך.

In memory of dearly beloved
Geraldine (Gerry) Friedman
DONATED BY HER FATHER
TO THE
MOUNT SINAI SANATORIUM

IV.

וואַלפֿן=מילר.

פּאַפנוטיוס האָט זיך צוריקגעקערט אין הייליקן מדבר אַריין. נעבן אַטריביס האָט ער זיך געזעצט אויף אַ שיף, וואָס איז געגאַנגען מיטן נילוס אַרויף וואַסער און געפירט שפּייז אין נזירים=הויז פונם הייליקן סעראַפּיאָן. בעת ער איז אַראָפּ פון שיף, זייַנען זייַנע תלמידים געגאַנגען אים אַנטקעגן און באַגעגנט אים מיט גרויס שמחה. אייניקע האָבן געהויבן די הענט צום הימל, אַנדערע האָבן זיך געבויגן ביז צו דער ערד און געקושט דעם גלחס סאַנדאַליעס. זיי אַלע האָבן שוין געוווּסט דאָס, וואָס דער הייליקער האָט אויפגעטאָן אין אַלעקסאַנדריע. די נזירים האָבן תמיד אויף אַן אומבאַוווּסטן און פלינקן דרך באַקומען די אַלע ידיעות, וואָס האָבן אַ שייכות געהאַט צום קלויסטער. די נייעסן האָבן זיך איבערגעגעבן איבערן מדבר אַזוי גיך ווי אַ ווירבלווינט

פון שיף איז פּאַפנוטיוס אַוועק טיפער אין מדבר אַריין און די תלמידים זייַנען אים נאָכגעגאַנגען און געלויבט גאָט דעם האַר. פלאַוויאַנוס, דער עלטסטער פון די ברידער, איז אַריין אין התלהבות און האָט געשאַפן אַ באַגייסטערט ליד:

— „געבענטשט איז דער טאָג, אונזער פאָטער איז צוריק גע=
קומען צו אונז!—

„ער איז געקומען צו אונז אָנגעלאָדן מיט נייע זכיות, וואָס
וועלן אונז פאַררעכנט ווערן!—

„ווייל די מצוות פונם פאָטער איז אַ רייכקייט פאַר די קינדער, און די
הייליקייט פונם עלטסטן גלח פילט אָן מיט אַ בשמים=ריח אַלע קאַמערן.—

„פּאַפּנוטיוס, אונזער פּאָטער, האָט געגעבן אַ נייע כּלה פאַר יעזוס קריסטוס.—

„ער האָט געשאַפן וווּנדער—פאַרוואַנדלט אַ שוואַרצע שאָף אין אַ ווייסע שאָף.—

„און אָט קומט ער צו אונז אַ געקרוינטער מיט מעשים־טובים.—

„געגליכן צו אַ בין פון אַ סיגנאַטידע, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט זיסקייט פון בלומען.—

„געגליכן צו אַ נביישער שאָף, וואָס טראָגט קוים די משא פון איר פּראַכטפולער וואָל.—

לאָ׳מיר פייערן דעם טאָג און צוריכטן היינט אונזער שפּייז מיט איילן!”—

ביי דער שוועל פונם גלחס קאַמער האָבן זיי זיך אַלע געשטעלט אויף די קני און געזאָגט:

— זאָל אונזער פּאָטער אונז בענטשן און אַרויסגעבן יעדן פון אונז אַ קווערטל אייל, אויף צו פייערן דעם טאָג.

בלויז פּאַוולוס דער תּם איז געבליבן שטיין אויף די פיס און געפרעגט: „ווער איז אָט דער מענטש?”—ער האָט גאָר ניט דערקענט פּאַפּנוטיוסן. קיינער אָבער האָט קיין אַכטונג ניט געגעבן אויף זיינע רייד, ווייל אַלע האָבן געוווּסט, אַז ער איז אַ דולער, הגם ער איז געווען פרום.

דער גלח פון אַנטינאָע האָט זיך פאַרשפּאַרט ביי זיך אין קאַמער און האָט זיך פאַרטראַכט:

— ענדלעך, בין איך געקומען אין דעם מקום־מקלט, אין דעם אָרט פון מיין רו און גליק. כ׳האָב זיך צוריקגעקערט אין דער פעסטונג פון מיין פרייד. נאָר פאַרוואָס נעמט מיך ניט אויף אָט דער אָטשערעטענער דאַך, ווי אַ פריינט, און די ווענט זאָגן מיר ניט: „שלום־עליכם!” פון דער צייט, זינט איך בין אַוועק, האָט זיך דאָ גאָרניט ניט געביטן. אָט איז מיין טיש און מיין בעט. אָט איז דער קאָפּ פון דער מומיע, וואָס האָט מיך באַגייסטערט מיט אַזוי פיל ערלייזונגס־געדאַנקען. אט איז דאָס בוך, אין וועלכן כ׳האָב אָפט געזוכט גאָטס געשטאַלט, און דאָך געפין איך דאָ גאָרניט פון דעם, וואָס כ׳האָב געלאָזן. מיר דאַכט זיך, אַז די אַלע זאַכן האָבן

פארלוירן זייער געוועזענעם חן, ס׳גיט זיך מיר אויס, אז איך זע דאס אלץ צום ערשטן מאל. און באטראכט איך דעם טיש, דעם געלעגער, וואס איך האב אויסגעהאקט מיט די אייגענע הענט, די מגלות פון פאפירוס, וואס זיינען אנגעפילט מיט גאטס געבאטן—גלויב איך, אז די אלע חפצים געהערן צו א טויטן. איך קען זיי פון לאנג אן און איצט דערקען איך זיי שוין ניט מער. און, היות ווי אלץ ארום מיר האט זיך איבערגעביטן ניט געביטן, הייסט עס, אז איך אליין בין שוין ניט דער, וואס געווען. איך בין אן אנדערער. איך בין טויט. דער טויטער—דאס בין איך. וואס האט מיט אים געטראפן? גאט, וואס האט ער צוגענומען? וואס האט ער מיר איבערגעלאזן? און ווער בין איך?

באאומרויקט האט אים באזונדערס דאס, וואס זיין קאמערל האט אים איצט זיך אויסגעוויזן אזוי קליין, בעת ער האט באדארפט, קוקנדיק אויף דעם מיט אויגן פון אמונה, זען עס, אדרבא, גרויס, ווייל גאטס אומענדלעכקייט האט זיך דאך דא אנגעהויבן.

בעת ער האט אנגעהויבן תפלה טאן, אויסציענדיק זיך אויף דער ערד, האט ער זיך א ביסל באַרויקט. ס׳איז נאך אבער קיין שעה ניט אריבער—און דאס געשטאלט פון טאיס האט זיך געוויזן אים פאר די אויגן.

— יעזוס, דאס שיקסטו זי מיר. איך דערקען אין דעם דיין אומענדלעכע גוטסקייט. דו ווילסט, איך זאל מיך בארויקן, דערפרייען זיך און זיך פארשטארקן, דערזעענדיק די, וואס איך האב דיר אוועקגעגעבן. דו ווייזט מיר איר איצט שוין ניט שעדלעכן שמייכל, איר אומשולדיקן חן, איר שיינקייט,ביי וועלכער כ׳האב ארויסגעריסן דעם גיפט. ווילסט מיך אויפמונטערן, ווייזטו זי מיר אט אזוי, ווי איך האב זי אויסגעפוצט און אויסגערייניקט צוליב דיר, אט, ווי איין פריינט דערמאנט, שמייכלענדיק, דעם צווייטן די מתנה, וואס ער האט פון אים באקומען. אט דערפאר קוק איך מיט פרייד אויף דער פרוי. באגלויבט בין איך, אז די זעונג קומט פון דיר. דו ווילסט, דו זאלסט ניט פארגעסן, אז דאס האב איך זי דיר געבראכט, מיין יעזוס. זי געפעלט דיר, היט זי, ניט דערלאז נאר, אז איר שיינקייט זאל שיינען פאר עמעצן אנדערש חוץ דיר.

אַ גאַנצע נאַכט האָט ער ניט געקאָנט אַנטשלאָפֿן ווערן, און געזען טאַטיס דייטלעכער איידער אין דעם אָוונט, דעמאָלט אינם גראָט פֿון די נימפֿעס. ער האָט אַליין זיך אָפּגעגעבן גערעכט און געזאָגט:

— דאָס, וואָס איך האָב געטאָן, האָב איך געטאָן פֿון גאָטס וועגן.

און דאָך האָט ער זיך ניט געקאָנט באַרויִקן. ער האָט געזיפֿצט:

— פֿאַרוואָס ביסטו אומעטיק, נשמה מיינע, און פֿאַרוואָס באַומרויִקסטו מיך?

און זיין נשמה איז טאַקע געבליבן אומרויִק. דרייסיק טעג האָט ער פֿאַרבראַכט אין אַזאַ אומעט — אַ סימן פֿון קומענדיקע נסיונות. דאָס געשטאַלט פֿון טאַטיס האָט אים ניט פֿאַרלאָזט סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט. ער האָט ניט געפּרוווט עס פֿאַרטרייבן, ווייל ער האָט געטראַכט, אַז ס'איז פֿון גאָט, אַז ס'איז דאָס געשטאַלט פֿון אַ הייליקער. אָבער איינמאָל פֿאַרטאָג איז זי געקומען צו אים אין חלום, די האָר איבערגעבונדן מיט פֿיילכן און אַזוי געפֿערלעך איז זי געווען מיט איר חן, אַז ער האָט אַ געשריי געטאָן פֿון פּחד, און האָט זיך אויפֿגעכאַפּט איינגאַנצן באַדעקט מיט אַ קאַלטן שווייס. די אויגן פֿאַרמאַכט נאָך פֿון שלאָף, האָט ער דערפֿילט, ווי עפּעס אַ פֿייכטער, אַ וואַרעמער אָטעם גייט אים דורך איבערן געזיכט: אַ קליינער שאַקאַל האָט געשטעלט זיינע ביידע פֿעדערשטע פֿיס אויפֿן צוקאָפּנס פֿון זיין בעט, מיט זיין שלעכטן ריח האָט ער אים געעטעמט גלייך אין פּנים אַריין און הייזעריק געלאַכט טיף פֿון האַלז.

פּאַפֿנוטיוס איז געווען איבערראַשט. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַ הויכער טורעם גליטשט זיך אים אַרויס פֿון אונטער זיינע פֿיס, און ס'איז טאַקע אים באמת פֿאַרפֿאַלן געגאַנגען זיין גאַנצער בטחון. אַ צייט איז ער ניט געווען ביכולת צו טראַכטן מכּוח עפּעס. דערנאָכדעם איז ער געקומען צו זיך, אָבער זיינע געדאַנקען האָבן אים נאָך מער באַאומרויִקט.

— איינס פֿון די צוויי, — האָט ער זיך געזאָגט, — אָדער די דאָזיקע זעונג, ווי די פֿריערדיקע, קומט פֿון גאָט, און אין תּוך איז זי

אַ גוטע, נאָר איך בין בטבע אַ פֿאַרדאָרבענער און האָב זי איבער־געפּירט, אָט, ווי די אומריינע כּלי, וואָס פּטרט דעם וויין. איך בין שולדיק, וואָס גאָטס מופֿת האָט מיך פֿאַרפֿירט. און דער טייוולשער שאַקאַל האָט עס גלייך אויסגענוצט. אָדער, קאָן זיין, די זעונג, שטאַמט ניט פֿון גאָט, נאָר פֿאַרקערט, פֿונם שטן, און זי איז פֿול מיט סם. און אויב ס'איז אַזוי, צווייפֿל איך איצט, צי זיינען די פֿריערדיקע זעונגען געווען פֿון גאָט, ווי כ'האָב געמיינט. אויב אַזוי, בין איך ניט פֿעיק וויסן אויף קלאָר דאָס, וואָס יעדער פֿרומער מוז וויסן. און אַזוי צי אַזוי, איז דאָס אַ סימן, אַז גאָט האָט זיך אָפּ־געטאָן פֿון מיר און איך זע גאָר ניט די סיבה פֿאַרוואָס.

אָט אַזוי האָט ער געטראַכט און געפֿרעגט אַ פֿאַריאושטער:

— גערעכטיקער גאָט, צו וואָס פֿאַר אַ מיני נסיונות ברענגסטו דיינע קנעכט, אַז דאָס געשטאַלט פֿון דיינע הייליקע אפֿילו איז אויך פֿאַר זיי אַ סכּנה? גיב מיר צו וויסן דורך אַ פֿאַרשטענדלעכן צייכן, דערצייל מיר, וואָס שטאַמט פֿונם אַנדערן!

גאָט אָבער, וואָס זיינע כּוונות זיינען פֿאַר אונז ניט דערגרייכ־באַר, האָט ניט געפֿונען פֿאַר נויטיק אָנווייזן דעם אמת זיין קנעכט. און פּאַפֿנוטיוס, וואָס איז פֿאַרזונקען געווען אין צווייפֿל, האָט באַ־שלאָסן מער ניט צו טראַכטן פֿון טאַיִס. אָבער דער באַשלוס האָט צו גאָרנישט ניט געבראַכט. טאַיִס איז געווען שטענדיק מיט אים. זי האָט געקוקט אויף אים בעת ער האָט געלייענט, געטראַכט, תּפֿלה געטאָן אָדער געווען פֿאַרדבקהט. פֿאַר איר אַריינגיין האָט ער תּמיד געהערט אַ לייכטן שאָרך, אָט ווי דער שאָרך פֿון אַ פֿרויען־קלייד. און ווייזן פֿלעגט זי זיך אים אין פֿאַרשיידענע געשטאַלטן: אַמאָל אַ פֿאַרטראַכטע, באַקרוינט מיט איר לעצטן ערדישן קראַנץ, אָנגעטאָן, ווי אויף איר לעצטן מאָלצייט אין אַלעקסאַנדריע, אין אַ בלאָס־בלוי קלייד, פֿאַרזייט מיט זילבערנע בלומען, און אַמאָל — אַ ליידנשאַפֿטלעכע — אין די נעפּלען פֿון אירע לייכטע און דורכזיכטיקע שטאָפֿן, איינגעטוקט אין די לעבלעכע שאָטנס פֿון איר נימפֿן־גראָט. אַמאָל — אַ פֿרומע, אָנגעטאָן אינם האַריקן לייבל, אַ פֿאַרשטראַלטע פֿון הימלשער פֿרייד, און אַמאָל — אַ טראַגישע, די אויגן פֿול מיטן פּחד פֿאַרן טויט, די ברוסט אַנטבלויזט, באַשפּריצט מיט בלוט, וואָס ריינט

פֿונם פֿאַרוואונדעטן האַרצן. אין די דאָזיקע זעונגען האָט אים מער פֿון אַלץ געמאַטערט דאָס, וואָס אָט די אַלע קראַנצן, מאַנטלען און דעקטיכלער, וואָס ער האָט פֿאַרברענט מיט די אייגענע הענט, האָבן זיך ווידער אומגעקערט. ס'איז פֿאַר אים קלאָר געוואָרן, אַז די אַלע חפֿצים האָבן פֿאַרמאָגט אַן אייביקע נשמה, און ער האָט אויסגעשריגן:

— די נשמות פֿון אַלע טאַיִס עבֿרות קומען צו מיר!

בעת ער פֿלעגט אָפּקערן דעם קאָפּ, פֿלעגט ער פֿילן, אַז טאַיִס שטייט הינטער אים, און ער איז געווען דערפֿון נאָך מער דערשלאָגן, ער האָט זיך געמאַטערט אָן אַ שיעור. זיין נשמה אָבער און גוף זיינען געבליבן ריין ביי די אַלע נסיונות און דערפֿאַר האָט ער געהאָפֿט אויף גאָט און אים אַזוי ליבלעך אויפֿגעוואָרפֿן:

— גאָט מיינער, אויב איך בין געגאַנגען אַזוי ווייט זוכן זי צווישן די פֿרעמדע, האָב איך דאָך דאָס געטאָן פֿון דיינעטוועגן און ניט פֿון מיינעטוועגן. און ס'וואָלט געווען אַן אומרעכט, ווען איך וואָלט באַדאַרפֿט ליידן דערפֿאַר, וואָס איך האָב געטאָן צוליב דיר. פֿאַרהיט מיך, מיין ליבער יעזוס, מיין ערלייזער, זיי מיך מציל! דערלויב ניט, אַז איר שאָטן זאָל קאָנען אָפּטאָן אַזוינס, וואָס דער קערפּער אירער האָט ניט אָפּגעטאָן. כ'האָב גובר געווען איר גוף, זאָל מיך איר שאָטן ניט מאַטערן. איך ווייס, אַז איך שטיי איצט אין אַזאַ סכּנה, אין וועלכער כ'בין קיינמאָל ניט געשטאַנען. כ'פֿיל און ווייס, אַז דער טרוים איז שטאַרקער פֿון דערווירקלעכקייט. און אַנדערש קאָן עס טאַקע ניט זיין, ווייל דער טרוים איז די העכערע ווירקלעכקייט. ס'איז די נשמה פֿון די זאַכן. אַפֿילו פּלאַטאָן, וואָס איז געווען אַ געצנדינער, האָט אויך מודה געווען, אַז ס'זיינען פֿאַראַן אידעען. אויף דעם טייוולשן מאָלצייט, וווהין דו האָסט מיך באַגלייט, גאָט, האָב איך געהערט פֿון מענטשן, וואָס זיינען, אמת, באַפֿלעקט מיט עבֿרות, נאָר פֿאַרמאָגן געוויס שכל, און זיי האָבן אויך מסכּים געווען, אַז בלויז אין יחידות, דבֿקות און התלהבֿות דערגרייכן מיר דעם עצם־מהות פֿון אַלע זאַכן. און דיינע הייליקע שריפֿט, גאָט, זאָגן פֿיל מאָל עדות מכּוח דעם ווערט און קראַפֿט פֿון חלומות און זעונגען, וואָס דו אַליין, ליכטיקער גאָט, אָדער דיין שונא שיקן אונז צו.

אין אים האָט זיך דערוועקט אַ נייער מענטש און ער, דער נייער, האָט איצט פֿאַרבראַכֿט מיט גאָט, אָבער גאָט האָט ניט געוואָלט זען ניט געיילט אים צו ענטפֿערן. די נעכֿט זיינע האָבן זיך געצויגן, ווי אַ לאַנגער טרוים, און די טעג האָבן זיך מיט גאָרנישט ניט אונטערגעשיידט פֿון די נעכֿט, און איינמאָל, מיטן באַגינען האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט מיט אַ מוראדיקן קרעכֿצן, אַזאַ קרעכצן הערט זיך באָר אין לבנה-נעכט פֿון די קברים, ווו ס'ליגן באַהאַלטן הרוגים. טאַיִס איז געקומען צו אים, באַווייזנדיק אירע פֿאַרוווּנדעטע פֿיס, ער האָט זיך פֿאַנאַנדערגעוויינט און זי האָט זיך געלייגט צו אים אין בעט. מער קיין ספקות האָט ער ניט געהאַט: דאָס געשטאַלט פֿון טאַיִס איז געווען אַן אומריין געשטאַלט.

פֿול מיט עקל איז ער אויפֿגעשטאַנען פֿון זיין פֿאַרשוועכֿטן געלעגער און האָט פֿאַרדעקט דאָס געזיכֿט מיט די הענט, ניט געוואָלט זען גאָטס שיין. די שעהן זיינען געלאָפֿן און זיין שטאַנד איז ניט געמינערט געוואָרן. אַלץ אַרום אין קאַמער האָט געשוויגן. צום ערשטן מאָל נאָך אַזוי פֿיל יאָרן האָט פּאַפֿנוטיוס דערפֿילט, אַז ער איז איינער אַליין. די זעונג האָט אים געלאָזט ענדלעך צו רו, אָבער דאָס גופֿא איז געווען שרעקלעך. ס'איז ניט געווען קיין שום זאַך, וואָס זאָל אָפּוועבדן זיין זכרון פֿונם פֿאַרטאָגיקן חלום, און ער האָט געטראַכֿט אַ דערשראָקענער:

— פֿאַרוואָס האָב איך זי ניט אָפּגעשטויסן? פֿאַרוואָס האָב איך מיך ניט אַרויסגעריסן פֿון אירע קאַלטע הענט און פֿייערדיקע קני?

ער האָט קיין העזה ניט געהאַט דערמאָנען גאָטס נאָמען נעבן זיין אומווירדיקן געלעגער. ער האָט מורא געהאַט, אַז איצט וועלן אַלע ניט-גוטע באַקומען אַ שליטה איבער זיין טמא-געוואָרענעם קאַמער. זיי וועלן קאָנען קומען אַהער פֿריי אין יעדער שעה, זיין שרעק האָט אים ניט אָפּגענאַרט. די זיבן קליינע שאַקאַלן, וואָס האָבן ביז איצט ניט געטאָרט אַריבערטרעטן די שוועל, זיינען אין אַ שורה אַריין אין קאַמער און באַהאַלטן זיך אונטערן געלעגער. מעריב-צייט איז געקומען נאָך איינער אַן אַכטער מיט אַ שטינקעדיקן גערוך. אויף מאָרגן איז צוגעקומען צו זיי נאָך אַ נייַנטער און אינגיכן זיינען זיי געוואָרן דרייסיק, דערנאָכֿדעם זעכציק און אַכֿציק.

ווי מאוסקייטן זיינען זיי אומגעקראָכן ביי אים צוקאָפּנס אויפן גע־לעגער און איבער דער באַנק. איינער פון זיי איז איינמאָל אַרויף אויפן הילצערנעם טישל, וואָס איז געשטאַנען ביי זיין געלעגער צו־קאָפּנס, האָט געלייגט די פעדערשטע פּיסלעך אויפן טויטן שאַרבן און געקוקט אויפן מאָנאַך מיט ברענענדיקע אויגן.

כדי אויסצוקויפן זיין זינדיקן חלום און פטור צו ווערן פון די אומריינע געדאַנקען, האָט ער באַשלאָסן פאַרלאָזן זיין טמא־גע־וואָרענעם קאַמער און אַוועקגיין זיך אין מדבר אַריין, טאָן דאָרטן אַ מער שווערע עבודה, פּראַווען גרעסערע תעניתים און סגופים. נאָר פריער, איידער ער האָט געגומען מקיים זיין זיין באַשלוס, איז ער אַוועק צום אַלטן פּאַלעמאָן, פרעגן ביי אים אַן עצה.

ער האָט אים געטראָפן אין גאָרטן, ווו דער אַלטער האָט איצט באַגאָסן די בלומען. ס'איז שוין געווען ביי זון־אונטערגאַנג. דער טייך נילוס איז געווען בלוי, געגאָסן זיינע וואַסערן ביים ראַנד פון די בלויע בערג. דער אַלטער האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט, ניט געוואָלט איבערשרעקן די טויב, וואָס איז געזעסן ביי אים אויפן אַקסל.

— גאָט איז מיט דיר, ברודער פּאַפנוטיוס,—האָט ער אים גע־זאָגט,—האָב הנאה פון זיין גוטסקייט, ער שיקט מיר צו זיינע באַ־שעפענישן, כדי איך זאָל קאָנען שמועסן מיט זיי פון זיינע מעשים, און כדי איך זאָל קאָנען לויבן אים אין די פויגלען פון הימל. באַ־טראַכט די דאָזיקע טויב, גיב אַכטונג אויף די פאַרב פון איר שיי־נעם האַלז און זאָג, צי ס'איז דען ניט איינע פון די ציכטיקסטע גאָטס ווערק? אָבער צי ווילסטו ניט, ברודער, רעדן מיט מיר מכוח עפּעס אַ פרומען ענין? אויב אַזוי, וועל איך אַוועקלייגן מיין זייער און וועל דיך אויסהערן.

פּאַפנוטיוס האָט דערציילט דעם אַלטן פון זיין נסיעה, פון דעם, ווי ער איז צוריקגעקומען, דערציילט פון די זעונגען, פון די חלומות, דערמאָנט אויך מכוח יענעם מאוסן שלאָף און מכוח דער מחנה שאַקאַלן.

— דענקסטו ניט, פאָטער,—האָט ער צוגעגעבן,—אַז איך דאַרף מיך דערווייטערן אין מדבר, פּראַווען דאָרט אַ נייע שווערע עבודה, און זאָל דער שטן אַליין זיך חדושן אויף מיינע סגופים.

— איך בין אַן אָרעמער זינדיקער, — האָט געענטפערט פּאַלעמאָן, — און מענטשן קען איך זייער שלעכט, ווייל מיין גאַנץ לעבן האָב איך פאַרבראַכט דאָ אין גאָרטן מיט אינדן, האָזעלעך און טויבן. אָבער ס'דאַכט מיר, ברודער, אַז דיינע ליידן קומען דערפון, וואָס דו ביסט ניט פאָרזיכטיק אַריבער פון די פריידן פון דער וועלט צום רויקן איינזאַמען לעבן. אַזוינע פּלוצימדיקע איבערגאַנגען קאָנען ברענגען נאָר שאָדן דער נשמה. מיט דיר קומט פאָר דאָס זעלבע, ווי מיט אַ מענטשן, וואָס ליידט איינצייטיק פון גרויס היץ און פון גרויס קעלט. אים עסט אויף דער הוסט און ס'מאַטערט אים דעם פיבער. אויף דיין אָרט, ברודער פּאַפּנוטיוס, וואָלט איך ניט נאָר ניט אַוועק אין די מוראדיקע מדבריות, נאָר, אדרבא, כ'וואָלט זיך מהנה געווען מיט די פאַרוויילונגען, וואָס פּאַסטן פאַר אַ מאָנאַך און פאַר אַן עלטסטן גלח. כ'וואָלט באַזוכט די אַרומיקע קלויסטערס. מ'זאָגט, אַז צווישן זיי זיינען פאַראַן מערקווירדיקע. אינם נזירים־הויז פונם פאָטער סעראַפּיאָן געפינען זיך טויזנט מיט צוויי און דרייסיק קאַמערן און די מאָנאַכן זיינען צעטיילט אויף אַזוי פיל לעגיאָנען, וויפיל ס'איז דאָ אותיות אינם גריכישן אַלף־בית. מ'דערציילט אַפילו, אַז ס'איז דאָרט דאָ אַ שייכות צווישן דעם כאַראַקטער פון די מאָנאַכן מיטן געשטאַלט פון די אותיות, למשל די, וואָס געהערן דעם אות Z, האָבן פאַרדרייטע כאַראַקטערן און די, וואָס שטייען אין די רייען פונם I, זיינען בטבע שטאָלצע און ערנסטע. ווען איך בין דו, ברודער, וואָלט איך געגאַנגען אָנקוקן דאָס מיט מיינע אויגן און כ'וואָלט ניט גערוט, ביז כ'וואָלט ניט געהאַט געזען דעם דאָזיקן וווּנדער. כ'וואָלט געלערנט די תקנות פון די פאַרשיידענע קהילות, וואָס זיינען צעזייט איבערן ברעג פון נילוס, כדי צו פאַרגלייכן זיי איינס מיטן אַנדערן. די דאָזיקע אַרבעט פּאַסט פאַר אַזאַ מאָנאַך, ווי דו. דו האָסט, מסתמא, געהערט, אַז דער פאָטער סעראַפּיאָן האָט צוזאַמענגעשטעלט גייסטלעכע מנהגים, וווּנדערבאַר שיינע. ער וואָלט דיר ערלויבט און דו וואָלסט זיי אָפּגעשריבן, דו ביסט דאָך אַ געניטער שרייבער. איך וואָלט עס ניט געקאָנט, און מיינע הענט, וואָס זיינען געוווינט צום גראָבייזן, זיינען ניט צוגעפּאַסט באַגיין זיך מיטן דינינקן רערל פון שרייבער. אָבער דו, ברו־

דער, דו האָסט אַ ידיעה אין די אותיות, און דו דאַרפסט דערפֿאַר דאַנקען גאָט, ווייל אַ גוטער כּתב — איז איינע פֿון די בעסטע זאַכן. די אַרבעט פֿון אַן איבערשרייבער און אַ לעזער איז אַ גוטע סגולה פּטור צו ווערן פֿון שלעכטע געדאַנקען. ברודער פּאַפֿנוטיוס, פֿאַרוואָס פֿאַרשרייבסטו ניט די לערע פֿון אונזערע פֿאָטערס, פּאַוולוס און אַנטאָניוס? אין די דאָזיקע פֿרומע אַרבעטן וואָלסטו צוביסלעך געפֿונען רו פֿאַר דיין נשמה און דיינע געפֿילן. די איינזאַמקייט וועט דיר ווערן ליב און ניחא און אינגיכן וועסטוווידער קאָנען פּראַווען התבודדות, ווי פֿריִער, איידער דו האָסט געמאַכט דיין נסיעה. אָבער באמת, מ׳טאָר ניט וואַרטן אויף קיין סך גוטס פֿון איבעריקע סגופֿים. זייענדיק מיט אונז, פֿלעגט דער פֿאָטער אַנטאָניוס זאָגן: „פֿון צופֿיל פֿאַסטן ווערט מען אָפּגעשוואַכט און פֿון שוואַכקייט ווערט מען שלאַף און אומעטיק. פֿאַראַן מאָנאַכן, וואָס פֿאַסטן אומגעהייערע תּעניתים און מאַכן חרוב זייער גוף, מכּוח זיי קאָן מען זאָגן, אַז זיי אַליין שטעלן זיך צו אַ מעסער צום האַרצן און אָפּגעשוואַכטע גיבן זיי זיך אָפּ אין די הענט פֿונם שטן״. אַזוי האָט געזאָגט דער הייליקער מאַן אַנטאָניוס און איך, דער עם־הארץ, האָב מיט גאָטס גענאָד פֿאַרגעדענקט די ווערטער פֿון אונזער פֿאָטער.

פּאַפֿנוטיוס האָט אָפּגעדאַנקט פּאַלעמאָנען און האָט אים מבטיח געווען אַ טראַכט צו טאָן מכּוח זיין עצה. אַריבערטרעטנדיק דעם אָטשערעטן־צאַם, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם קליינעם גאָרטן, האָט ער זיך אַ קער געטאָן צוריק און דערזען, אַז דער אַלטער באַגיסט זיינע גרינסן, און די טויב וויגט זיך בעת מעשה אויף זיינע אָנגעבויגענע פּלייצעס. דערזעענדיק דאָס, האָט זיך אים פֿאַרגלוסט וויינען.

אין דערהיים אין קאַמער האָט ער געטראָפֿן אַ מאָדנעם טומל. מ׳האָט געקאָנט מיינען, אַז אַ שטורמישער ווינט טראָגט דאָ אים זאַמדן איבער דער לופֿט. ער האָט גלייך דערגאַנגען, אַז דאָס זיינען געווען מיליאַסן קליינינקע, פּיצינקע שאַקאַלן. ביינאַכט האָט זיך אום געחלומט אַ הויכער טורעם־זייל פֿון שטיין, אויפֿן שפּיץ איז געשטאַנען אַ מענטש, און ער האָט געהערט אַ שטים, וואָס האָט געזאָגט:

— גיי אַרויף אויף דעם טורעם־זייל

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אַן איבערציטערטער, אַז דעם חלום האָט מען אים געשיקט פון הימל, האָט ער צונויפגעזאַמלט זיינע תּלמידים און האָט זיי געזאָגט אַזוי:

— מיינע טייערע קינדער, כ׳פאַרלאָז אייך, און איך גיי אַהין, וואוהין גאָט שיקט מיך. בעת איך וועל דאָ ניט זיין, זאָלט איר פאָלגן פלאַוויאַנוסן, ווי מיך, און גיט אַכטונג אויף אונזער ברודער פּאַוולוסן. זייט געבענטשט און זייט געזונט.—ווען ער האָט זיך דערווייטערט פון זיי, זיינען זיי געלעגן אויסגעצויגענע אויף דער ערד און אַז זיי האָבן אויפגעהויבן די קעפּ, האָבן זיי דערזען אויפן זאַמדיקן האָריזאָנט זיין גרויס און שוואַרץ געשטאַלט.

ער איז געגאַנגען טאָג און נאַכט, ביז ער איז אָנגעקומען צו די חורבות פונם טעמפּל, וואָס די געצנדינער האָבן אַמאָל אויסגעבויט דאָרטן, ווו ער האָט צווישן סקאָרפּיאָנען און סירענעס געגעכטיקט דעמאָלט, ווען ער האָט געמאַכט זיין וואונדערלעכע נסיעה. די ווענט, באַדעקט מיט כשוף־צייכנס, זיינען נאָך געשטאַנען גאַנצע. דרייסיק מוראדיקע גרויסע זיילן האָבן, ווי פריער, אונטערגעהאַלטן דעם גרויסן בנין און יעדער שפּיץ־זייל האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ מענטשן־קאָפּ אָדער מיט אויסגעקלעפּטע לאָטאָס־בלומען. איין זייל נאָר ביים ברעג פון טעמפּל, האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די אוראַלטע משא און געשטאַנען אַ וווּקסיקער, אַ פרייער. דער שפּיץ זיינער איז באַשטאַנען פון אַ פרויען־קאָפּ מיט לאַנגלעכע אויגן און קיילעכדיקע באַקן. זי האָט געשמייכלט, די פרוי, און געטראָגן אויפן שטערן אַ פּאָר בהמהשע הערנער.

פּאַפנוטיוס האָט גלייך דערקענט דעם זייל, וואָס האָט זיך אים געחלומט, און האָט באַשטימט, אַז ער האַלט אַ צוויי און דרייסיק פוס די הויך. איז אַוועק אין שכנישן דאָרף אַריין און געהייסן זיך מאַכן אַ לייטער פון דער זעלבער הויך. און אַז מ׳האָט צוגעשטעלט דעם לייטער צום זייל, איז ער אַרויף אויפן שפּיץ, געקניט דאָרט און געזאָגט צו גאָט:

— אָט דאָס איז, גאָט, די וווינונג, וואָס דו האָסט מיר אויסדערוועלט. הלואי זאָל איך דאָ פאַרבלייבן ביזן רעכטן טויט.

ער האָט מיט זיך ניט מיטגענומען קיין שום שפּייז, זיך פאַר־

לאָזט אויף גאָטס באַראָט און גערעכנט, אַז די גוטע פּויערים וועלן אים געבן אויף דער חיונה, און אויף מאָרגן טאַקע, שחרית־צייט, זיינען געקומען פרויען מיט קינדער און געבראַכט אים ברויט. טייטלען און פרישע וואַסער, און די יונגלעך האָבן אים עס אַרויפגעטראָגן אויפן שפּיץ־זייל.

דער קאָפּ פון זייל איז ניט געווען גענוג ברייט, אַז ער זאָל קאָנען אויסציִען זיך אין דער לענג, און געשלאָפן איז ער דאָרט זיצנדיקערהייט, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ אויף דער ברוסט. דער שלאָף האָט אים דעריבער מער איינגעמאַטערט, איידער דאָס אויפזיין. פאַרטאָג פלעגן אים די פויגלען באַרירן מיט די פליגלען און ער פלעגט זיך אויפכאַפּן אַ דערשראָקענער און אָ פאַרציטערטער.

האָט זיך אַזוי געטראָפן, אַז דער מייסטער, וואָס האָט געמאַכט דעם לייטער, האָט מורא געהאַט פאַר גאָט. דער געדאַנק, אַז דער הייליקער ליידט פון היץ און פון רעגן, האָט אים באַאומרויִקט און מורא האָבנדיק, אַז פאַפנוטיוס זאָל ניט אַראָפּפאַלן אין שלאָף פונם זייל, האָט דער פרומער מאַן דאָרט אויפן שפּיץ אויסגעבויט אַ דאַך און אַ צאַם.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך דער שם פון אַזאַ וווּנדערלעך לעבן פאַרשפּרייט אין דער סביבה פון דאָרף צו דאָרף, און די ערדאַרבעטער פון טאָל פלעגן מיט ווייב און קינד קומען אַלע זונטאָג אָנקוקן דעם הייליקן. די תּלמידים פון פאַפנוטיוס האָבן מיט פאַרגעניגן זיך דערוווּסט פון זיין מקום־מקלט, זיי זיינען געקומען צו אים און געבעטן ביי אים רשות אויסצובויען זיך געצעלטן ביים צופוסנס פונם זייל. יעדן פרימאָרגן פלעגן זיי קומען, אויסשטעלן זיך אַרום זייער לערער, וואָס האָט זיי געלאָזט הערן ווערטער פון נחמה:

— קינדער מיינע,—האָט ער זיי געזאָגט,—זייט געגליכן צו די קינדער, וועלכע יעזוס קריסטוס האָט ליב געהאַט. אָט דערין איז די גאולה. די עבירה פונם קערפּער איז דער קוואַל און דער אָנהויב פון אַלע עבירות. זיי שטאַמען פון אים, ווי פון אַ פאָטער. גאווה און קמצנות, פוילקייט, כעס און קנאה זיינען זיינע ליבע קינדער. אָט דאָס האָב איך געזען די רייכע, וואָס גייען צו גרונט, זינקענ־

דיִק איִן פאַרברעכערישע תאוות, ווי איִן אַ טיִפן זומפּ.

די פּאָטערס סעראַפּיאָן און עפרעם האָבן דערהערט פונם נייעס און פאַרוואָלט אַליין מיִט די אייגענע אויגן זען פּאַפנוטיוסן. באַמער־קנדיִק אויפן טייך פונדערווייטנס דעם דרייעקיִקן זעגל פונם שיִף, וואָס האָט זיי געפיִרט, האָט פּאַפנוטיוס, ניִט וויִלנדיִק, אַ קלער געטאָן, אַז גאָט האָט איִם געשטעלט פאַר אַ מופת פאַר אַלע נזירים. סעראַפּיאָן און עפרעם האָבן, דערזעענדיִק איִם, אָפּן פאַר אַלעמען געחדושט זיִך, זיי האָבן זיִך ביידע געהאַלטן אַן עצה און ביידע מסכּים געווען, אַז מ'דאַרף בפירוש ניִט דערלאָזן אַזאַ אויסערגעוויינלעכן אַרט תשובה טאָן. און זיי האָבן איינגערעדט פּאַפנוטיוסן אַראָפּ פון טורם־הייזל.

— אַזאַ אַרט לעבן,—האָבן זיי געזאָגט,—שטיִמט ניִט מיִט די מנהגים און תקנות.

פּאַפנוטיוס אָבער האָט זיי געענטפערט:

— און איִן וואָס באַשטייט דאָס לעבן פון אַ נזיר, אויב ניִט איִן דעם, וואָס עס איִז אַן אויסערגעוויינלעך לעבן? און די עבודה פון אַ נזיר דאַרף דען ניִט זיין אייגנאַרטיִק, ווי ער גופא? גאָטס צייכן האָט מיִך אַרויפגעבראַכט אַהער און זיין מופת בלויז וועט מיִך צוויִנגען אַראָפּ פון דאַנען.

אַלע טאָג זיינען געקומען נייע גייסטלעכע באַהעפטן זיִך צו פּאַפנוטיוסעס תלמידים און געבויט זיִך ביידלעך אַרום זיין לופט־היים. איינ־יקע פון זיי האָבן נאָכגעמאַכט דעם הייליִקן און אַרויפגעקליבן זיִך אויף די חורבות פונם טעמפּל, אָבער זייערע בריִדער האָבן זיי געשטראָפט, זיי האָבן זיִך נאָר אויסגעמאַטערט און איִנגיִכן זיִך אָפּגעזאָגט פון אַזוינע סגופים.

די צאָל פון די פּיִליִגריִמען איִז געוואַקסן. צוויִשן זיי זיינען געווען מענטשן, וואָס זיינען געקומען פון זייער ווייט און געווען מיִד פון הונגער און פון דאָרשט. אַן אָרעמע אלמנה איִז געפאַלן אויפן שכל און האָט געבראַכט אַהער אויף צו פאַרקויפן זיי פריִשע וואַסער און מעלאָנען. זי האָט האַרט ביים זייל אויסגעבויט אַ געפאַרבט ביידל, אַניִדערגעשטעלט איִרע ערדענע בוטלען, איִרע כוסות און פרוכטן און געשריִגן: „ווער וויִל טריִנקען?“ איִר האָט נאָכגעטאָן

איינער אַ בעקער, וואָס האָט געבראַכט ציגל און אויסגעבויט דאָ דערבײַ אַן אויוון, געהאָפּט פֿאַרקויפֿן די געקומענע פֿרעמדע זײַנע ברויטן און קוילעטשן. און אַזוי ווי די צאָל פֿון די באַזוכער איז געוואַקסן אַלץ מער און מער און ס'זײַנען געקומען אַפֿילו אײַנוווינער פֿון די גרויסע מצרימשע שטעט האָט איינער אַ נפֿש, אַ להוטער נאָך פּרנסה, אויסגעבויט אַן אײַנפֿאָרהויז צוליב די האָרן מיט זייערע קנעכט, זייערע קעמלען און מויליאייזלען. אינגיכן איז דאָ געוואָרן אַ מאַרק, וווּהין די פֿישער פֿונם נילוס האָבן געבראַכט צו פֿאַרקויפֿן פֿיש און די גערטנער זייערע גרינסן. אַ שערער, וואָס האָט געשוירן דעם עולם דאָ אויף דער פֿרייער לופֿט, האָט לוסטיק געמאַכט דעם המון מיט זײַנע ווערטלעך; דער אַלטער טעמפּל, וווּ ס'האָט לאַנג געהערשט רו און רויִקייט, איז פֿול געוואָרן מיט באַוועגונג, מיט אַ טומלדיקן לעבנס־גערויש. די שענקערס האָבן די אונטערערדישע געביידעס פֿאַרוואַנדלט אין וויין־קעלערס און צו די אוראַלטע זיילן צוגעשלאָגן אויף גריכיש און עגיפּטיש: „דאָ פֿאַרקויפֿט מען גראַנאַטן־וויין און פֿייגן־וויין און אמתן קיליקיאישן ביר." אויף די ווענט, וואָס זײַנען געווען באַפּוצט מיט שטאַלטנע ציכטיקע פֿיגורן, האָבן די הענדלער געהאָנגען קרענץ פֿון קנאָבל, גערויכערטע פֿיש, געשאָסענע האָזן און געקוילעטע שעפּסן. אָוונט־צײַט פֿלעגן די אַלטע אײַנוווינער פֿון דער חורבה — די מייז — אין אַ לאַנגער שורה לויפֿן צום וואַסער, בעת די איביסן פֿלעגן אומרויִק אויסציִען די העלזער, און זעצן זיך אויף די הויכע קאַרניזן, וווּהין ס'פֿלעגט דערגרייכן דער רויך פֿון די קיכן, די געשרייען פֿון די שכּורע מאַנסבילן און דער געלעכטער פֿון די דינסטן. אַרום דעם זײַל האָט מען געמאַכט גאַסן, געבויט נזירים־הײַזער און קלויסטערס. אין זעקס חדשים אַרום איז דאָ געגרינדעט געוואָרן אַ שטאָט מיט אַ וואַל־אָפּטיילונג, מיט אַ געריכט, אַ תּפֿיסה און אַ שול, וווּ ס'האָט מיט די לימודים אָנגעפֿירט איינער אַ בלינדער שרײַבער.

די פּילגרימען זײַנען אַלץ צוגעקומען. בישאָפֿן און אַרציבישאָפֿן האָבן פֿאַרוווּנדערטע באַזוכט דעם הייליקן. דער פּאַטריאַרך פֿון אַנטיאָכיע, וואָס האָט געוווינט דעמאָלט אין מצרים, איז געקומען מיט אַלע זײַנע מקורבים. ער האָט באַגיטיקט די אויפֿפֿירונג פֿונם

נזיר און די עלטסטע פונם ליוויִשן קלויסטער האָבן מיט אים מסכּים געווען. עפרעם און סעראַפּיאָן האָבן זיך דערפון דערוווּסט און גע־קומען צו פּאַפנוטיוסן בעטן מחילה פאַר זייער ערשטן אומצוטרוי. פּאַפנוטיוס האָט זיי געענטפערט:

— זייט וויסן, מיינע ברידער, אַז די יסורים, וואָס איך טראָג איבער, קאָנען זיך קוים פאַרגלייכן מיט די נסיונות, וואָס גאָט שיקט מיר צו. אויב מ'זאָל אַ קוק טאָן אויף אים פון אויסן, איז דער מענטש זייער קליין, און פון דער הויך פונם זייל, וווהין גאָט האָט מיך אויפגעטראָגן, ווייזן מיר זיך אויס די מענטשן, ווי מילבן; אָבער באַטראַכטנדיק דעם מענטשן פון אינעווייניק, זעט מען, אַז ער איז מוראדיק גרויס, ער איז גרויס, ווי די וועלט, ווייל ער טראָגט אין זיך בעצם די גאַנצע וועלט. אַלץ, וואָס ליגט פאַר זיינע אויגן: די קלויסטערס, די איינפאָרהייזער, די שיפן אויף די טייכן, די דער־פער, די פעלדער דאָרט פונדערווייטנס, די קאַנאַלן, די זאַמדן און די בערג—דאָס אַלץ איז גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס ס'איז פאַראַן אין מיר. אין האַרצן אין מיינעם טראָג איך וועלטן, שטעט און אומבאַגרענעצטע מדבריות. און דאָס שלעכטס, דאָס שלעכטס און דער טויט, וואָס פאַרשפּרייטן זיך אויף דעם דאָזיקן גרענעצלאָזן שטח, דעקן עס צו, ווי די נאַכט דעקט צו די ערד. איך גופא בין אַ גאַנצע וועלט מיט שלעכטע געדאַנקען, מיט מחשבות זרות.

גערעדט האָט ער אַזוי, ווייל אין אים איז געווען אַ פאַרלאַנג צו אַ פרוי.

אויפן זיבעטן חודש זיינען פון אַלעקסאַנדריע, בובאַסטיס און סאַיִס געקומען פרויען עקרות, וואָס האָבן געהאָפט צו באַקומען קינ־דער מיט דער הילף פונם הייליקן מאַן און מיט דער הילף פונם הייליקן טורעם. זיי האָבן באַריִרט דעם שטיין מיט זייערע פרוכטלאָ־זע לענדן. דערנאָכדעם זיינען אָנגעקומען אָן אַ שיער וואָגנס, רייט־וואָגנס און טראָגבעטלעך, וואָס האָבן זיך מחנותווייז געשטויסן אונ־טערן הייליקן זייל. פון זיי זיינען אַראָפּ קראַנקע, אַ שרעק צו קוקן! מאַמעס האָבן אויסגעשטרעקט צו פּאַפנוטיוסן זייערע קינדער מיט אויסגעדרייטע אברים, אויסגעקרימטע אויגן, מיט שוים אויף די ליפּן

און הייזעריקע קולות. ער פלעגט אויף זיי פאַרשפּרייטן זיינע הייליקע הענט. ס'זיינען געקומען צו אים אויך בלינדע. אויסשטרעקנדיק די הענט, פלעגן זיי קוקן אויף אים מיט זייערע פּוסטע אָדער בלוטיקע אויגן־לעכער, פּאַראַליטיקער האָבן אים געוויזן זייערע אומבאַוועגלעכע, אויסגעדרייטע און פאַרקירצטע גלידער. הינקענדיקע האָבן אים געבראַכט זייערע קרומע פיס, קראַנקע האָבן זיך מיט ביידע הענט געהאַלטן פאַר דער אַנטפּלעקטער ברוסט און געוויזן זי דעם הייליקן. ער האָט זיי אַלעמען געבענטשט. נוביער, וואָס זיינען קראַנק געווען אויף קרעץ, פלעגן לאַנגזאַם צו אים גענענען זיך און געקוקט אויף אים מיט טרערנדיקע אויגן און בלאַסע לעבנסלאָזע פּנימער. ער פלעגט זיי איבערצלמען. מ'האָט צו אים געבראַכט אַ יונג מיידל פון אַפראָדיטאָפּאָליס, וואָס האָט פריער געמייקנט מיט בלוט און איצט איז זי געשלאָפן שוין אין משך פון דריי טעג. זי האָט אויסגעזען, ווי אַ בילד פון וואַקס, און אירע עלטערן האָבן געמיינט, אַז זי איז שוין טויט, און געלייגט איר אַ פאַלעם־צווייג אויפן האַרצן. נאָך דעם, ווי פּאַפנוטיוס האָט מתפּלל געווען, האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אויפגעעפנט די אויגן.

אַרום און אַרום האָט דאָס פאָלק דערציילט מכּוח דעם הייליקנס נסים און פון אַלע זייטן פלעגן אָנקומען גאַנצע מחנות קראַנקע, וואָס ליידן אויף דער „געטלעכער קרענק", ווי די גריכן רופן עס אָן. קוים דערזעענדיק דעם זייל, פלעגן זיי באַקומען קאָנוואָלסיעס, קייקלען זיך איבער דער ערד, אויסבויגן זיך און דרייען זיך אין אַ ראָד. און ־ ס'איז אומגלויביק ־ די, וואָס זיינען געווען דערביי בעת מעשה, פלעגן אויך אָנהויבן נאָכמאַכן די משונהדיקע תּנועות פון די עפּילעפּטיקער. מאָנאַכן און גייער, פרויען און מאַנסבילן פלעגן זיך אַלע איינעם אַ וואַלגער טאָן אויף דער ערד מיט אויסגעדרייטע גלידער און מיט שוים אויף די ליפּן, שלינגען הויפנס ערד און זאָגן נביאות. און פּאַפנוטיוס האָט אין דער הויך, ביי זיך אויפן זייל, געפילט, ווי אַ ציטער גייט אים דורך איבער אַלע אברים און האט גערופן צו גאט:

— איך בין דער שעיר לעזאזל און נעם אויף זיך די אַלע אומ־

ווירדיקייטן פונם פֿאָלק, און אַט דערפֿאַר, גאָט, איז מיין גוף פֿול מיט זינדיקע געדאַנקען.

יעדער מאָל, ווען אַן אויסגעהיילטער קראַנקער פֿלעגט אויפשטיין, פֿלעגן די דערבייקע אים באַגריסן, טראָגן אויף די הענט און חזרן:

— מיר האָבן געזען אַ נייעם נס!

הונדערטער קוליעס זיינען שוין געהאַנגען אויפן טורעם-זייל, דאַנקבאַרע פֿרויען האָבן דאָרט געהאַנגען קרענץ און גירלאַנדעס. גריכן האָבן דאָרט אויסגעקריצט לידער, און יעדער פֿון די געקומענע האָט געצייכנט זיין נאָמען אויפן שטיין, און דער זייל איז אַ מענטש די הויך געווען באַדעקט מיט שריפֿטן אויף כלערליי לשונות און כתבים: לאַטייניש, גריכיש, קאָפּטיש, העברעיש און אַסיריש.

פּסח-צייט איז אויף יום-טוב אַהער אַנגעקומען אַן אומגעהייער גרויסער עולם. און די זקנים האָבן געמיינט, אַז ס׳האָבן זיך אומגעקערט די אוראַלטע צייטן פֿון די אַמאָליקע מיסטעריעס. אויף איין גרויסן שטח האָבן זיך דאָ צונויפֿגעמישט די פֿאַרביקע קליידער פֿון די עגיפּטער, די אַראַבישע בורנוסן, די ווייסע זשופּאַנען פֿון די נוביער, די קורצע גריכישע מאַנטלען, רוימישע טאָגעס מיט די לאַנגע פֿאַלדן, די רויטע מאַנטלען און הויזן פֿון די באַרבאַרן, און די אויסגענייטע טוניקעס פֿון די קורטיזאַנקעס. פֿאַרשלייערטע פֿרויען זיינען דורכגעפֿאָרן אויף אייזלען, פֿאַר זיי זיינען געלאָפֿן שוואַרצע סריסים, וואָס האָבן מיט שטעקנס געמאַכט אַ וועג צווישן עולם. גימנאַסטן האָבן פֿאַנאַנדערגעלייגט טעפּיכער אויף דער ערד און געוויזן זייערע שיינע קונצן פֿאַר אַ קרייז שווייגנדיקע צושויערס. שפּרעכערס און כשופֿמאַכערס האָבן באַוויזן זייערע פֿאַרכשופֿטע שלאַנגען. דער דאָזיקער גאַנצער המון האָט געגלאַנצט, געבליצט, געפּילדערט, גערעשט, געשריגן און געבייזערט זיך. די זידלערייען פֿון די אַנטרייבערס, וואָס האָבן געשלאָגן זייערע אייזלען, די אויסגעשרייען פֿון די סוחרים, וואָס האָבן פֿאַרקויפֿט קמיעות פֿון קרעץ און פֿון אַ גוטאָויג, דאָס תהילים-זאָגן פֿון די מאָנאַכן, וואָס האָבן געזונגען קאַפּיטלעך פֿון די הייליקע שריפֿט, דאָס נביאישע פּלוידערן

פון די עפּילעפּטישע פּרויען, די נגונים פון די בעטלער, וואָס האָבן געחזרט אַלטע לידער, דאָס מעקען פון די שאָף, מרוקען פון די אייזלען, די אויסגעשרייען פון די מאַטראָסן, וואָס האָבן גערופן די פּאַרשפּעטיקטע פּאָרערס–דאָס אַלץ צוזאַמען האָט מוראדיק געטומלט און געפּילדערט, און איבער דעם אַלעמען האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט די שאַרפע, שניידנדיקע קולות פון די קליינע נאַקעטע נעגרימאָסן, וואָס האָבן געשנאָרעט צווישן עולם און פאָרגעלייגט פרישע פייגן.

און אָט די אַלע פאַרשיידענע באַשעפענישן האָבן זיך געשטיקט אונטערן ווייסן הימל, אין דער לופט, וואָס איז געווען אָנגעזעטיקט און אָנגעזאַפּט מיט פאַרפומען פון די פרויען, מיטן גערויך פון די נעגערס, דעם טשאַד פון די קיכן און די ווייראַכן, וואָס די פרומע ווייבער האָבן געדעמפט לכבוד דעם הייליקן.

ביינאַכט האָבן זיך פון אַלע זייטן אָנגעצונדן פייערן, פאַקעלן און לאַמטערנעס. אַרום האָבן נאָר געבלאָנזעט שוואַרצע שאָטנס. אין מיטן פון אַ קרייז צוהערער, וואָס זיינען געזעסן אויף די שפּיץ-פינגער, איז געשטאַנען אַן אַלטער זקן, זיין געזיכט איז געווען באַלויכטן מיט אַ רויכערדיקן לעמפּל און ער האָט דערציילט אַ מעשה, ווי ביטיוו האָט אַמאָל פאַרכשופט זיין האַרץ, אויסגעריסן עס פון דער ברוסט, אַריינגעלייגט אין אַן אַקאַציען-בוים און נאָכדעם אַליין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בוים. דעם אַלטנס שאָטן האָט נאָכגעמאַכט אַלע זיינע לעכערלעכע משונהדיקע תנועות, און דער עולם אַרום האָט פון התפעלות געפּאַטשט מיט די הענט. אין די שענקען זיינען די שכורים געלעגן אויף די ווייכע בענק און געפאָדערט וויין און ביר. טענצערינס מיט געפאַרבטע אויגן און נאַקעטע בייכער האָבן פאַר זיי פאָרגעשטעלט פאַרשיידענע רעליגיעזע און תאוהדיקע בילדער. אין דער צייט האָבן יונגע מענטשן געשפּילט איןביינדלעך און אין מור, און אַלטע לייט האָבן אין דער פינסטער זיך נאָכגעיאָגט נאָך אויסגעלאַסענע פרויען. איינער אַליין איבער די אַלע אויפגערעגטע בריאות איז געשטאַנען דער הויכער אומבאַוועגלעכער זייל. דער קאָפּ מיט די קיישע הערנער האָט געקוקט אין דעם חשכות אַריין און אויבן דאָרט האָט פאַפּנוטיוס געוואַכט צווישן הימל

און ערד. פלוצים האָט זיך איבערן נילוס אויפגעהויבן די לבנה, וואָס איז ענלעך געווען צו אַן אַנטבלויזטן אַקסל פון אַ געטין. די בערג באַגיסן זיך מיט ליכט און מיט לאַזור און פּאַפּנוטיוסן דאַכט זיך, אַז צווישן די גלאַנצנדיקע וואַסערן, צווישן די סאַפּפירן פון דער נאַכט זעט ער, ווי עס בליצט דאָס לייב פון טאַיס.

טעג זייען געגאַנגען און דער הייליקער איז פאַרבליבן אין דער הויך אויפן זייל. ס'איז געקומען די צייט פון רעגנס. די וואַסערן פון הימל זייען דורכגעדרונגען דורך די שפּאַלטן פון דאַך און באַגאָסן זיין פאַרגליווערט לייב. ער האָט ניט געקאָנט אַ ריר טאָן מיט אַן אבר. פאַרברענט פון זון און רויט פון טוי, האָט ער באַקומען וווּנדן, וואָס האָבן באַדעקט זיינע הענט און פיס. אָבער דער פאַרלאַנג צו באַקומען טאַיס האָט אים געפרעסן פון אינעווייניק און ער האָט אויסגעשריגן:

— איך דען נאָך ניט גענוג, אַלמעכטיקער גאָט! נאָך נסיונות! נאָך זינדיקע מחשבות! נאָך אומגעלומפּערטע פאַרלאַנגען! גאָט דער האַר, מאַך אַזוי, אַז די תאווה פון אַלע מענטשן זאָל דורכגיין דורך מיר, איך זאָל קאָנען זי אויסלייזן. פאַראַן אַ מעשה, וואָס כ'האָב געהערט פון די פאַלשע לערער, אַ מעשה מיט אַ צוויג פון אַרגאָס, וואָס האָט גענומען אויף זיך די עבירות פון דער גאַנצער וועלט. און אויב די מעשה אַליין איז אַן אויסגעטראַכטע, פאַרמאָגט זי דאָך אַ פאַרבאַהאַלטענעם זינען. ס'איז אמת, אַז די חטאים פון די פעלקער גייען אַריין אין די נשמות פון די הייליקע און זינקען דאָרט איין, ווי אין אַ ברונים. אט דערפאַר איז אין דער נשמה פונם צדיק פאַראַן מער עבירות איידער אין דער נשמה פונם רשע. און איך לויב דיך, גאָט, דערפאַר, וואָס דו האָסט געמאַכט פון מיר אַ רינשטאָק פאַר דער גאַרער וועלט.

אָבער אָט האָט זיך איינמאָל אין דער הייליקער שטאָט אויפגעהויבן אַ טומל, וואָס האָט דערגרייכט ביז די אויערן פונם פרוש. איינער זייער אַ חשובער מאַן, דער פּרעפעקט פונם אַלעקסאַנדריעשן פלאָט, לוציוס אַורעליוס קאָטאַ, קומט אַהער, — ער גייט, ער איז נאָענט!

די בשורה איז געווען אַן אמתע. דער אַלטער קאָטאַ, וואָס

איז איצט אומגעפאָרן באַטראַכטן די שיפן און די קאַנאַלן פון נילוס, האָט שוין עטלעכע מאָל אַרויסגעזאָגט זיין פאַרלאַנג צו באַזוכן דעם הייליקן און די נייע שטאָט, וואָס האָט שוין געהאַט אַ נאָמען: סטי־לאָפּאָליס. איינמאָל מיטן פרימאָרגן האָבן די איינוווינער פון דער שטאָט דערזען, אַז דער גאַנצער טייך איז באַדעקט געווען מיט זעגלען. אויפן באָרט פון אַ באַגילדעטער שיף איז געשטאַנען קאָטאַ און אים האָט באַגלייט די גאַנצע פלאָטיליע. ער האָט זיך אַרויסגע־זעצט אויפן ברעג צוזאַמען מיט זיין שריפּטפּירער, וואָס האָט גע־טראָגן זיינע שרייב־ברעטלעך, און צוזאַמען מיט זיין מעדיקער אַריס־טעוס, מיט וועמען ער האָט ליב געהאַט פאַרברענגען.

נאָך זיי איז געגאַנגען אַ גרויסער עולם, און דער ברעג איז געווען באַדעקט מיט לאַטיקלאַוון און פּאַנצערס. אַ פּאָר טריט פאָרן זייל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און גענומען באַטראַכטן דעם פּרוש, אָפּווישנדיק דעם שווייס מיטן ברעג פון זיין מאַנטל. ער איז געווען בטבע אַ פאָרשער און אין משך פון זיינע נסיעות האָט ער אַ סך נייעסן אויסגעפאָרשט. נאָך זיין פונישער געשיכטע האָט ער פאַרטראַכט אָנשרייבן אַ בוך וועגן די אויסערגעוויינלעכע זאַכן, וואָס ער האָט געזען אין זיין לעבן. ער האָט איצט מיט נייגעריקייט געוואַרט זען, וואָס דאָ וועט פאָרקומען.

— ס'איז אַ מאָדנע זאַך,—האָט ער געזאָגט אָפּטעמענדיק.—ס'איז כדאי צו פאַרצייכענען. דער דאָזיקער מאַן איז געווען מיין גאַסט. יאָ, דער מאַנאַך האָט ביי מיר דעם עברדיקן יאָר געגעסן אָוונט־ברויט. דערנאָכדעם האָט ער אַוועקגעפירט מיט זיך טאַיס.

און ער האָט זיך געווענדעט צו זיין שריפטפירער:

— פאַרצייכן דאָס, קינד, אויף מיינע שרייב־ברעטלעך. און פאַרגעס ניט די הויך פונם זייל און דאָס אויסזען פונם שפּיץ.

אָפּווישנדיק דעם שטערן, האָט ער ווידער געזאָגט:

— באַגלויבטע מענטשן האָבן מיר דערציילט, אַז אַ יאָר שוין, ווי ער זיצט אין דער הויך אויפן זייל און איז נאָך אויף איין רגע ניט אַראָפּ. אַריסטעוס, זאָג, איז דאָס מעגלעך?

— ס'איז מעגלעך פאַר אַ משוגענעם אָדער אַ קראַנקן, ס'וואָלט אָבער געווען אוממעגלעך פאַר אַ מענטשן, וואָס איז געזונט קערפּער־

לעך און גייסטלעך. ציִ ווייסטו ניִט, לוציוס אַז דיִ חולאתן פֿון גוף און פֿון דער נשמה גיִבן אַמאָל דעם קראַנקן אַזאַ כח, וועלכן ס׳פֿאַרמאָגן ניִט די געזונטע. און איִנדערעמתן איִז גאָר ניִט במציאות קיין געזונטע און קראַנקע צושטאַנדן. ס׳זיינען פֿאַראַן נאָר פֿאַרשיידענע צושטאַנדן פֿוגם מענטשן־קערפּער. לערנענדיִק קראַנקהייטן, ביִן איִך געקומען צום באַשלוס, אַז אַ קראַנקהייט איִז אַ נויטווענדיִקע פֿאָרם פֿון לעבן. איִך לערן די קראַנקהייטן מיִט מער פֿאַרגעניִגן איידער איִך הייל זיי. פֿאַראַן קרענק, וואָס קאָנען אַריינברענגען איִן התפּעלות. איִן געשטאַלט פֿון אומאָרדנונג פֿאַרבאָרגן זיי אַ טיִפֿע האַרמאָניע, וויִ למשל, דער שיינער פּיִרטאָגיִקער פּיִבער. אייניִקע חולאתן פֿון גוף רופֿן אַמאָל אַרויס אַ גרויסע טעטיִקייט פֿון די געדאַנקען־פֿעיִקייטן. דו קענסט קרעאָנען. ער איִז געווען אַ שטאַמלער פֿון קיִנדווייז און אַ פּרא־אדם. אָבער איינמאָל איִז ער אַראָפּגעפֿאַלן פֿון די טרעפּ און האָט זיִך צעבראָכן דעם שאַרבן. און נאָך דעם איִז ער, וויִ דיִר איִז באַוווסט, געוואָרן אַ געניִטער אַדוואָקאַט. דער מאָנאַך האָט געוויִס אַ פֿאַרבאָרגענע שלאַפֿקייט. און בכלל איִז זיין אַרט לעבן גאָר ניִט אַזוי אייגנאַרטיִק, וויִ דו מיינסט, לוציוס. דערמאָן זיִך מכּח די גיִמנאָסאָפֿיִסטן פֿון איִנדיע, וואָס קאָנען בלייבן לחלוטין אומבאַוועגלעך ניִט בלויז איִן משך פֿון אַ יאָר, נאָר אויך איִן משך פֿון צוואַנציִק, דרייסיִק און פֿערציִק יאָר.

— כ׳שווער ביי יופּיִטער,—האָט אויסגעשריִגן קאָטאַ,—ס׳איִז אַ גרויסע עולה. דער מענטש איִז באַשאַפֿן געוואָרן אויף צו באַוועגן זיִך, און דער, וואָס בלייבט אָט אַזוי אומבאַוועגלעך, באַגייט אַ גרויסן פֿאַרברעך קעגן דער מלוכה. איִך ווייס בכלל ניִט, וועלכער גלויבן דערלויבט אַזאַ מסוכּנע אויפֿפֿיִרונג. אפֿשר נאָר איינע פֿון די אַזיאַטיִשע אמונות. בעת איִך ביִן געווען דער רעגיִרער פֿון סיִריע, האָב איִך געזען בריִקלעך אַזוינע אויף די זיילן פֿון דער שטאָט הערא. אַ מענטש פֿלעגט אַרויפֿגיין אַהיִן צוויי מאָל איִן יאָר און פֿאַרבלייבן דאָרט איִן משך פֿון אַ זיִבן טעג. דאָס פֿאָלק איִז געווען איִבערצייגט, אַז דער מענטש רעדט מיִט די געטער און פֿועלט ביי זיי, אַז איִן סיִריע זאָל אַלץ געראָטן. דער דאָזיִקער מנהג, האָט מיִר געדאַכט, איִז נאַריִש, פֿונדעסטוועגן האָב איִך איִם ניִט פֿאַר־

באַטן. כ׳רעכן, אַז אַ מענטש, וואָס דינט דער מלוכה, דאַרף ניט שטערן די רגילותן פון אַ פאָלק, אדרבא, ער דאַרף זיי אונטערהאַלטן. די מלוכה טאָר ניט אָנבינדן די פעלקער איר אמונה. איר חוב איז, פאַרקערט, שטיצן און באַפרידיקן די אַלע אַנדערע גלויבנס, ווייל, גוט צי שלעכט, אָבער ס׳האָט דאָך זיי אַלע באַשאַפן דער גייסט פון צייט, פון אָרט און פון שטאַם. דער, וואָס וועט וועלן קעמפן מיט זיי, וועט זיין אַ טיראַן, און אַלע וועלן האָבן דאָס רעכט אים צו האַסן. און בכלל אָט די אַלע המונישע נאַרישקייטן דאַרף מען פאַרשטיין און דערלאָזן, ס׳איז די איינציקע מעגלעכקייט שטיין העכער פון זיי. אַריסטעוס! מיין מיינונג איז, מיר זאָלן לאָזן דעם הייליקן צורו. זאָלן די פויגלען מיט אים מלחמה האַלטן. כ׳וויל ניט איבערגוואַלט שטיין העכער פון אים, אדרבא, כ׳וויל פאַרשטיין זיינע געדאַנקען און זיין גלויבן.

ער האָט אָפּגעטעמט, אויסגעהוסט זיך, אַנידערגעלייגט די האַנט דעם שריפטפירער אויפן אַקסל און געזאָגט:

— קינד, פאַרצייכן, אַז איינינקע פון די קריסטלעכע כתות זיינען זיך נוהג צו פאַרפירן פרייע פרויען און וויבען אויף זייל. דו קאָנסט נאָך צוגעבן, אַז די מנהגים געהערן צו דער אמונה פון די געגעטישע געטער. אָבער לאָ׳מיר מכוח דעם בעסער פרעגן אים אַליין.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, מיט דער האַנט פאַרשטעלט די זון און הויך אויסגעשריגן:

— העי, פאַפנוטיוס, דו געדענקסט, אַז דו ביסט געווען ביי מיר צו גאַסט, ענטפער מיר! וואָס טוסטו דאָרט אויבן? צוליב וואָס ביסטו אַהין אַרויף און צוליב וואָס ביסטו דאָרט פאַרבליבן? וואָס פאַר אַ געטלעכע באַדייטונג האָט פאַר דיר דער זייל?

פאַפנוטיוס האָט געוווסט, אַז קאָטאַ איז אַ געצנדינער און ער האָט אים אפילו ניט געענטפערט. אָבער פלאַוויאַנוס, זיין תלמיד, איז צוגעגאַנגען צו קאָטאַ און האָט אים געזאָגט:

— חשובער האַר, דער הייליקער מאַן נעמט אויף זיך די עברות פון דער גאַנצער וועלט און היילט קראַנקהייטן.

— ביי יופיטער, דו הערסט, אַריסטעוס,—האָט אויסגעשריגן

קאָטאַ,—דער פּרוש פאַרנעמט זיך, ווי דו, מיט מעדיצין? וואָס וועסטו זאָגן צו אַזאַ חשובן חבר?—

אַריסטעוס האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ס'איז צו גלויבן, אַז אַנדערע קרענק היילס ער בעסער פון מיר. אָט, למשל, די חולה־נופלים־קרענק, עפּילעפּסיע, וואָס די פּשוטע מענטשן רופן דאָס די געטלעכע קרענק, הגם אַלע קרענק זיינען געטלעכע, ווייל זיי קומען פון גאָט. אָבער די סבה פון דער קרענק איז אַן איינדרימלעניש, און דו וועסט מודה זיין, לוציוס, אַז דער מאַנאַך, וואָס האָט זיך פאַרקליבן צו דער געטין אויפן קאָפּ, איז מער ביכולת צו ווירקן אויף פאַרשיידענע איינדרימלענישן איידער איך מיט מיינע ביכער, בוטלען און זאַלבן. פאַראַן כוחות, לוציוס, וואָס זיינען שטאַרקער פונם שכל און פון דער וויסנשאַפט.

— וועלכע כוחות?—האָט געפרעגט קאָטאַ.

— אומוויסנהייט און משוגעת,—האָט געענטפערט אַריסטעוס.

— כ'האָב זעלטן ווען געזען אַ מער שענערע זאַך איידער איך זע איצט,—האָט געזאָגט קאָטאַ.—כוואָלט געוואָלט, אז אַ געניטער שרייבער זאָל ווען עס איז באַשרייבן ווי ס'האָט זיך געגרינדעט די דאָזיקע שטאָט סטילאָפּאָליס. אָבער די סאַמע זעלטענע ערשיינונגען טאָרן ניט פאַרהאַלטן אויף אַ סך דעם ערנסטן און אַרבעטנדיקן מענטשן. קום אַרומקוקן די קאַנאַלן. זיי געזונט, פּאַפנוטיוס, אָדער ריכטיקער, צום ווידערזען! אויב דו לאָזסט זיך אַראָפּ ווען עס איז און קומסט אין אַלעקסאַנדריע, פאַרגעס ניט אַריינגיין צו מיר אויף אָוונט־ברויט.—

די דאָזיקע ווערטער, וואָס אַלע דערבייגעוועזענע האָבן געהערט, זיינען געגאַנגען פון מויל צו מויל און האָבן נאָך מער פאַרגרעסערט דעם שם פון פּאַפנוטיוסן. דער פרומער כח הדמיון, די פאַנטאַזיע, האָט זיי פאַרשענערט און איבערגעמאַכט. און דערציילט האָט מען שוין, אַז דער הייליקער האָט פון דער הויך פון זייל איבערגערעדט דעם אָנפירער פון פלאָט און יענער האָט אָנגענומען די אמונה פון די אַפּאָסטאָלן און פון די ניקעישע פאָטערס.

די גלויביקע האָבן אויף זייער שטייגער אויסגעטייטשט די לעצטע ווערטער פון קאָטאַ: דער אָוונט־ברויט, אויף וועלכן יענער

האָט איינגעלאַדן דעם נזיר, האָט געזאָלט הייסן די הייליקע סעודה, די גייסטלעכע שפּייז, דער הימלשער מאָלצייט; די מעשה מיט דער באַגעגעניש פלעגט מען דערציילן איבערגעאַנדערשט און באַריי־כערט, און די, וואָס האָבן דאָס אויסגעטראַכט, האָבן די ערשטע דערין געגלויבט. מ'האָט דערציילט, אַז בעת קאָטאַ האָט נאָך אַ לאַנגן וכּוח מודה געווען אינם געטלעכן אמת, איז אַראָפּ אַ מלאך פון הימל און האָט אים אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן. מ'האָט נאָך מוסיף געווען, אַז אויך קאָטאָס מעדיקער און שריפטפירער האָבן אָנגענומען די קריסטלעכע אמונה. פון דעמאָלט אָן האָט, אָן אַ גוזמא, די גאַנצע וועלט פאַרגלוסט צו זען פאַפנוטיוסן. און אַלע קריסטן פון מזרח און פון מעריב האָבן געווענדעט צו אים זייערע פאַרבלענדעטע בליקן. די סאַמע באַרימטע שטעט פון איטאַליע האָבן געשיקט צו אים שלוחים, און דער רוימישער צעזאַר, דער געטלע־כער קאָנסטאַנס, וואָס האָט אונטערגעהאַלטן דאָס קריסטלעכע גלויבן, האָט אים געשיקט אַ פייערלעכן בריוו. אָבער איינמאָל ביינאַכט, בעת די גאַנצע איינגעשלאָפענע שטאָט איז געלעגן ביי אים צופוסנס, איינגעטונקט אין טוי, האָט ער דערהערט אַ שטים, וואָס האָט צו אים געזאָגט:

— פאַפנוטיוס, דו ביסט באַרימט מיט דיינע מעשים, מיט דער קראַפט פון דיינע רייד. גאָט האָט דיך דערהויבן פון זיין כבוד וועגן. ער האָט דיך אויסדערוויילט דו זאָלסט טאָן ניסים, היילן קראַנקע, לערנען די זינדיקע, צלמען די געצנדינער, שטעלן אין פאַרלעגנהייט די אַריער און ברענגען שלום דעם קלויסטער.

פאַפנוטיוס האָט געענטפערט:

— זאָל מקוים ווערן גאָטס ווילן!

די שטים האָט ווידער גערעדט:

— שטיי אויף, פאַפנוטיוס, און גיי זוך אויף אין זיין פּאַלאַץ דעם אומריינעם קאָנסטאַנציוס, וואָס האָט פאַרלאָזן די קלוגע וועגן פון זיין ברודער קאָנסטאַנס און האַלט אונטער די נאַרישע טעותן פון אַריוס און מאַרקוס. גיי! די קופערנע טירן וועלן זיך פאַר דיר עפענען, דיינע סאַנדאַליעס וועלן טרעטן איבערן גאָלדענעם ברוק פון דעם קיסרישן טראָן־הויז און דיין מוראדיקע שטים וועט פאַר־

ענדערן דאָס האַרץ פון קאָנסטאַנציוס, דעם זון פון קאָנסטאַנטינוס. דו וועסט הערשן איבער דעם באַרויקטן און מעכטיקן קלויסטער. און אַזוי ווי די נשמה פירט אָן מיטן גוף, אַזוי וועט דער קלויסטער אָנפירן מיט דער מלוכה. דו וועסט זיין העכער פון די סענאַטאָרן, פון די גראַפן און פאַטריציער. דו וועסט איינשטילן דעם הונגער פון די פעלקער און אָפּשטעלן די העזה פון די באַרבאַרן. דער אַלטער קאָטאַ וועט זיך דערוויסן, אַז דו ביסט דער ערשטער אין דער מלוכה, און וועט דיר קומען וואַשן די פיס דיינע. נאָך דיין טויט וועט מען דיין אויבער-בגד אָפּטראָגן דעם אַלעקסאַנדריער פּאַטריאַרך און דער גרויסער אַטאַנאַסיאַס וועט עס קושן, ווי אַ הייליקע קמיע. גיי!

פּאַפנוטיוס האָט געענטפערט:

— זאָל מקוים ווערן גאָטס ווילן!

ער האָט זיך אָנגעשטרענגט און איז אויפגעשטאַנען שוין גרייט אַראָפּצוגיין. אָבער די שטים האָט פאַרשטאַנען זיין מיין און געזאָגט:

— ניין, גיי נישט אַראָפּ מיט די טרעפּ פון לייטער. דאָס פּאַסט בלויז פאַר אַ געוויינלעכן בשר-ודם, דו אָבער ביסט געבענטשט מיט גייסט. נעם אין אַכט דיין קראַפט, הימלשער פּאַפנוטיוס. אַזאַ גרויסער הייליקער, ווי דו, דאַרף פליען אין דערלופטן. שפּרינג אַראָפּ; דאָ זיינען פאַראַן מלאכים, זיי וועלן דיך אונטערכאַפּן. שפּרינג אַראָפּ!

פּאַפנוטיוס האָט געענטפערט:

— זאָל גאָטס ווילן הערשן איבער דער ערד און אין די הימלען!

ער האָט אַ פּאָך געטאָן מיט די לאַנגע הענט, אויסגעשפּרייט ווי צוויי נאַקעטע פויגל-פליגלען, און געהאַלטן שוין ביי אַ שפּרינג צו טאָן. נאָר פּלוצים האָט אים אין די אויערן אַ שאַל געטאָן אַ מאוסער געלעכטער. אַ דערשראָקענער האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— ווער לאַכט דאָס אַזוי?

— כאַ, כאַ, כאַ,–האָט געלאַכט די שטים.–מיר האַלטן אָקאָרשט צום אַלעם ערשטן פון אונזער פריינטשאַפט. דו וועסט זיך איינגיכן

נאָך נענטער מיט מיר באַקענען, טייערער! דאָס האָב איך דיך אַרויפגעבראַכט אַהער, און איך בין קאָנטעט, וואָס דו ביסט אַזאַ פֿאָלגעוודיקער און ערפילסט אַלע מיינע פאַרלאַנגען. פּאַפּנוטיוס, איך בין צופרידן מיט דיר!

פּאַפּנוטיוס האָט זיך געשטיקט פון פחד:

— אַוועק, אַוועק, כ'האָב דיך דערקענט, דו ביסט דער, וואָס האָט אַרויפגעפירט יעזוסן אויפן טעמפּל־דאַך און האָט אים באַוויזן אַלע רייכקייטן פון דער גאָרער וועלט.

אַ דערשראָקענער איז ער אנידערגעפאַלן אויפן שטיין.

— ווי אַזוי האָב איך דיך ניט דערקענט ביז אַהער,—האָט ער געטראַכט.—כ'בין אומגליקלעכער פון די אַלע בלינדע, טויבע און פאַראַליטיקער, וואָס ליגן אויף מיר אַלע זייערע האָפענונגען. כ'האָב פאַרלוירן דעם חוש צו דערקענען אויסערגעוויינלעכע ערשיינונגען. כ'בין ערגער פון אַ משוגענעם, וואָס עסט ערד און באַשמעקט טויטע גופים. כ'ווייס ניט מער, ווען ס'שאַלט דער גיהנום און ווען ס'רופט גאָטס שטים. כ'האָב פאַרלוירן אפילו דעם פאַרשטאַנד פון אַן עופעלע, וואָס וויינט, בעת מ'רייסט עס אָפּ פון דער מאַמעס ברוסט; דעם חוש פון אַ הונט, וואָס שמעקט אָן די טריט פון זיין האַר; דעם שכל פון אַ געוויקס, וואָס ציט זיך צו דער זון. כ'בין אַ שפּילעכל ביים שטן אין די הענט. דאָס האָט ער, דער טייוול, מיך געבראַכט אַהער. ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן אויף דער דאָזיקער הויך, האָבן אויך גאווה און לוסט זיך אויפגעהויבן אַהער צוזאַמען מיט מיר. אָבער די נסיונות שרעקן מיך ניט אָפּ. זייענדיק אויפן באַרג, איז אַנטאָניוס מער באַגעשטאַנען, איידער איך. כ'וויל, אַז מלאכים זאָלן זען, ווי דער חלף פון די נסיונות שניידט מיין לייב. כ'האָב אפילו שוין ליב באַקומען מיינע יסורים. אָבער גאָט שווייגט און זיין שוויגן חדושט מיך. ער פאַרלאָזט מיך און איך האָב מער קיינעם ניט, חוץ אים. ער כאַפּלאָזט מיך איינעם אַליין און איך שרעק זיך זיין אָן אים. ער אַנטלויפט פון מיר, לויף איך נאָך נאָך אים. דער שטיין ברענט מיר מיינע פיס, גיכער, לאָמיר גיין, לאָמיר געפינען גאָט!

ער איז אַרויף אויפן לייטער, וואָס איז דאָ געשטאַנען אָנגעלענט די גאַנצע צייט. און אַריבערטרעטנדיק איין טרעפּל, איז ער

געבליבן שטיין פּנים אל פּנים מיט דעם בהמהשן קאָפּ, וואָס האָט אַזוי מאָדנע געלאַכט. ס׳איז אים דאַן קלאָר געוואָרן, אַז זיין רויק און באַריִמט אָרט איז באמת פאַרפלוכט און פאַרדאָרבן. ער האָט זיך פלינק אַראָפּגעלאָזט פון לייטער און געשטעלט זיך אויף דער ערד. זיינע פיס האָבן פאַרגעסן ווי צו גיין און האָבן זיך געוואַקלט. ער האָט אָבער דערפילט דעם שאָטן פונם פאַרשאָלטענעם זייל און זיי געצווּנגען צו לויפן. אַרום איז אַלץ געשלאָפן, ער האָט איבערגעשניטן אומבאַמערקט דעם גרויסן פלאַץ, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט שענקען, איינפאָרהויפן און גאַסט־הייזער, און אַ וואָרף געטאָן זיך אין אַ זייטיק געסל, וואָס האָט געפירט צו די ליוויִשע בערג צו. אַ הונט, וואָס האָט אים נאָכגעיאָגט, בילנדיק, האָט אים באַגלייט ביז די ערשטע מדבר־זאַמדן. און פאַפנוטיוס איז אַוועק מיטן וויסטן לאַנד, ווו ס׳איז ניטאָ קיין סימן פון וועג אויסער די טריט־צייכנס פון די ווילדע חיות. ער איז געגאַנגען אַ פאַריאושטער, געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט און אַ גאַנצן טאָג.

ער איז שיער ניט געשטאָרבן פון דאָרשט, הונגער און מידקייט, אָבער, ניט ווייסנדיק ווי ווייט ער איז פון גאָט, איז ער אַלץ געגאַנגען, ביז וואַנען ער האט דערזען אַ שטום־שווייגנדיקע שטאָט, וואָס האָט זיך געשפּרייט אויף רעכטס און אויף לינקס צווישן דעם זוניקן פורפור־שיין. די וווינונגען זיינען געשטאַנען אָפּווייט איינס פונם אַנדערן און געווען ענלעך איינס אויפן אַנדערן. דאָס זיינען געווען קברים. די טירן פון די אהלס זיינען געווען אויסגעבראָכן, און אין דער חשכות האָבן דאָרט געבליצט אויגן פון היענעס און וועלפינס, וואָס האָבן געגעבן זויגן זייער קליינוואַרג, און די באַגזלטע און אַרומגעגריזעטע טויטע קערפּערס האָבן זיך געוואַלגערט דאָ אויף דער שוועל. פאַפנוטיוס איז אַדורך דורך דער טויטער שטאָט און איז אַ פאַרחלשטער געפאַלן נעבן אַ קבר ניט ווייט פון אַ טייכל, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט פאַלעם־ביימער. דער דאָזיקער קבר איז געווען זייער שיין באַפּוצט. קיין טיר איז דאָרט ניט געווען און איבעווייניק אינם אויסגעפאַרבטן צימער האָבן גענעסט שלאַנגען.

— אָט,—האָט ער אָפּגעזיפצט,—פון איצט אָן וועל איך דאָ וווינען, תשובה טאָן און פראַווען סגופים.

ער איז אַהין אַריין, אָפּגעשליידערט מיטן פּוס די שלאַנגען און איז געפֿאַלן מיטן פּנים צו דער ערד. אַן אויסגעצויגענער אויפֿן שטיינערנעם ברוק, איז ער אַזוי געלעגן אין משך פֿון אַכצען שעה, דערנאָכדעם איז ער אויפֿגעשטאַנען און אַוועק צום פֿאָנטאַן טרינקען וואַסער פֿונם הויפֿן. ער האָט אַראָפּגעריסן אַ פּאָר טייטלען און איבערגעביסן. געטראַכט האָט ער שוין, אַז אַזאַ אַרט לעבן וועט אים ברענגען נוצן און איז פֿאַרבליבן דאָ אויף תמיד. פֿון אינדערפֿרי ביז פֿאַרנאַכט האָט ער ניט אויפֿגעהויבן דעם פּנים פֿונם שטיין.

און איינמאָל, ליגנדיק אַזוי, האָט ער דערהערט אַ שטים, וואָס האָט געזאָגט:

— באַטראַכט די דאָזיקע בילדער און לערן זיי.

ער האָט דאַן אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען אויף די ווענט אויסגעמאָלטע בילדער פֿון פֿרייליכן משפּחה־לעבן. ס׳איז געווען אַן אַלטע און קונציקע אַרבעט. ס׳זיינען דאָרט געווען אויסגעמאָלט קאָכערס, וואָס האָבן פֿאַנאַנדערגעבלאָזן אַ פֿייער, אייניקע האָבן געפּליקט גענז אָדער געבראָטן פֿלייש אין פֿאַנען. ווייטער אַ ביסל האָבן יעגערס געשלעפּט פֿאַרווונדעטע גאַזעלס אויף די פּלייצעס. אויף איין בילד האָבן פּויערים געזייט, געשניטן און געזאַמלט פּרוכטן, אויפֿן אַנדערן האָבן פֿרויען געטאַנצט און דערביי האָט מען געשפּילט אויף פֿלייטן און טרומייטן. איינע, אַ יונג מיידל, האָט געשפּילט אויף אַ ה רפּע. אַ לאָטאָס־בלום האָט געגלאַנצט צווישן אירע דין פֿאַרפֿלאָכטענע צעפּ. איר קלייד איז געווען דורכזיכטיק און ס׳האָבן זיך אַרויסגעזען די מיידלש־ציכטיקע פֿאָרמען פֿון איר קערפּער. איר שיינער אויג האָט געקוקט גלייך און איר פּנים איז געווען ווונדע־באַר. פּאַפֿנוטיוס האָט זי באַטראַכט, אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געווענדעט זיך צו דער שטים:

— צו וואָס הייסטו מיך קוקן אויף די דאָזיקע בילדער? ס׳איז אויף זיי, אָן ספֿק, אויסגעמאָלט דאָס ערדישע לעבן פֿונם געצנדינער, וואָס ליגט דאָ באַגראָבן אין טיפֿן קבר אונטער מיינע טריט אין אַן אָרון פֿון שוואַרצן באַזאַלט. די דאָזיקע בילדער דערמאַנען דאָס לעבן פֿונם טויטן און, ניט קוקנדיק אויף זייערע לעבעדיקע פֿאַרבן,

זיינען זיי דאָך בלויז אַ שאָטן פֿון אַ שאָטן. דאָס לעבן פֿון אַ טויטן! ס'איז הבל־הבלים...

— ער איז געשטאָרבן, אָבער ער האָט געלעבט,—האָט אים אָפּגעענטפֿערט די שטים,—און דו װעסט שטאַרבן ניט געלעבטערהייט.

פֿון יענעם טאָג אָן האָט פֿאַפּנוטיוס ניט געהאַט קיין באַרוטע מינוט. די שטים האָט מיט אים גערעדט די גאַנצע צייט. דאָס מיידל מיטן שיינעם אויג און מיט דער האַרפֿע האָט אויף אים תּמיד געקוקט. און זי האָט אים אויך געזאָגט:

— קוק, איך בין אַ געהיימניספֿולע און אַ שיינע. האָב מיך ליב. פֿאַרזוך אין מיינע אָרעמס די ליבע, װאָס פּייניקט דיך. פֿאַרװאָס זאָלסטו פֿאַר מיר מורא האָבן? דו קאָנסט פֿון מיר ניט אַנטלויפֿן. איך בין די שיינקייט. װוּהין קלערסטו פֿון מיר אַנטלויפֿן? דו װעסט געפֿינען מיין בילד אינעם גלאַנץ פֿון בלומען, אינעם שלאַנקן װוּקס פֿון פּאַלמען, אינעם פֿליען פֿון טויבן, אינעם שפּרונג פֿון דער גאַזעל, אינעם ריזלען פֿון טייכלעך, אינעם װייכן ליכט פֿון דער לבֿנה, און פֿאַרמאַכסטו די אויגן, געפֿינסטו מיך אין זיך גופֿא. מיט טויזנט יאָר צוריק האָט דער מענטש, װאָס שלאָפֿט דאָ אויפֿן שטיינערנעם בעט, געדריקט מיך צום האַרצן. מיט טויזנט יאָר צוריק האָט ער באַקומען מיין לעצטן קוש און זיין שלאָף איז נאָך עד היום פֿול מיט דופֿטן. דו קענסט מיך גוט, פֿאַפּנוטיוס. װי אַזוי האָסטו מיך ניט דערקענט? איך בין איינע פֿון טאַיִס פֿאַרקערפּערונגען, אירער אַ גלגול. דו ביסט אַ געבילדעטער מאַנאַך, און ביסט גוט באַהבנט אין אַלע זאַכן. דו האָסט געמאַכט אַ סך נסיעות, און אַז מ'פֿאָרט אַ סך, באַקומט מען װיסן. האָסטו, מסתּמא, געהערט, אַז טאַיִס האָט אין אַמאָליקע צייטן געלעבט אין אַרגאָס און האָט געהייסן דעמאָלט העלענאַ. אין טעבּ האָט זי געלעבט אין אַן אַנדער גלגול און איצט די טאַיִס פֿון טעבּ— דאָס בין איך. װי אַזוי האָסטו דאָס ביז אַהער ניט געטראָפֿן? בעת איך בין געװען אַ לעבעדיקע, האָב איך גענומען אויף זיך אַ טייל עבֿירות פֿון דער װעלט. און איצט, פֿאַרװאַנדלט אין אַ שטן, בין איך נאָך פֿעיִק נעמען אויף זיך דיינע עבֿירות, געליבטער נזיר. װאָס חידושסטו זיך? דו האָסט דאָך קלאָר געװוּסט, אַז װוּהין דו װעסט ניט גיין, װעסטו אומעטום טרעפֿן טאַיִס.

ער האט זיך געשלאגן מיטן שטערן אן שטיין אין געשריגן פֿון פחד. און אַלע נאַכט איז דאָס מיידל מיט דער האַרפּע אַראָפּגעגאַנגען פֿון דער וואַנט, גענענט זיך צו אים און גערעדט מיט אַ פרישער, זאַפטיקער שטים. דער הייליקער אבער האט זי ניט געפאלגט און זי האט צו אים אַזוי געזאגט:

— האָב מיך ליב, טו, וואס איך פאַרלאַנג, מיין פריינט. כּל זמן דו וועסט זיך עקשנען, וועל איך דיך פייניקן. דו ווייסט ניט, וויפֿיל געדולד פאַרמאגט אַ טויטער. כ׳וועל וואַרטן, אויב מ׳דאַרף, ביז וואַנען דו וועסט שטאַרבן. איך בין אַ כשופמאַכערין און וועל קאנען אין דיין טויטן גוף אַריינבלאזן אַ גייסט, וואס וועט אים אויפסניי אויפלעבן און דעמאלט וועט ער טאָן אַלץ, וואס איך פאַרלאַנג איצט פון דיר. און גיב אַ טראַכט, פאַפנוטיוס, וואס וועט זיין, בעת דיין גליקלעכע געבענטשטע נשמה וועט פֿון דער הויך פון הימל דערזען, ווי דיין גוף זינדיקט? אפילו גאט אַליין, וואס האט דיר מבטיח געווען אומקערן דיר דיין גוף נאכן לעצטן יום־הדין, וועט אויך זיין אין פאַרלעגנהייט. ווי אַזוי וועט ער קאנען אויפשטעלן דעם הימלשן גלאַנץ פונם מענטשלעכן געשטאַלט, אין וועלכן ס׳לעבט דער שטן און אויף וועלכן ס׳געוועלטיקט אַ מכשפה? דו האסט ניט געטראַכט פון דער שוועריקייט. גאט, צו גלויבן, טראַכט אויך ניט. צווישן זיך רעדנדיק, איז ער ניט איבעריק פאַרשפיצט. די געוויינלעכסטע מכשפה נאַרט אים אפּ, און וואלט ער ניט געהאַט זיינע דונערן און בליצן, וואלטן די דארפישע ווייסע־חברהניקעס אפילו אים געפירט פאַר דער נאז. געוויס, ער פאַרמאגט ניט אַזוי פיל שכל, וויפֿיל דער אַלטער שלאַנג, זיין שונא. דער שלאַנג איז אַ גלענצנדער קינסטלער. כ׳בין שיין נאר דערפאַר, ווייל ער האט געאַרבעט איבער מיין שיינקייט. ער האט מיך אויסגעלערנט פאַרפלעכטן מיינע צעפּ, פאַרבן די פינגער און טאקן די נעגל. דו האסט אים ניט דערקענט? בעת דו ביסט געקומען באַזעצן זיך אין דעם דאָזיקן אהל, האָסטו מיטן פוס פֿאַריאָגט די שלאַנגען, וואָס האָבן דאָ געוווינט, האָסט ניט אַ טראַכט געגעבן אפילו, אַז זיי שטאַמען פון זיין משפחה, און דו האָסט צעטראָטן זייערע אייעלעך. כ׳האָב מורא, פריינט, אַז דו ביסט אַריין אין אַ שלעכטן עסק. האָט

מען דאָך דיך מתּרה געווען, דערציילט דיר, אַז ער איז אַ מוזיקער און אַן איינגעליבטער. וואָס האָסטו געטאָן? דו האָסט זיך צעקריגט מיט דער וויסנשאַפט און מיט דער שיינהייט. דו ביסט זייער אומגליקלעך און יהוה קומט ניט דיר צו הילף. און ער וועט, ווי ס׳ווייזט אויס, ניט קומען. ער איז גרויס, ווי די גאַנצע וועלט, קאָן ער זיך ניט אַ ריר טאָן, ווייל ס׳קלעקט אים ניט קיין פרייער שטח, און וואָלט ער, חלילה וחס, גערירט זיך פון אָרט, וואָלט ער איבערגעקערט די גאַנצע וועלט. שיינער נזיר, גיב מיך אַ קוש!

פּאַפּנוטיוס האָט געהערט, אַז כּשוף־מאַכער קאָנען באַווייזן וווּנדער. און ער האָט געטראַכט אַ פאַרזאָרגטער:

— צו גלויבן, אַז דער טויטער, וואָס ליגט דאָ באַגראָבן, ווייסט די באַשווערונגען, וואָס שטייען געשריבן אין געהיימניספולן בוך, וועלכער ליגט באַהאַלטן דאָ ניט ווייט אינם קיסרישן קבר. אַדאַנק דער קראַפט פון די דאָזיקע ווערטער, באַקומען די טויטער זייער ערדישן געשטאַלט, זיי זעען די שיין פון זון און דעם שמייכל פון פרויען.

ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס מיידל מיט דער האַרפּע וועל דאָ, פאַר זיינע אויגן, צונויפגיין זיך מיטן טויטן מאַן, גאָר ווי בייט לעבן. ס׳האָט זיך אים שוין אָפּט געדאַכט, אַז ער הערט דעם לייכטן שאָרך פון אַ קוש.

ער איז שטאַרק מבולבל געוואָרן און איצט, ווען גאָט האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן, האָט ער שוין מורא געהאַט טראַכטן און אפילו פילן. איינמאָל אָוונט־צייט, בעת ער איז, ווי זיין שטייגער איז, געלעגן מיטן פּנים צו דער ערד, האָט אַן אומבאַקאַנטע שטים צו אים געזאָגט:

— פּאַפּנוטיוס, אויף דער וועלט איז פאַראַן אַזוי פיל פעלקער, און וואָלט איך דיר באַווייזן די אַלע, וואָס כ׳האָב געזען, וואָלסטו געשטאָרבן פון פּחד. פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן אין מיטן שטערן אַן איינאונאיינציק אויג. פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן נאָר איין פוס, און זיי שפּרינגען שטענדיק. פאַראַן מענטשן, וואָס בייטן דעם געשלעכט און פון מאַנסבילן ווערן זיי אָפּט פרויען. פאַראַן מענטשן־ביימער, וואָס וואַקסן מיט די וואָרצלען אין דער ערד. און ס׳זייבען

פֿאַראַן מענטשן אָן קעפּ און די אויגן זייערע, דער נאָז און דער מויל זייִנען ביי זיי אויף דער ברוסט. און דענקסטו דען באמת, אַז יעזוס קריסטוס איז געשטאָרבן צוליב אָט די אַלע מענטשן?

איינמאָל האָט ער געהאַט אַזאַ מין זעונג: ער האָט געזען אַ ברייטע גאַס, טייכן און גאָרטנס פֿאַרגאָסענע מיט ליכט. אַריסטאָבולאָס און כערעאַס זייִנען דורכגעריטן פֿאַרביי אויף זייערע סירישע פֿערד, און דער פֿרייליכער ברען פֿון זייער געלויף האָט רויט באַפֿאַרבט זייערע פּנימער. אונטער אַ דעכל האָט קאַליקראַטעס געלייענט זייִנע שירים. אַ צופֿרידענע גאווה האָט געציטערט ביי אים אין שטים און געצונדן פֿלאַמען אין די אויגן. זענאָטעמיס האָט געריסן אין גאָרטן גאָלדענע עפּל און געגלעט אַ באַפֿליגלטן שלאַנג. הערמאָדאָר איז געווען אָנגעטאָן אין ווייסן מיט אַ גלאַנצנדיקער מיץ אויפֿן קאָפּ, ער איז געשטאַנען אַ פֿאַרטראַכטער, אַ פֿאַרזונקענער און הייליקע רעיונות. און דאָ ניט ווייט, ביים פֿאָנטאַן, האָט ניקיאַס געלערנט די האַרמאָנישע באַוועגונגען פֿון די הימלשע ליכטער.

דערנאָכדעם איז צום מאָנאַך צוגעגאַנגען אַ פֿאַרדעקטע פֿרוי, וואָס האָט געהאַלטן פֿאַלעם־צווייגן אין די הענט. זי האָט צו אים געזאָגט:

— קוק! איינע זוכן די אייביקע שיינקייט און זייער ערדיש לעבן פֿאַרמאָגט אין זיך אַ גאַנצע אייביקייט. די אַנדערע לעבן אָן שום כּוונות. אָבער זיי פֿאָלגן די שיינע נאַטור, זייִנען זיי דערפֿאַר שיין און גליקלעך און דערמיט גופֿא לויבן זיי דעם אייביקן שעפֿער, ווייל דער מענטש איז דער שענסטער לויבגעזאַנג צו גאָט. און זיי אַלע טראַכטן, אַז דאָס גליק איז אומשולדיק און די פֿרייד איז דערלויבט. פּאַפֿנוטיוס, אויב די דאָזיקע אַלע זייִנען גערעכט, האָסטו דיך פֿיין אָפּגענאַרט!

און די זעונג איז פֿאַרשווונדן.

די נסיונות האָבן אָן אויפֿהער געמאַטערט פּאַפֿנוטיוסן, געפּייניקט דעם גוף און די נשמה. דער שטן האָט אים ניט געלאָזט צו רו. דער איינזאַמער אהל איז געווען מער באַלעבט איידער אַ גרויסשטאָטישער פּלאַץ. די שדים האָבן דאָרט הויך געלאַכט, און מיליאָנען לצים, רוחות און קליפּהס האָבן נאָכגעמאַכט דאָס גאַנצע לעבן.

אָונט=צייט, ווען ער איז געגאַנגען צום קוואַל, האָבן די סאַטירן מיט די פאַונען געטאַנצט אַרום אים, אַריינגעצויגן אים אין זייערע תאוהדיקע קאַראַהאָדן. די מזיקים האָבן שוין פאַר אים גאָר קיין מורא ניט געהאַט. זיי האָבן אים דערעסן מיט זייערע געשלעגן, גלייכווערטלעך און מאוסע זידלערייען. איינמאָל האָט אַ קליין שדל, ניט מער ווי אַ האַנט די גרויס, אָוועקגעגנבעט ביי אים די שטריק, מיט וועלכע ער פלעגט זיך אונטערגאַרטלען.

ער האָט געטראַכט:

— גאָט, וווהין האָסטו מיך פאַרפירט?—

און ער האָט באַשלאָסן נעמען זיך פאַר האַנט=אַרבעט, געוואָלט לאָזן רוען זיין מידן גייסט. ביים פאָנטאַן אין שאָטן פון די פאַל=מעס זיינען געוואַקסן באַנאַנען=ביימער, ער האָט אַראָפּגעצויגן אַ פּאָר ברייטע בלעטער און געבראַכט זיי אין אהל. דאָרט האָט ער זיי צע=ריבן מיט אַ שטיין און צענומען אויף איינציקע דינע הערעלעך. ער האָט געוואָלט אויספלעכטן זיך אַ שטריק, אַנשטאָט דעם, וואָס דער שד האָט ביי אים צוגעגנבעט. די בייזע רוחות זיינען געווען דער=פון ניט צופרידן. דאָס מיידל מיט דער האַרפע האָט אויפגעהערט כשופן און איז זיך געשטאַנען רויק אויף אַנגעמאָלטער וואַנט. פּאַפ=נוטיוס האָט געפלאָכטן די באַנאַנען=בלעטער און געמונטערט שוין זיין געדאַנק און גלויבן.

— מיט גאָטס הילף,—האָט ער צו זיך געזאָגט,—איך וועל גובר זיין מיין קערפּער. וואָס איז שייך צו דער נשמה, האָט זי דאָך ניט אָנגעוווירן איר האָפנונג. אומזיסט ווילן די ניט=גוטע, אומזיסט וויל דער שטן, איך זאָל אָנהויבן צווייפלען אין גאָטס וועגן. איך וועל זיי ענטפערן מיט די ווערטער פונם אַפּאָסטאָל יוחנן: „פון אָנהויב איז געווען דאָס וואָרט און דאָס וואָרט איז געווען גאָט". דערין גלויב איך זיכער. און אויב דאָס, אין וואָס איך גלויב, איז אַן אומזין, גלויב איך דערין נאָך שטאַרקער. און געוויס מוז דאָס זיין אַן אומזין, אלא ניט וואָלט איך דערינען ניט געגלויבט, כ׳וואָלט דאָס געוווסט. און מיט וויסן אַליין קאָן מען ניט לעבן. בלויז די אמונה קאָן מציל זיין דעם מענטשן.

ער האָט געלאָזט ליגן אויף דער זון די פאַנאַנדערגענומענע

בלעטער און איז יעדן פרימאָרגן אַרויס זיי איבערקערן, געהיט זיי זאָל ניט אָנהויבן פוילן. ס'האָט אים געפרייט, וואָס ער פילט זיך ווידער קינדיש-תמימותדיק. ווען ער האָט פאַרענדיקט די שטריק, האָט ער אָנגעשניטן טייך-ראָרן און אָנגעהויבן פלעכטן פון זיי טעפּי־בער און קאָרבן. דער אהל איז געוואָרן ענלעך אויף אַ ווערק-שטוב און פאַפנוטיוס האָט דאָרט גערן תּפילה געטאָן און געאַרבעט. אָבער גאָט האָט אים מער ניט געהיט, ווייל איינמאָל ביינאַכט האָט אים אויפגעוועקט אַ שטים, וואָס האָט אים דערשראָקן אויף טויט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט גערעדט דער טויטער.

ער האָט פלינק גערופן, דער טויטער, און לייכט אַזוי גע־פליסטערט:

— העלענאַ, העלענאַ, קום מיט מיר זיך באָדן, קום גיכער.

אַ פרוי, וואָס האָט מיט די ליפּן באַרירט כמעט דעם נזירס אויער, האָט געענטפערט:

— פריינט, איך קאָן מיך ניט אויפהויבן. אַ מענטש ליגט אויף מיר.—

פאַפנוטיוס האָט פלוצים דערפילט, אַז ער ליגט מיט דער באַק אויף אַ פרויען-ברוסט. ער האָט דערקענט דאָס מיידל מיט דער האַרפע. זי האָט זיך אויף האַלב שוין באַפרייט פון אונטער אים און אויפגעהויבן איר ברוסט. ס'האָט זיך אין אים אָנגעצונדן אַ פיי־ערדיקער פאַרלאַנג און ער האָט גענומען דריקן צו זיך איר וואַ־רעם, דופטיק לייב.

— פאַרבלייב מיט מיר, פאַרבלייב, מיין הימל!

אָבער זי איז שוין געשטאַנען אויף דער שוועל. זי האָט געלאַכט און די שטראַלן פון דער לבנה האָבן באַזילבערט איר שמייכל.

— צוליב וואָס זאָל איך בלייבן—האָט זי געזאָגט,— אַ געליב־טער, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ היציק בלוט, קאָן זיך באַנוגענען מיט אַ שאָטן פון אַ שאָטן. און נאָך אַלעמען, האָסטו שוין געזינדיקט. וואָס דאַרפסטו נאָך?

פאַפנוטיוס האָט געוויינט אַ גאַנצע נאַכט און מיטן באַגינען געזאָגט אַ זיסע, באַנומענע תּפילה.

— יעזוס, מיין יעזוס, פאַרוואָס פאַרלאָזטו מיך? דו זעסט, אין וואָס פאַר אַ סכּנה איך געפין זיך. קום מיר צו הילף, טייערער

ערלייזער, דיין פאָטער האָט מיך מער ניט ליב, ער וויל מיך מער ניט הערן, ביסטו געבליבן איינער ביי מיר. איך מיט גאָט — מיר האָבן שוין ניט וואָס צו טאָן איינער מיטן אַנדערן; איך קאָן אים ניט פאַרשטיין און ער קאָן ניט רחמנות האָבן אויף מיר. אָבער דו, דו ביסט געבוירן פון אַ פרוי, און דעריבער האָף איך אויף דיר. דערמאָן זיך, אַז דו ביסט געווען אַ מענטש. איך בעט דיך ניט דערפאַר, ווייל דו ביסט גאָט פון גאָט, ליכט פון ליכט, אמת פון אמת, נאָר דערפאַר, ווייל דו האָסט געלעבט אַן אָרעמער און אַן אומגליקלעכער אויף אָט דער ערד, ווו איך לייד, דערפאַר, ווייל דער שטן האָט געוואָלט פאַרפירן דיין גוף, ווייל דער גסיסה-שווייס האָט געגליווערט דיין שטערן, איך טו תפלה צו דיין מענטשלעכקייט, מיין יעזוס, מיין ברודער, יעזוס!

נאָך דעם, ווי ער האָט פאַרענדיקט זיין תפלה, ברעכנדיק די הענט, האָט זיך דערהערט אַ מוראדיקער געלעכטער, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די ווענט פונם אהל. און אַ שטים האָט דורכגעקלונגען צווישן די זיילן פון בנין, די שטים האָט געלאַכט און געזאָגט:

— אָט איז אַ תפילה, וואָס פאַסט אינגאַנצן פאַרן אַפּיקורוס מאַרקוס. פאַפנוטיוס איז אַן אריער! פאַפנוטיוס איז אַן אַריער!

ווי אַ דונערשלאָג וואָלט געטראָפן פאַפנוטיוסן. ער איז געפאַלן אַ פאַרחלשטער.

— —

בעת ער האָט געעפנט די אויגן, האָט ער דערזען אַרום זיך אַ סך גייסטלעכע אין שוואַרצע בגדים, וואָס האָבן געגאָסן אים וואַסער אויף די שלייפן און געזאָגט דערביי הייליקע פסוקים, אייניקע זיינען געשטאַנען ביים אַריינגאַנג מיט פאַלעמס אין די הענט.

— גייענדיק איבערן מדבר, — האָט געזאגט איינער פון זיי, — האָבן מיר דערהערט, ווי עמעץ שרייט דאָ אינם אהל. זיינען מיר אריין אין דערזען, אַז דו ליגסט אָן אַן אָטעם אויפן שטיינערנעם ברוק. די שדים האָבן אודאי דיך געפייניקט און זיינען זיך צעלאָפן, ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט.

פאַפנוטיוס האָט אויפגעהויבן דעם קאָפ און מיט אַ שוואַכער שטים געפרעגט:

— ווער זיינט איר, ברידער, און פאַרוואָס האַלט איר צווייגן פון פּאַלעמס אין די הענט! אפשר איז דאָס מיין לויה?

זיי האָבן אים געענטפערט:

— ווייסטו דען ניט, אַז דער פאָטער אנטאניוס, וואָס איז אַלט הונדערט און פינף יאָר, האָט באַקומען אַ ידיעה, אַז ער דאַרף אינגיכן שטאַרבן? איז ער אַראָפּ פון באַרג קאָלזען, וווּ ער איז געווען ביז אַהער, און גייט בענטשן אַלע זיינע גייסטיקע קינדער. און מיר גייען מיט די פּאַלעמס אים אַנטקעגן. אָבער דו, ברודער, ווי אַזוי ווייסטו ניט פון אַזאַ גרויס געשעעניש? דער מלאך פון הימל איז דען ניט געווען דאָ ביי דיר אין אהל, געבן דיר אַ ידיעה?

— ווי, — האָט געענטפערט פּאַפנוטיוס, — כ׳בין ניט ווערט אַזאַ גרויסן חסד! צו מיר אַהער אין וווינונג קומען נאָר בייזע רוחות און וואַמפּירן. טוט תפלה פאַר מיר. איך בין פּאַפנוטיוס, דער עלטסטער גלח פון אַנטינאָע, דער סאַמע אומגליקלעכער פון גאָטס קנעכט.

דערהערנדיק דעם נאָמען פּאַפנוטיוס, האָבן זיי אַלע אָנגעבויגן די קעפּ און געמורמלט זיינע שבחים. דער איינער, וואָס האָט פריער גערעדט, האָט אויסגעשריגן אַ פאַרחדושטער:

— אַזוי! ביסטו דאָס דער הייליקער פּאַפנוטיוס, וואָס איז באַרימט מיט זיינע מעשים ווי דער הייליקער אַנטאָניוס! דאָס האָסטו אומגעקערט צו גאָט די שפילערין טאַיס, דאָס ביסטו געווען אין דער הויך אויף אַ זייל, פון וואַנען די שרפים האָבן דיך צוגענומען? די, וואָס האָבן יענע נאַכט געוואַכט ביים זייל, האָבן געזען, ווי דו ביסט אַרויף אויפן הימל. די פליגלען פון די מלאכים האָבן דיך אַרומגערינגלט מיט אַ ווייסן וואָלקן, און דיין אויסגעשטרעקטע האַנט האָט געבענטשט די וווינונגען פון די מענטשן. אויף מאָרגן, ווען דאָס פאָלק האָט זיך דערוווּסט, אַז דו ביסט ניטאָ, האָט זיך אויפגעהויבן אַ געוויין, וואָס האָט דערגרייכט ביזן שפּיץ פון זייל, אויף וועלכן ס׳האָט שוין געפעלט די קרוין. אָבער פלאַוויאַנוס, דיין תלמיד, האָט אַלעמען מודיע געווען מכּוח דעם נס און איז געוואָרן אָנשטאָט דיר דער אָנפירער פון די מאָנאַכן. נאָר איינער אַ פּראָסטער מענטש מיטן נאָמען פּאַוולוס האָט געוואָלט שטעלן זיך קעגן אַלעמען. ער האָט

דערציילט, אַז ער האָט געזען אין חלום, ווי דיך האָבן שדים געכאַפּט און אַוועקגעטראָגן. דער המון האָט געוואָלט אים פאַרשטיינערן, ס׳אַ נס, וואס ער איז ניצל געוואָרן פון טויט. איך בין זאָסימאַס, דער אָנפירער פון די דאָזיקע מאָנאַכן, וואָס קניִען אָט־דאָ פאַר דיר. צוזאַמען מיט זיי שטעל איך זיך אויף די קני און דו זאָלסט בענטשן דעם פאָטער מיט די קינדער. דערנאָכדעם וועסטו אונז דערציילן די נסים, וואָס גאָט האָט דורך דיר באַוויזן.

— כ׳האָב גאָר ניט געפונען קיין חן אין גאָטס אויגן, ווי דו מיינסט,—האָט געענטפערט פּאַפנוטיוס,—אדרבא, ער האָט מיך געפּרוווט מיט די שרעקלעכסטע נסיונות. קיין שום מלאכים האָבן מיך ניט צוגענומען. פאַר מיינע אויגן איז נאָר אויסגעוואַקסן אַ שוואַרצע וואַנט, וואָס איז די גאַנצע צייט געגאַנגען מיר פאָרויס. כ׳האָב געלעבט, ווי אין חלום. אויסער גאָט איז אַלץ אַ חלום. בעת איך האָב געמאַכט מיין נסיעה קיין אלעקסאַנדריע, האָב איך דאָרט אין משך פון אַ פּאָר שעה געהערט אַ סך שמועסן, איך האָב זיך דערוווּסט, אַז ס׳איז פאַראַן אָן אַ שעור שקרים. זיי פאַרפאָלגן מיך און רייסן מיך אויף שטיקער.

זאָסימאַס האָט געענטפערט:

— חשובער פאָטער, ס׳איז באַוווּסט, אַז די הייליקע און בפרט די פרומע פרושים דאַרפן ביישטיין אַ סך נסיונות. אויב דיך אַליין האָבן די שׂרפים ניט אַרויפגעטראָגן אויפן הימל, האָבן זיי געוויס געטאָן דעם דאָזיקן חסד מיט דיין בילד, וואָרים פלאַוויאַנוס, די מאָנאַכן און דאָס פאָלק האָבן מיט די אייגענע אויגן געזען, ווי מ׳האָט דיך אַרויפגעטראָגן.

פּאַפנוטיוס האָט באַשלאָסן גיין צום הייליקן אַנטאָניוס, ער זאָל אים בענטשן.

— ברודער זאָסימאַס,—האָט ער געזאָגט,—גיב מיר איינע פון די דאָזיקע פאַלעם־צווייגן און לאָמיר גיין מקבל פּנים זיין אונזער פאָטער.

— לאָמיר גיין,—האָט געענטפערט זאָסימאַס,—דער מיליטערישער סדר פּאַסט פאַר מאָנאַכן, וואָס זיינען גאָטס חייל. מיר און דו, די אָנפירער, וועלן גיין בראש און די איבעריקע וועלן גיין נאָך אונז און זינגען מזמורים.

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין און פּאַפּנוטיוס האָט געזאָגט:

— גאָט איז איינער, ווייל ער איז דער אמת, און דער אמת איז איינער. די וועלט אָבער איז פילאַרטיק, ווייל זי איז שקר. מ'טאָר ניט קוקן אויף די נאַטור־ערשיינונגען אפילו אויף די, וואָס ווייזן זיך אונז אויס אומשולדיק. זייער פאַרשיידנאַרטיקייט, וואָס מאַכט זיי אָנגענעם, איז אַ סימן, אַז זיי זיינען שעדלעך. אָט דער־פאַר קאָן איך ניט קוקן אויף אַ פּאַפּירוס־בלום, וואָס וואַקסט אויף די שלעפעריקע וואַסערן, זי וועקט אין מיר אַ טיפן אומעט. אַלץ, וואָס מיר זיינען תּופס מיט אונזערע חושים, איז פאַרדאָרבן. דאָס קלענסטע זאַמד־קערנדל איז פאַר אונז אַ סכּנה. יעדע זאַך קאָן אונז פאַרפירן. די פרוי באַשטייט בלויז פון די אַלע פאַרפירערישע זאַכן, וואָס זיינען צעשפּרייט אומעטום: איבער דער לייכטער לופט, אויף דער בליענדיקער ערד, אין די קלאָרע וואַסערן. גליקלעך איז דער, וועמעס נשמה איז פאַרחתמעט, ווי אַ כּלי! גליקלעך זיינען די, וואָס פאַרשטייען גאָרנישט אויף דער וועלט, וואָס קאָנען זיין שטום, בלינד און טויב, כּדי בעסער צו פאַרשטיין גאָט!

זאָסימאַס האָט זיך אַריינגעטראַכט אין די דאָזיקע ווערטער און אַזוי געזאָגט:

— חשובער פאָטער, איך דאַרף פאַר דיר איצט זיך מתודה זיין, דערציילן דיר פון מיינע עבירות, ווייל דו האָסט מיר אַנטפּלעקט דיין נשמה. אויף אַזאַ אופן וועלן מיר, ווי אונזערע אַפּאָסטאָלן, זיך מתודה זיין איינער פאַרן אַנדערן. איידער איך בין געוואָרן אַ מאָ־נאַך, האָב איך געפירט זייער אַ פאַרדאָרבן לעבן. אין מאַדאַראַ, אין דער שטאָט, וואָס איז באַוווסט מיט אירע קורטיזאַנקעס, האָב איך אויסגעזוכט פלערליי ליבעס. נאַכט אין נאַכט האָב איך פאַרבראַכט מיט אויסגעלאַסענע יונגע לייט און פרויען און די, וואָס פלעגט מיר מער געפעלן, האָב איך גענומען צו זיך אַהיים. אַזאַ היילינקער, ווי דו, איז קיינמאָל ניט ביכולת פאָרשטעלן זיך צו וואָס ס'האָבן מיך געבראַכט מיינע תּאוות. כ'האָב געזינדיקט מיט מאַטראָנעס, מיט פרוי־ען, וואָס האָבן געהאַט מענער און מיט פרומע נזירות געטאָן די ערגסטע עולות.

כ'האָב געהיצט מיט ווייַן מיינע פאַרלאַנגען און האָב געהאַט

אַ שם פונם ערשטן שכור אין שטאָט. אבער איך בין געווען אַ קריסט און האָב, ניט קוקנדיק אויף די אַלע אומווירדיקייטן, פאַרהיט מיין גלויבן אינם געקרייצטן יעזוס. כ׳האָב געפטרט מיין גאַנץ עשירות און שוין געפילט, ווי איך ווער אָרעם. און אָט דעמאָלט איז איינער, דער געזונטסטער פון מיינע פריילעכע חברים, קראַנק געוואָרן אויף אַ שרעקלעכער קרענק. זיינע הענט און פיס האָבן אים מער ניט געדינט, זיינע אויסגעלאָשענע אויגן האָבן זיך פאַרמאַכט און פון האַלז זיינען אים אַרויס בלויז הייזעריקע קלאַנגען. זיין שכל האָט זיך פאַרטונקלט און איז אַנטשלאָפן געוואָרן. דערפאַר, וואָס ער האָט געלעבט, ווי אַ חיה, האָט אים גאָט געשטראָפט און פאַרוואַנדלט אין אַ חיה. און דאָס האָט אַזוי געווירקט אויף מיר, אַז כ׳האָב פאַרלאָזט די וועלט און בין אַוועק אין מדבר. און אָט צוואַנציק יאָר, אַז איך לעב אין רו און אין שלום. איך אַרבעט צוזאַמען מיט מיינע מאָנאַכן, כ׳בין אַ וועבער, אַ טאָקער, אַ טישלער און אפילו אַ שרייבער, הגם, דעם אמת געזאָגט, האָב איך אַ קליינע נטיה צום שרייבן, כ׳האָב תמיד מער ליב געהאַט אַרבעטן איידער דענקען. מיינע טעג זיינען פול מיט פרייד און מיינע נעכט זיינען רויקע נעכט, און איך גלויב, אַז גאָטס חסד איז מיט מיר, ווייל ביי די שרעקלעכסטע זינד האָב איך פאַרהיט דעם בטחון.

דערהערנדיק די דאָזיקע רייד, האָט פאַפנוטיוס אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געמורמלט:

— גאָט דער האַר, דער דאָזיקער מענטש איז באַגאַנגען אַזוי פיל עוולות, ער איז אַ פאַרברעכער, אַ גאָטס־לעסטערער און דו קוקסט אויף אים מיט ליבע, און פון מיר, וואָס האָט שטענדיק געהיט דיין געבאָט, קערסטו זיך אָפּ! אָ, גאָט, דיין משפט איז אומבאַוווסט און דיינע וועגן זיינען אומפאַרשטענדלעך!

זאָסימאַס האָט אויסגעשטרעקט די הענט.

— טו אַ קוק, חשובער פאָטער, מ׳וואָלט געקאָנט מיינען, אַז פון ביידע זייטן האָריזאָנט ציען זיך שוואַרצע שורות פון וואַנדלענדיקע מילבן. דאָס זיינען אונזערע ברידער, וואָס גייען, ווי מיר, מקבל פנים זיין דעם פאָטער אַנטאָניוס.

בעת זיי זיינען געקומען צום אָנגעמערקטן אָרט, האָבן זיי גע־

טראָפּן אַ ווונדער־שיין בילד. חיילות פון מאָנאַכן זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין דריי שורות און פאַרנומען אַ האַלב־קיילעכדיקן פּלאַץ. אין דער ערשטער ריי זיינען געשטאַנען די זקנים פונם מדבר, אין די הענט האָבן זיי געהאַלטן שטעקנס און די לאַנגע בערד זייערע האָבן באַריּרט די ערד. די מאָנאַכן מיט עפּרעם און סעראַפּיאָן בראש זיינען, ווי אויך די פּרושים פון נילוס, געשטאַנען אין דער צווייטער שורה. הינטער זיי די נזירים, וואָס זיינען געקומען פון די ווייטע בערג. אייניקע פון זיי האָבן באַדעקט מיט צעריסענע שמאַטעס זייערע פאַרשוואַרצטע אויסגעטריקנטע גופים. אַנדערע האָבן געטראָגן קליידער פון צוזאַמענגעבונדענע קאַמישן, איבערגעפלאָכטן מיט גראָזן. און אייניקע זיינען געווען גאָר נאַקעט, אָבער גאָט האָט זיי, ווי שעפּסן, באַדעקט מיט אַ געדיכטער האָריקער וואָל. און זיי אַלע האָבן געהאַלטן אין די הענט גרינע צווייגן פון פּאַלעם־ביימער. און געדאַכט האָט זיך, אַז אַ פילפאַרביקער רעגנבויגן איז אַראָפּ אויף די אויסדערווײלטע פון גאָט.

אויף דער פאַרזאַמלונג האָט געהערשט אַ גוטער סדר און פּאַפנוטיוס האָט תיכּף געפונען די מאָנאַכן פון זיין קלויסטער. ער האָט זיך געשטעלט נעבן זיי, פאַרדעקט דאָס פּנים מיטן קאַפּטער, ניט געוואָלט, אַז זיי זאָלן אים דערקענען. און אָט האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן אַ גרויסער טומל.

— דער הייליקער! — האָט מען געשריגן פון אַלע זייטן — דער הייליקער! אָט איז דער הייליקער מאַן! אָט איז דער, וועמען דער גהינם האָט ניט געקאָנט גובר זיין! גאָטס געליבטער! אונזער פּאָטער אַנטאָניוס!

דערנאָכדעם איז געוואָרן זייער שטיל און אַלע זיינען געפאַלן מיטן שטערן צום זאַמד.

פון דער הויך פון באַרג איז איבער דער ברייט פון מדבר לאַנגזאַם געגאַנגען אַנטאָניוס. אים האָבן אונטערגעהאַלטן זיינע צוויי געליבטע תלמידים מאַקאַריוס און אַמאַטאַס. ער איז געגאַנגען מיט שטילע לאַנגזאַמע טריט, אָבער אין זיין שטאָלצן ווּקס האָבן זיך נאָך געפילט רעשטלעך פון אַן איבערמענטשלעכער קראַפט. זיין ווייסע באָרד איז אים געפאַלן אויף דער ברייטער ברוסט און אויף זיין

הוילן שאַרבן האָבן, ווי אויף משהס שטערן, געגלאַנצט ליכטיקע שטראַלן. זיינע אויגן האָבן געבליצט, ווי ביי אַן אָדלער, און אויף די ליפּן האָט געשפּילט אַ קינדערשער שמייכל. ער האָט אויפגעהויבן זיינע הענט, וואָס זיינען מיד געווען פון דער דורותדיקער גרויסער אַרבעט, און האָט געבענטשט דאָס פאָלק מיט דער לעצטער קראַפט פון זיין ליבנדיקער שטים:

— ווי גוט ס'זיינען דיינע געצעלטן, יעקב, און דיינע רוהונ־גען, ישראל!

און תיכף האָט די גאַנצע לעבעדיקע וואַנט פון איין עק ביזן צווייטן, מיט אַ הארמאָנישן דונער אויסגעשאַלט דאָס קאַפּיטל:

— וויל איז דעם מענטשן, וואָס האָט מורא פאַר גאָט!

בעת מעשה איז אַנטאָניוס אומגעגאַנגען צווישן די רייען פון די מאָנאַכן, נזירים און פּרושים. דער זעער, וואָס האָט געזען דעם הימל און דעם גהינם, דער פּרוש, וואס איז געזעסן אין אַ הייל אויפן באַרג און האָט אָנגעפּירט מיטן קריסטלעכן קלויסטער, דער היילינקער, וואָס האָט אונטערגעהאַלטן דעם גלויבן ביי די אומגעקו־מענע קדושים, דער געלערנטער, וואָס האָט מיט זיינע שטאַרקע דרשות אַ תל געמאַכט פון דער אפּיקורסות—האָט איצט אַזוי ווייך און ליב גערעדט מיט יעדן פון זיינע גייסטיקע קינדער, ער האָט זיך מיט זיי וואַרעם געזעגנט ערב דעם גליקלעכן טויט, וואָס דער ליבער גאָט האָט אים מבטיח געווען.

צו די עלטסטע גלחים עפרעם און סעראַפּיאָן האָט ער גע־זאָגט:

— איר פירט אָן מיט אַ גרויס חייל און ביידע זיינט איר באַוווּסטע קעמפער. אויפן הימל וועט מען אויף אייך אָנטאָן גאָלי־דענעם כלי־זיין און דער מלאך מיכאל וועט אייך מאַכן פאַר די עלטסטע אָנפירער פון זיינע חיילות.

דעם אַלטן פּאַלעמאָן האָט ער אַ קוש געטאָן און געזאָגט:

— אָט איז דער ליבסטער און דער בעסטער פון מיינע קינ־דער. זיין נשמה פאַרשפּרייט אַזאַ געשמאַקן ריח, ווי דער בלוּמגס־ריח פון די באָבן, וואָס ער זייט אַלע יאָר.

דעם גלח זעאָסימאַס האָט ער אַזוי געזאָגט:

דו האָסט זיך ניט מיאש געווען פֿון גאָטס חסד און דערפֿאַר איז גאָטס רו אין דיר. די ליליע פֿון דיינע מעשים־טובים בליט אויף דיין פֿאַרפֿוילטן מיסט.

ער האָט זיך צו אַלעמען געווענדעט מיט קלוגע רייד.

צו די זקנים האָט ער געזאָגט:

— אַרום גאָטס כּסא־הכּבֿוד האָט דער אַפּאָסטאָל געזען פֿיר און צוואַנציק זקנים אין ווייסע קליידער מיט קרוינען אויף די קעפּ.

און צו די יונגע האָט ער געזאָגט:

— זייט פֿריילעך, לאָזט דעם אומעט פֿאַר די, וואָס זיינען גליקלעך אויף דער וועלט.

פֿאַפֿנוטיוס האָט דערזען, אַז ער גענענט זיך צו אים, איז ער געפֿאַלן אויף די קני און דאָס האַרץ האָט זיך אים שיער ניט צע־ריסן פֿון פּחד און האָפֿנונג.

— פֿאָטער מיינער, פֿאָטער,—האָט ער געשריגן פֿון יאוש,—קום, העלף מיר, ווייל איך קום אום. כ׳האָב אָפּגעגעבן גאָט די נשמה פֿון טאַיס, כ׳האָב געוווינט אויף אַ טורעם־זייל און אין אַן אהל אויף אַ בית־עלמין. מיין שטערן איז פֿון שטענדיקן בוקן זיך האַרט געוואָרן, ווי די קני פֿון אַ קעמל. און גאָט האָט זיך אָפּגעטאָן פֿון מיר. בענטש מיך, פֿאָטער, וועל איך נצול ווערן. באַשפּריץ מיך מיט הייליק וואַסער, כ׳וועל זיך אָפּוואַשן פֿון די זינד און וועל גלאַנצן, ווי דער ווייס־געפֿאַלענער שניי.

אַנטאָניוס האָט גאָרניט געענטפֿערט. ער האָט געקוקט אויף פֿאַפֿנוטיוסן מיט אַ שווערן שטרענגן בליק, דערנאָכדעם האָט ער אַ קוק געטאָן אויפֿן מאַנאַך פּאַוולוס, וועלכן מ׳האָט גערופֿן „דער תּם“. ער האָט אים אַ צייט באַטראַכט און אַ ווונק געטאָן ער זאָל זיך גענענען צו אים. אַלע האָבן זיך פֿאַרחדושט, וואָס דער הייליקער ווענדט זיך צו אַ דולן מענטשן. אָבער אַנטאָניוס האָט געזאָגט:

— גאָט האָט אים געשענקט זיין חסד, מער ווי יעדן פֿון אייך. הויב אויף די אויגן, מיין זון פּאַוולוס, און זאָג, וואָס זעסטו אין הימל?

פּאַוולוס, דער תּם, האָט אויפֿגעהויבן די אויגן, זיין געזיכט האָט געשטראַלט און דער צונג האָט זיך פֿאַנאַנדערגעבונדן.

— איך זע אין הימל,—האט ער געזאגט,—אַ געלעגער, אַרום שטייען אויף וואָך אומשולדיקע מיידלעך, וואס היטן קיינער זאל אַהין ניט גענענען זיך אויסער יענער אויסדערוויילטער, צוליב וועמען דער געלעגער איז אנגעגרייט.

פאַפנוטיוס האט אנגעהויבן לויבן גאט, געמיינט, אַז דער געלעגער איז אנגעגרייט פון זיין כבוד וועגן. אבער אַנטאָניוס האט אַ מאַך געטאן מיט דער האַנט, געהייסן אים שווייגן און הערן פּאַוולוסן, וואס איז אַריין אין דבקות און האט מיט התפעלות געמורמלט:

— די דריי יונגע מיידלעך רעדן מיט מיר. זיי זאָגן מיר: אַ הייליקע נשמה דאַרף פאַרלאָזן די וועלט. טאַיס פון אַלעקסאַנדריע שטאַרבט אַוועק. און מיר האָבן פון כבוד וועגן צוגעגרייט דעם געלעגער. מיר זיינען אירע מעשים טובים—אמונה, פחד און ליבע.

אַנטאָניוס האָט געפרעגט:

— ליב קינד, וואָס זעסטו נאָך?

אומזיסט האָט פּאַוולוס געזוכט מיט די אויגן, געקוקט אין דער הויך און אין דער נידער, אויף מזרח און אויף מעריב, און פּלוצים איז זיין בליק געפאַלן אויפן גלח פון אַנטינאָע. זיין פּנים איז בלאַס געוואָרן פון הייליקן פחד און אין די שוואַרצאַפּלען האָבן זיך ביי אים אָנגעצונדן פאַרבאַהאַלטענע פייערלעך.

— איך זע,—האָט ער געמורמלט,—דריי שדים, וואָס זיינען פול מיט שמחה. זיי קלייבן זיך כאַפּן דעם דאָזיקן מענטשן. איינער פון זיי האָט אַן אויסזען פון אַ טורעם, דער צווייטער פון אַ פרוי, דער דריטער פון אַ כשופמאַכער. אויף אַלע דריי זיינען מיט גליענדע אייזנס אויסגעברענט די נעמען זייערע. אויף איינעם—גאווה, אויפן צווייטן תאווה און אויפן דריטן—ספק. כ'האָב געענדיקט.

פּאַוולוס האָט מיט בלאָנזשענדיקע אויגן און מיט אַן אָפן מויל ווידער באַקומען דאָס אויסזען פון אַ תם.

די מאָנאַכן פון אַנטינאָע האָבן געוואָרפן אומרויקע בליקן אויף פּאַפנוטיוסן, אָבער דער הייליקער אַנטאָניוס האָט נאָר אַרויסגעזאָגט די עטלעכע ווערטער:

— גאָט האָט אונז געגעבן צו וויסן זיין גערעכטן משפט, מיר דאַרפן אָנבויגן די קעפּ און שווייגן.

ער איז אַוועק ווייטער. געגאַנגען און געבענטשט. די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום האָריזאָנט און גאָט האָט מיט זיין חסד פאַרגרעסערט דעם שאָטן פונם הייליקן אַנטאָניוס, און ער, דער שאָטן, האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אַהינטער אים, ווי אַן אומענדלעכער טעפּיך, אַ סימן, אַז דעם הייליקנס אָנדענק וועט לאַנג, לאַנג לעבן צווישן די מענטשן.

פאַפנוטיוסן האָט ווי אַ דונער געטראָפן, ער איז געשטאַנען אַ דערשלאָגענער, גאָרנישט ניט געהערט און גאָרנישט ניט געזען. נאָר די צוויי ווערטער האָבן אים געשאַלט אין די אויערן: „טאַיס שטאַרבט!" אַזאַ געדאַנק איז אים קיינמאָל ניט אַרויף אויפן זינען. צוואַנציק יאָר האָט ער באַטראַכט דעם קאָפּ פון אַ מומיע און מיט אַמאָל האָט אים איבערראַשט דער געדאַנק, אַז דער טויט וועט אויסלעשן די אויגן פון טאַיס.

„טאַיס שטאַרבט!" אומפאַרשטענדלעכע ווערטער! אין די דאָזיקע צוויי ווערטער איז געלעגן אַ נייער, אַ מוראדיקער זינען. „טאַיס שטאַרבט!" צו וואָס איז דאַן די זון, די בלומען, די טייכלעך און די אַלע באַשעפענישן? „טאַיס שטאַרבט!" צו וואָס איז דאַן די גאַנצע וועלט? מיט־אַמאָל איז ער אויפגעשפּרונגען. זען זי, זען זי נאָך איין מאָל! און ער האָט זיך געלאָזט לויפן. ער האָט ניט געוווסט ווו איז ער און וווהין גייט ער. אָבער דער חוש זיינער האָט אים געפירט מיט אַן אינעווייניקסטער זיכערקייט. ער איז געגאַנגען צום טייך נילוס. אַ גאַנצע מחנה זעגלען האָבן באַדעקט די גרויסע וואַסערן פונם טייך. ער איז אַריינגעשפּרונגען אין אַ נוביער שיף, אויסגעצויגן זיך אויף אַ פעדערשטער באַנק, געשלונגען דעם מרחק מיט די אויגן און, ווי אַ משוגענער, געשריגן פון ווייטאָק.

— משוגע, משוגע בין איך געווען, וואָס כ'האָב ניט פאַרמאָגט טאַיס דעמאָלט, ווען ס'איז נאָך געווען אַ מעגלעכקייט! ס'איז אַן אומזין געווען צו טראַכטן, אַז ס'איז פאַראַן עפּעס אויף דער וועלט אויסער איר! אָ, משוגענער! כ'האָב געטראַכט פון גאָט, פון מיין נשמה, פון אַן אייביקן לעבן. איז דאָס אַלץ דען עפּעס ווערט געווען נאָך דעם, ווי כ'האָב געזען טאַיס? ווי האָב איך ניט דערפילט, אַז די גליקלעכע אייביקייט ליגט פאַרבאַהאַלטן אין איין קוש פון

דער דאָזיקער פּרוּי! ווי האָב איך ניט פאַרשטאַנען, אַז אָן איר האָט דאָס לעבן קיין זינען ניט, אַז אָן איר איז דאָס לעבן נאָר אַ שלעכטער חלום! אָ, שוטה, דו האָסט זי געזען און ביסט אַוועק זוכן גליקן פון אַ יענער וועלט! אָ, טויגעניכטס, דו האָסט זי געזען און מורא געהאַט פאַר גאָט! גאָט! הימל! וואָס איז דאָס אַזוינס? און וואָס קאָנען זיי דיר פאָרלייגן אַזעלכס, וואָס זאָל ווערט זיין דאָס מינדסטע פיצל פון דעם, וואָס זי וואָלט דיר געקאָנט געבן? וואָס פאַר אַ האַנט איז דיר געלעגן אויף דיינע אויגן? פאַרשאָלטן זאָל זיין דער, וואָס האָט דיך דעמאָלט בלינד געמאַכט! פאַר איין רגע בלויז פון איר ליבע וואָלסטו באַצאָלט מיט דיין עולם-הבא און דו האָסט דאָס ניט געטאָן! זי האָט דיר אויפגעעפנט אירע אָרעמס, איר דופּטיק בליענדיק לייב און דו ביסט ניט געזונקען אין די זיסע פאַרגעניגנס פון איר ברוסט! דו האָסט געפאָלגט די אייפערזיכטיקע שטים, וואָס האָט דיר געזאגט: „האַלט זיך אָפּ!“ שוטה, שוטה, אומגליקלעכער שוטה! אָ, אומגליק! אָ, חרטה! אָ, יאוש! ניט האבן די פרייד אַוועקצוטראגן מיט זיך אין גיהנום דעם זכרון פון דער זיסער שעה, ניט קאָנען שרייען צו גאָט: „ברען מיין לייב, טריקן אויס דאס בלוט פון מיינע אָדערן, דעם מאַרך פון מיינע ביינער, דו ווערסט אבער ביי מיר ניט אָפּנעמען דעם אנדענק, וואס קוויקט מיך, וואס פרישט מיך אָפּ אויף דור-דורות!... טאַיס שטאַרבט! און וועט קיינמאל ניט זיין מיינע, קיינמאל, קיינמאָל!...“

די שיף איז געגאַנגען מיטן שטראם און ער איז געלעגן אראפּצו מיטן פנים און אַלץ געחזרט:

— קיינמאָל! קיינמאל! קיינמאל!

און דערמאנענדיק זיך, אַז זי האט ליב געהאַט אַנדערע און ניט אים, אַז זי האָט פאַרשפּרייט גאַנצע קוואַלן פון ליבע אויף דער וועלט און ער האָט אפילו די ליפּן ניט איינגעטונקט אין זיי—האָט ער אַ ווילדער געברומט פאַר ווייטאק. ער האָט זיך געריסן די ברוסט מיט די נעגל און געביסן זיך די הענט. ער האָט געטראַכט:

— ווען איך וואלט געקאנט הרגענען די אַלע, וועמען זי האט ליב געהאַט!

דער געדאַנק פון מארד האט אנגעפילט זיין נשמה מיט אַ זיסן

האָס. ער האָט געטרוימט דערשטיקן ניקיאַסן לאַנגזאַם, ניט געיילט, קוקן אים טיף־טיף אין די אויגן אַריין. דערנאָכדעם איז זיין האַס מיט־אַמאָל פאַרשווונדן געוואָרן. ער האָט געוויינט, געקלאָגט, געוואָרן אַזוי ווייך און מילד. אַ מין צאַרטקייט האָט אַנגעפילט זיין נשמה. ס'האָט זיך אים פאַרגלוסט זיך וואַרפן אויפן האַלז ניקיאַסן, דעם חבר פון זיין קינדהייט, און זאָגן אים: „ניקיאַס, כ'האָב דיך ליב, ווי דו האָסט זי ליב. דערצייל מיר פון איר. זאָג מיר דאָס, וואָס זי האָט דיר געזאָגט". און איין געדאַנק האָט אים שטענדיק געעקבערט:— „טאַיִס שטאַרבט!" שיין פון זון! זילבערנע שאָטנס פון נאַכט! שטערן, הימלען, ביימער מיט טאָפּלדיקע קרוינען, ווילדע חיות, היימישע פי, בענקנדע מענטשלעכע נשמות—צי הערט איר דען ניט: „טאַיִס שטאַרבט!" שיין, לופט און דופט פאַרשווינדט! ווערט נעלם, וועלטס בילדער און געדאַנקען. „טאַיִס שטאַרבט!" זי איז געווען די שיינקייט פון דער וועלט! ווי שיין זיי זיינען געווען די אַלטע חכמים, די דאָזיקע זקנים, וואָס זיינען געזעסן נעבן איר דעמאָלט אויפן מאָלצייט אין אַלעקסאַנדריע! ווי אָנגענעם ס'האָבן געקלונגען זייערע שמועסן! וויפיל שמייכלענדיקע ווערטער האָבן געשוועבט אויף זייערע ליפּן און ווי שיין ס'האָבן געדופטעט זייערע ליידנשאַפטלעכע געדאַנקען! און ס'איז בלויז דערפאַר, ווייל טאַיִס איז געווען דערביי, נעבן זיי. דערפאַר זיינען זייערע געשפּרעכן פול געווען מיט ליבע, מיט שיינקייט, מיט אמת. דער ליבלעכער ניט־גלויבן האָט צוגעגעבן אַזוי פיל חן זייערע ווערטער. זיי האָבן אַזוי לייכט אויסגעדריקט די מענטשלעכע שיינקייט! וויי, און דאָס אַלץ איז ניט מער ווי אַ חלום! טאַיִס שטאַרבט! אָ, גאָטירלעך, כ'וועל שטאַרבן מיט איר טויט! אָבער קאָנסטו דען שטאַרבן, אויסגעטריקנט שטערנדל, אומגליקלעך מפּלע, דענקסטו הנאה האָבן פון טויט, דו, וואָס האָסט ניט געוווסט פון לעבן! זאָל זיין אַ גאָט און זאָל ער מיך פאַרמשפּטן! כ'האָף עס, כ'וויל עס; גאָט, וואָס איך האָס, הער מיך אויס! פאַרמשפּט מיך אויף אייביקע יסורים. כדי דו זאָלסט דאָס מוזן טאָן, שפּיי איך דיר אין פּנים! כ'מוז געפינען אַן אייביקן גיהנום, און זאָל זיך דאָרט בּיסלעכווייז אויסוועפן דער אייביקער צאָרן, וואָס ברענט אין מיר.

מיטן באַגינען האָט אַלבינאַ אויף דער שוועל פון איר קאַמער מקבל פנים געווען דעם גלח פון אַנטינאָע.

— זייט באַגריסט אין אונזער רויִקער וווינונג, חשובער פאָטער. ביסט אוודאי געקומען בענטשן די הייליקע, וואָס דו האָסט אונז געגעבן. דו ווייסט, אַז דער גוטער גאָט רופט זי צו זיך, און ווי אַזוי זאָלסטו ניט וויסן פונם נייעס, וואָס די מלאכים האָבן אָנגעזאָגט פון מדבר צו מדבר? ס'איז אמת, טאַיִס האַלט ביים אַוועקגיין פון דער וועלט. איר שליחות איז שוין פאַרענדיקט. אין אַ פּאָר ווערטער וועל איך דיר דערציילן, ווי אַזוי זי האָט געלעבט צווישן אונז. נאָך דעם, ווי דו ביסט אַוועק, פאַרשפּאַרנדיק זי אינעם קאַמער, וואָס דו האָסט פאַרחתמעט, האָב איך איר געשיקט אַהין עסן און אַ פלייט, איינע פון די פלייטן, אויף וועלכע עס שפּילן אויף די מאָלצייטן די פרויען פון איר פאַך. כ'האָב דאָס געטאָן אַזוי, כדי זי זאָל ניט אַריינפאַלן אין עצבות און כדי זי זאָל פאַר גאָט אַרויסווייזן ניט ווייניקער קונסט, ווי זי האָט אַרויסגעוויזן פאַר מענטשן. טאַיִס האָט אַ גאַנצן טאָג געזונגען אויפן פלייט אַ שבח דעם רבונו של עולם. און די מיידלעך, די שוועסטער, וואָס האָבן הנאה געהאַט פון די פאַרבאָרגענע קלאַנגען, האָבן געזאָגט: „מיר הערן דעם סאָלאָוויי פון גאָטס וועלדער, דאָס שוואַנען־ליד פון יעזוס”. אָט אַזוי האָט טאַיִס תשובה געטאָן. אין זעכציק טעג אַרום האָט די טיר, וואָס דו האָסט פאַרחתמעט, אַליין זיך געעפנט, די ליימענע חתימה איז זיך צעפאַלן, הגם קיין איין מענטשלעכע האַנט האָט זיך צו איר ניט צוגערירט. פאַר מיר איז דאָס געווען אַ צייכן, כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז גאָט האָט מוחל געווען די עבֵרות פון טאַיִס. פון דעמאָלט אָן האָט זי געלעבט צוזאַמען מיט מיינע טעכטער, איינעם מיט זיי געאַרבעט און תפלה געטאָן. מיט אירע פיינע שיינע מדות האָט זי זיך אויס־געצייכנט מער פון אַלע אירע חברטעס. צייטנווייז איז זי געווען אומעטיק, אָבער די דאָזיקע וואָלקנס פלעגן פלינק איבערגיין. ווען איך האָב דערזען, אַז זי האָט זיך צוגעבונדן צו גאָט מיט איר גלויבן, האָפנונג און ליבע, האָב איך שוין קיין מורא ניט געהאַט אויסצונוצן איר קונסט און איר שיינקייט פאַר אירע שוועסטערס וועגן. כ'האָב זי איינגעלאַדן פאָרשטעלן פאַר אונז די צדקניות, די

פרומע פרויען פון דער הייליקער שריפט. זי האָט געשפּילט אסתרן, דבורהן, יהודיתן, מרימען, די שוועסטער פון אליעזר, און מרימען, די מוטער פון יעזוס. כ׳ווייס, חשובער פאָטער, אַז דו ביסט אַ שטרענגער און דיר זיינען ניט צום האַרצן די דאָזיקע פאָרשטעלונגען. אָבער דו אַליין וואָלסט זיין גערירט, ווען דו וואָלסט געזען, ווי זי שפּילט די פרומע פרויען, ווי זי גיסט אמתע טרערן און שטרעקט די הענט צום הימל. שוין לאַנג, אַז איך פיר אָן מיט פרויען און אַ טבע האָב איך ניט שטערן זיי אין זייערע געוווינהייטן. ניט פון אַלע זייונגען וואַקסן אויס אייגע און די זעלבע בלומען, און ניט אַלע נשמות קאָן מען הייליקן אויף איין און דעם זעלבן אופן. דערצו דאַרף מען נעמען אין אַכט, אַז טאַיס איז געקומען צו גאָט דעמאָלט, ווען זי איז נאָך געווען אַ שיינע און אַזאַ קרבן, אויב ער איז ניט דער איינציקער, טרעפט ער, לכל הפחות, זייער זעלטן... איר שיינקייט, דאָס איז איר לבוש. איר שיינקייט האָט זי ניט אָנגעווירן אויך אין פיבער, וואָס דויערט שוין דריי חדשים. די גאַנצע צייט, זינט זי איז קראַנק, וויל זי זען דעם הימל און אַלע אין דערפרי הייס איך שטעלן איר בעטל אין הויף נעבן ברונים אונטערן אַלטן פייגנבוים, דאָרט, ווו די הייליקע שוועסטער פאַרזאַמלען זיך תמיד אין שאָטן. אָט דאָרטן וועסטו זי איצט טרעפן, חשובער פאָטער, אָבער אייל זיך. ווייל גאָט רופט זי צו זיך און היינט אָוונט וועט איר שיינער קערפער שוין זיין אָנגעטאָן אין תכריכים.

פּאַפנוטיוס איז צוזאַמען מיט אַלבינאַן געגאַנגען אין הויף, וואָס איז געווען איצט פאַרגאָסן מיט פרימאָרגן־שיין. אויף די ליימענע דעכער זיינען אין דער לענג אין אַ שורה, ווי אַ שניר פערל, געזעסן טויבן. אויפן געלעגער אין שאָטן פונם פייגנבוים איז געלעגן טאַיס, איינגאַנצן אַ ווייסע מיט צונויפגעלייגטע הענט אויף דער ברוסט. נעבן איר זיינען געשטאַנען די הייליקע שוועסטער און האָבן געלייענט די תפלות, וואָס מע זאָגט ביי אַ נפטר:

— „ל י י ט ז ע ל י ק מ י ך, ג אָ ט, ו ו י ד י י ן ח ס ד א י ז, ו ו י ד י י ן ג ר ו י ס ר ח מ נ ו ת א י ז, מ ע ק אָ פּ מ יי נ ע ז י נ ד".

ער האָט זי אַ רוף געטאָן:

— טאַיס!

זי האָט אויפגעהויבן די ווײַעס און האָט אַ קער געטאָן אין זייט די ווייסלעך פון די אויגן.

אַלבינאַ האָט אַ ווונק געטאָן צו די שוועסטער, זיי זאָלן אָפּגיין אָן אַ זייט.

— טאַיס,—האָט ווידער גערופן דער מאָנאַך.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און לייכט דורכגעטעמט:

— דאָס ביסטו, מיין פאָטער? געדענקסט דאָס וואַסער פון קוואַל און די טייטלען, וואָס מיר האָבן דעמאָלט אַראָפּגעריסן? אין יענעם טאָג, פאָטער, האָב איך דערוווסט זיך פון ליבע... פון לעבן...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און איר קאָפּ איז געפאַלן צוריק אויפן געלעגער.

טאַיס האָט געגוססט. אויף איר שטערן האָט גערוט שוין אַ קאַלטער שווייס. אין דער אַרומיקער שטילקייט האָט זיך דערהערט אַ קלאָגעדיק ברומען פון אַ טויב. די שוועסטער האָבן געוויינט און געזאָגט תהילים:

— „וואַש מיך אָפּ מער און מער פון מיינע זינד און פון מיין עבירה ריינ־ק מיך, וואָרים מיינע זינד וויים איך און מיין עבירה שטייט תמיד פאַר מיר".

טאַיס האָט זיך מיט־אַמאָל אויפגעהויבן אויפן געלעגער. אירע בלויע אויגן האָבן זיך ברייט פאַנאַנדערגעעפנט, די בליקן האָבן געבלאָנזשעט און די אויגן זיינען געווען אויסגעשטרעקט צו ווייטע בערג. און מיט אַ לויטערער, פרישער שטים האָט זי געזאָגט:

— אָט זיינען זיי, די רויזן פונם אייביקן פרימאָרגן.

אירע אויגן האָבן געגלאַנצט, דער פּנים האָט לייכט געברענט. זי האָט ווידער אויפגעלעבט אַ שיינע, אַ צאַרטע, ווי תמיד.

פּאַפנוטיוס האָט זיך געשטעלט אויף די קני און אַרומגענומען זי מיט זיינע שוואַרצע הענט.

— שטאַרב ניט!—האָט ער געשריגן מיט אַ מאָדנער שטים, וואָס ער אַליין האָט ניט דערקענט,—איך ליב דיך, שטאַרב ניט! הער, טאַיס, מיין טאַיס! כ'האָב דיך אָפּגענאַרט. כ'בין געווען משוגע און אומגליקלעך. ניטאָ ניט קיין גאָט, ניט קיין הימל! ס'איז פאַראַן נאָר דאָס ערדישע לעבן און די ערדישע ליבע. כ'האָב דיך ליב, שטאַרב

ניט! דאָס איז אוממעגלעך! דו ביסט מיר טייער! קום, קום מיט מיר! לאָמיר אַנטלויפן! כ׳וועל דיך אַוועקטראָגן ווייט, ווייט אין מיינע אָרעמס! קום, לאָמיר זיך ליבן, הער מיך אויס, אָ, מיין געליבטע, און זאָג: „איך וועל לעבן, איך וויל לעבן“. טאַטע, טאַטע, שטיי אויף!

זי האָט אים ניט געהערט. אירע בליקן האָבן געבלאָנזשעט איבער דער אומענדלעכקייט.

זי האָט געמורמלט:

— דער הימל עפנט זיך. איך זע די מלאכים, די נביאים און די הייליקע. דער גוטער טעאָדאָר איז צווישן זיי. ער האַלט אַ סך, אַ סך בלומען אין די הענט. ער שמייכלט צו מיר און רופט מיך... צוויי שרפים גענענען זיך צו מיר... ווי שיין זיי זיינען!.. איך זע גאָט.

זי האָט פריילעך אַן אָטעם געטאָן און דער קאָפּ איז איר שווער געפאַלן אויפן קישן. טאַטע איז געווען טויט. פּאַפנוטיוס האָט אַ פאַריאושטער זי אַרומגענומען און געפרעסן זי מיט די אויגן, וואָס זיינען געווען פול מיט פאַרלאַנג, מיט צאָרן און מיט ליבע.

אַלבינאַ האָט אים אַ געשריי געטאָן:

— אַוועקגיי, פאַרפלוכטער!

און זי האָט צאַרט אַנידערגעלייגט איר האַנט אויף די אויגן פון דער פאַרשטאָרבענער. פּאַפנוטיוס איז אָפּגעגאַנגען, וואַקלענדיק זיך. זיינע אויגן האָבן געשפריצט מיט פלאַמען, און די ערד, האָט ער געפילט, שפּאַלט זיך אים אונטער די פיס.

די הייליקע שוועסטער האָבן געזונגען דאָס געזאַנג פון זכריה:

„געלויבט ביסטו גאָט דער האַר, דער גאָט פון ישראל“.

זייערע שטימען אָבער האָבן זיך מיט־אַמאָל איבערגעריסן, זיי האָבן דערזען דאָס געזיכט פונם נזיר און פון שרעק געלאָזט זיך לויפן און געשריגן:

— אַ וואַמפּיר! אַ וואַמפּיר!

ער איז געוואָרן אַזוי מיאוס, אַז דורכפירנדיק מיט דער האַנט איבערן געזיכט, האָט ער דערפילט זיין העסלעכקייט.

In memory of dearly beloved
Geraldine (Gerry) Friedman
DONATED BY HER FATHER
TO THE
MOUNT SINAI SANATORIUM

פאַרלאַג
„קולטור=ליגע“ וואַרשע

1)	קולטור=ליגע I	120	מאַרק
2)	קולטור=ליגע II	120	„
3)	רויטער פנקס I	675	„
4)	ב. שטיימאַן—דראַמען	180	„
5)	י. אָפּאַטאָשו—אין פּוילישע וועלדער	960	„
6)	פּרץ מאַרקיש—די קופּע	500	„
7)	פּרץ מאַרקיש—סתּם (לידער)	600	„
8)	י. י, זינגער—ערד=ווי! (דראַמע)	200	„
9)	א. פראַנס—טאַיס (ראָמאַן)	600	„
10)	א. ספּיוואַק—יידיש=לרעסטאָמאַטיע	350	„
11)	ח. ש. קאַזדאַן—פאַר שול און היים (אונזער שטעטל)	200	„
12)	ש. גילינסקי—אַלגעמיינער שמועס אין פאָלקס=שול	120	„
13)	י. ל. פּרץ—קינדער=לידער	45	„
14)	דער נסתּר—מעשהלעך אין פערזן	150	„
15)	מענדעלי מוכר ספרים—דאָס קעלבל	90	„
16)	ה. אַנדערסען—מעשהלעך—יידיש—נסתּר	750	„

שול=ביבליאָטעק.

17)	№ 1	מענדעלי מוכר ספרים—דאָס קעלבל	60	„
18)	№ 2	שלום=עליכם—דאָס מעסערל	60	„
19)	№ 3	י. ל. פּרץ—קינדער=לידער	30	„
20)	№ 4	ש. פרוג - דאָס שטייסל	35	„
21)	№ 5	מ. ז. פייערבערג—ביינאַכט	55	„
22)	№ 6	ח. נ. ביאַליק—נח און מאַרינקאַ	50	„
23)	№ 7	שלום אַש—יאָסעלע	75	„
24)	№ 8	א. רייזען—דער בוים, די פאַבריק	50	„
25)	№ 9	מ. סטאַווסקי—לבן הארמי	80	„
26)	№ 10	א. ראובני—קינדער	85	„
27)	№ 11	א. פראַנס—בלומען	85	„
28)	№ 12	ל. אַנדרייעוו—אַ הונט	75	„
29)	№ 13	א. דאָדע—דאָס ווייסע ציגעלע און אַנד.	85	„

אַנדערסענס מעשהלעך.

30)	№ 1	די מוטער און אַנד.	55	„
31)	№ 2	דער זינגפויגל און אַנד.	55	„
32)	№ 3	דאָס ים טעכטערל „ „	85	„
33)	№ 4	אָלע=לוק=אָיע „ „	45	„

(34	№ 5	די ווילדע שוואַנען	70	„
(35	№ 6	ברויזעלע	70	„
(36	№ 7	דער גן=עדן	60	„
(37	№ 8	די שניי=מלכה	115	„
(38	№ 9	דאָס העסליכע קאטשערל	55	„
(39	№ 10	דער גרויסער און קליינער קלויס	70	„
(40	№ 11	דאָס טענענביימל	45	„
(41	№ 12	דעם מלכס ניי קלייד	60	„

מעשהלעך פאַר קליינע קינדער.

(42	№ 1	א מעשה מיט דריי בערן	24	„
(43	№ 2	א מעשה מיט אן אַלטער פרוי	24	„
(44	№ 3	דער לייב און דער מויק	24	„
(45	№ 4	א מעשה מיט חזירימלעך	24	„
(46	№ 5	א מעשה מיט א בער	24	„
(47	№ 6	דאָס גאָלדענע קייקעלע	24	„
(48	№ 7	יענטעלע—רויט=מענטעלע	16	„
(49	№ 8	אנדערס ניי היטעלע	32	„
(50	№ 9	דער רעטעך	24	„
(51	№ 10	לידעלעך—מעשהלעך	24	„
(52		צען מעשהלעך פאַר קליינע קינדער	225	„

קלאַסיקער=ביבליאָטעק פאַר יוגנט.

(53	מענדעלי מוכר ספרים—מסעות בנימין השלישי	200	„
(54	שלום=עליכם—טביה דער מילכיקער	500	„
(55	„ „ „ „ „ I	260	„
(56	„ „ „ „ „ II	260	„

שלום-עליכם—טוביה דער מילכיקער.

(57	№ 1	קטנתי. דאָס גרויסע געווינס	70	„
(58	№ 2	א בוידעם	55	„
(59	№ 3	היינטיקע קינדער	65	„
(60	№ 4	האָדל	60	„
(61	№ 5	חוה	55	„
(62	№ 6	שפרינצע	55	„
(63	№ 7	טביה פאָרט קיין א״י	70	„
(64	№ 8	לך=לך=ולחלקלקות	75	„

אדרעס: פאַר בריוו: (וואַרשע, לעשנע 52 וו. 3, „קולטור=ליגע
פאַר געלט: (פאָסט=טשעק=קאָנטאָ 2428.